STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10289

LENIN

David Shubb

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. שוב

לענין

דער מענש, דער רעוואָלוציאָנער און דיקטאַטאָר

אַ פּאָליטישע ביאָגראַפיע פון דעם קאָמוניזם

פאַרלאַג „וועקער"
ניו יאָרק, 1928.

Copyright, 1928, by
David Shub

200 אַפּ־טו־דייט פּרינטינג קאָ., 476 בראָדוויי, נ. י.

אינהאַלט

פאָרוואָרט 7

ערשטער קאַפּיטעל

די אוליאַנאָוו-משפחה 9

וולאַדימיר אוליאַנאָוו-לענין. — דער טאַטע, די מאַמע און דער ברודער אַלעקסאַנדער. — אַלעקסאַנדער׳ס הינריכטונג און דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אין רוסלאַנד אין די 80יגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט. — אוליאַנאָוו און די פאַמיליע קערענסקי. — אַ מערקווירדיגער היסטאָרישער צופאַל.

צווייטער קאַפּיטעל

דער יונגער וולאַדימיר אוליאַנאָוו 16

וולאַדימיר אוליאַנאָוו, אַלס סטודענט און שפּעטער אַלס געהילפס-אַדוואָקאַט אין פּעטערבורג. — ביי דער מאַמען אין סאַמאַראַ. — די מאַמע, די שוועסטער און דער אינגערער ברודער. — דער הונגער אין רוסלאַנד אין די יאָהרען 1891-1892 און אוליאַנאָוו׳ס באַציהונג צו דער פראַגע וועגען העלפען די הונגעריגע. — אוליאַנאָוו׳ס איינפלוס אויף דער רעוואָלוציאָנערער יוגענט. — דער יונגער אוליאַנאָוו און דער צוקינפטיגער לענין.

דריטער קאַפּיטעל

לענין אַלס מאַרקסיסט.—אין פּעטערבורג.—אין סיביר 24

די ערשטע פּעטערבורגער אַרבייטער-סטרייקס און לענינ׳ס ראָלע אין זיי. — דער פּעטערבורגער „קאַמפס-פאַראיין פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבייטער-קלאַס". — לענינ׳ס אַרעסט און פאַרשיקונג אין סיביר. — אין אויסלאַנד. — דער קאַמף געגען די „עקאָנאָמיסטען". — לענין און פּלעכאַנאָוו.

פערטער קאַפּיטעל

די עפּאָכע פון דער „איסקרא“ 42

די ערשטע טעאָרעטישע באַגרינדונג פון „לעניניזם“. — דער צווייטער צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבייטער פּארטיי. — אקסעלראָד, מארטאָוו און פּאָטרעסאָוו. — די שפּאַלטונג אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. — לענין ווערט דער דיקטאַטאָר פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי.

פינפטער קאַפּיטעל

לענינ'ס ראָלע אין דער ערשטער רעוואלוציע פון יאהר 1905 64

די רעוואָלוציע פון יאָהר 1905. — די גרינדונג פון דעם פּעטערבורגער סאָוועט פון אַרבייטער דעפּוטאַטען. — לענין געגען סאָוועטיזם. — זיין ראָלע אין די פּאַסירונגען פון די יאָהרען 1905־1906. — לענינ'ס לאָזונגען אין דער רעוואָלוציע. — דער באָיקאָט פון די וואהלען צו דער ערשטער דומא. — לענינ'ס קאַמף געגען דער דומא. — לענין און דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

זעקסטער קאַפּיטעל

אין קאמף געגען די ליבעראלען און מעסיגע סאָציאליסטען 79

די וואַהל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומא. — לענינ'ס קאַמף געגען די מעסיגע סאָציאַליסטען. — „אויף געגנער מעג מען אויסטראכטען ליגענס און בלבולים, כדי זיי צו דיסקרעדיטירען“, זאָגט לענין. — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע פון דער צווייטער דומא. — לענין און סטאָליפּין. — דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר. — די צוטרייבונג פון דער צווייטער דומא.

זיבעטער קאַפּיטעל

אין דער באָלשעוויסטישער אונטערוועלט 87

דער „באָלשעוויסטישער צענטער“ און די „אַפּערע פון חבר וויקטאָר“. — סטאַלין, ליטווינאָוו און קראַסין. — די עקספּראָפּריאציעס. — לענין ווידער אין עמיגראציע. — די שפּאַלטונג אין דער באָלשעוויסטישער פראַקציע. — אַלע באָלשעוויסטישע גדולים פאַרלאָזען לענינ'ען. — די דריי פּארבליבענע געטריייע פריינט.

אכטער קאפיטעל

די עפּאָכע פון דער לעגאַלער ארבייטער באוועגונג, 109

די אויפלעבונג פון דער לעגאַלער ארבייטער־באוועגונג אין פּעטערבורג און אין די אַנדערע שטעדט. — לענין אין קאַמף געגען דער לעגאַלער ארבייטער־באוועגונג. — זיין שטאַב אָהן אַן אַרמיי. — די גרינדונג פון דער פּעטערבורגער „פּראַוודאַ" און לענינ'ס קאַמף געגען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דומאַ־פראַקציע. — דער דעפּוטאַט מאַלינאָווסקי און די שפּאַלטונג אין דער פראַקציע. — מאַלינאָווסקי און טשאָרנאָמאַזאָוו, צוויי באָל־שעוויסטישע פיהרער. — לענין און מאַלינאָווסקי. — אַ גע־שיכטע וואָס קלינגט ווי אַ מעשה פון טויזענט און איין נאַכט.

ניינטער קאפיטעל

אין די מלחמה־יאָהרען 126

די וועלט־מלחמה. — לענין ווידער אין דער שווייץ. — זיין אגיטאציע פאר א מיליטערישער ניעדערלאגע פון רוסלאנד און איהרע פארבינדעטע. — זיין באַציִהונג צו דייטשלאַנד. — דער אַרעסט פון דער באָלשעוויסטישער דומא־פראַקציע. — קאַמע־ניעוו. — די צימערוואַלדער קאָנפערענץ. — די מערץ־רעוואָ־לוציע פון 1917.

צעהנטער קאפיטעל

פון מערץ ביז אָקטאָבער 157

אין רוסלאַנד נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע. — לענינ'ס פּראָגראַם און זיין באציהונג צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און צו די סאָוועטען. — דער באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד אין יולי 1917 און לענינ'ס אַנטלויפען פון פּעטראָגראַד. — לענין און דער דייטשער גענעראַל־שטאַב. — וואָס עדואַרד בערנשטיין דער־צעהלט. — די אָקטאָבער־איבערקערעניש. — אַ מערקווירדיגע נבואה וועגען לענינ'ען פון א באוואוסטען סאָציאליסט.

עלפטער קאפיטעל

דער באַנקראָט פון לעניניזם. — לענינ'ס טויט......... 203

די אונטערדריקונג פון אַלע בירגערליכע פרייהייטען. — די צוטרייבונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און די סאָוועטען־מאַכט. — לענין און דער „רויטער טעראָר". — וואָס טראָצקי דערצעהלט — לענינ'ס עקספּערימענטען אין סאָציאַליזם.

צוועלפטע קאפּיטעל

דער באַנקראָט פון לעניניזם. — לענינ׳ס טויט........ 203

די וועלט־רעוואלוציע און דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאַנאַל. — לענינ׳ס סטראַטעגישער פּלאַן אין יאָהר 1919 און דער אָפּמאַך מיט קאַרל ליבקנעכט און בעלאַ קון. — דער דורכפאַל פון דער וועלט־רעוואָלוציע. — די 21 פּונקטען. — דער אָנפאַל אויף פּוילען. — וואָס טראָצקי דערצעהלט. — די מאָראַל פון „לעניניזם״. — לענין אין פּריוואַט־לעבען. — די הויפּט־שטריכען פון זיין כאַראַקטער. — לענינ׳ס קראנקהייט און טויט. — וואס דר. סעמאשקאָ דערצעהלט. — לענינ׳ס ראָלע אין דער געשיכטע. — אַ סך הכל.

פאָרוואָרט.

לענין איז נאָך ביי זיין לעבען מיט ביידע פיס אריין אין דער געשיכטע. אָבער צי די צוקונפטיגע דורות וועלען מיט דאנקבארקייט אָדער מיט א פארדאמונג דערמאָנען זיין נאָמען — וועגען דעם וועט מען זיך מסתמא נאָך א לאנגע צייט ארומ־רייסען. ווארים עס איז שווער צו געפינען אין דער וועלט־געשיכטע נאָך אזא פערזאָן, וואס האָט צו זיך ארויסגערופען פון איין זייט אזא בלינדע פארגעטערונג, און פון דער צווייטער זייט אזא ביטערען האס, ווי לענין.

וועגען לענינ׳ען זיינען אָנגעשריבען געוואָרען פילע אָפּ־האנדלונגען. דאָס רוב פון זיי זיינען געשריבען פון זיינע תלמידים, וואס האָבען אין איהם געגלויבט ווי אין א גאָט, אָדער פון אזוינע מענשען, וועלכע האָבען אליין לענינ׳ס ווערק ניט שטודירט און זיינען מיט זיין ליטערארישער און פאָליטישער טעטיגקייט פאר דער רעוואלוציע ניט געווען באקאנט, נאָר זיי האָבען אָנגענומען אויפ׳ן וואָרט אלעס וואָס די באָלשעוויקעס האָבען שפּעטער געשריבען און דערצעהלט וועגען לענינ׳ען.

דאָס ערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די סאָוועטישע צענזור אין רוסלאנד ערלויבט ניט צו דרוקען קיין איין שורה וואָס קען ארויסרופען דעם קלענסטען צווייפעל אין לענינ׳ס געניאליטעט.

אלס א געוועזענער מיטגליד פון דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי, האָב איך זיך אינטערעסירט מיט לע־נינ׳ען און האָב אויפמערקזאם נאָכגעפאָלגט זיין ליטערארישע און פאָליטישע טעטיגקייט פון 1903טען יאָהר אָן. דעם בוך וועגען איהם האָב איך אָנגעפאנגען שרייבען נאָך אין יאָהר 1919. איינִיגע קאפּיטלען האָב איך פארעפענטליכט אין פארשידענע

צייט־שריפטען, בעת לענין האָט נאָך געלעבט, אנדערע — גלייך נאָך זיין טויט. איצט האָב איך די אַלע ארטיקלען איבער־געארבייט און דאָקומענטירט מיט נייע מאַטעריאַלען, וואס זיינען אין די לעצטע פאַר יאָהר פאַרעפענטליכט געווארען.

די אויפגאַבע וואָס איך האָב זיך געשטעלט איז צו געבען אין דעם בוך א פּ אָ ל י ט י ש ע ביאָגראַפיע פון לענין'ען. דאָס הייסט, געבען ניט אזוי א באשרייבונג פון לענין'ס פּערזענ־ליכען לעבען, ווי אַ געשיכטע פון זיין פּאָליטישער און געזעל־שאַפטליכער קאַריערע. מען קען ניט פארשטעהן דעם איצטיגען קאָמוניזם און די קאָמוניסטישע באַוועגונג, ווען מען איז ניט באַ־קאַנט גענוי מיט לענין'ס פּאָליטישער ביאָגראַפיע.

לענין האָט מיט פולען רעכט געקענט זאָגען וועגען זיך: „דער באָלשעוויזם — דאָס בין איך". ער האָט אָבער ניט נאָר באַ־שאַפען דעם רוסישען באָלשעוויזם, נאָר אויך דעם קאָמוניסטי־שען אינטערנאַציאָנאַל. און לענין'ס ביאָגראַפיע איז דעריבער אין דערזעלבער צייט אויך אַ געשיכטע ניט נאָר פון דעם רוסישען באָלשעוויזם, נאָר אויך פון דעם אַלוועלטליכען קאָמוניזם.

ד. שוב.

ניו יאָרק, 10טער נאָוועמבער, 1928.

ערשטער קאַפּיטעל.

די אוליאַנאָוו־משפּחה.

וולאַדימיר אוליאַנאָוו־לענין. — דער טאַטע, די מאַמע און דער ברודער אַלעקסאַנדער. — אַלעקסאַנדער׳ס הינריכטונג און דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אין רוסלאַנד אין די 80־ער יאָהרען פון 19־טען יאָהרהונדערט. — לענין און די פאַמיליע קערענסקי. — אַ מערקווירדיגער היסטאָרישער צופאַל.

לענין, אָדער ווי זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען, — וולאַדימיר איליטש אוליאַנאָוו, איז געבאָרען געוואָרען דעם 21טען (9טען, לויט דעם אַלטען רוסישען סטיל) אַפּריל, 1870, אין דער שטאָדט סימבירסק. לענין׳ס טאַטע — איליאַ ניקאָלייעוויטש אוליאַנאָוו, האָט געשטאַמט פון אַן אַדעליגער פאַמיליע. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט אוניווערזיטעט אין דער שטאָדט קאַזאַן, האָט ער אַ געוויסע צייט פאַרנומען די שטעלע פון אַ לעהרער פון מאַטעמאַטיק און פיזיק אין פּענזער און דערנאָך אין ניזשני־נאָווגאָראָדער גימנאַזיעס. אין יאָהר 1869, מיט איינינע מאָנאַטען פריהער, ווי זיין זוהן, וולאַדימיר איז געבאָרען געוואָרען, איז איליאַ אוליאַנאָוו באַשטימט געוואָרען פאר אַן אינספּעקטאָר פון די פאָלקס־שולען פון סימבירסקער גובערניע, און אין יאָהר 1874 — פאר׳ן דירעקטאָר פון דיזעלבע פאָלקס־שולען. ער האָט זיך דערדינט צום טיטול „סטאַטסקי סאָוועטניק", ד. ה. צום טשין פון גענעראַל.*) אַלע וואָס האָבען איהם געקענט ריידען וועגען איהם ווי וועגען אַ גוטען פּעדאַגאָג און אַ העכסט קולטורעלען, סימפּאַטישען מענשען.

*) לענין׳ס הויף־ביאָגראַף, גריגאָרי זינאָוויעוו, זוכט צו באַווייזען אין זיין ביכעל וועגען לענין׳ען, אז לענין׳ס טאַטע האָט געשטאַמט פון פּויערים. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג.

„ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ טיפּ פון אַן „אייביגען סטודענט", — האָט וועגען לענינ'ס טאַטען געשריבען אַן אָנגעזעהענער כלל־טוער פון סימבירסק — וואָס איז עד היום פאַרבליבען אַזאַ ווי ער איז געווען בעת ער האָט שטודירט אין אוניווערזיטעט. דאָס איז איינער פון די פּערזענליכקייטען, וועלכע טורגעניעוו האָט אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט, דאָס איז אַ סטודענט אין בעסטען זין פון וואָרט".

אַ צווייטער סימבירסקער כלל־טוער, וועלכער איז שפּעטער געווען אַ מיטגליד פון דער דומאַ, האָט געשריבען וועגען לענינ'ס טאַטען פאָלגענדעס:

„איליאַ ניקאָלייעוויטש אוליאַנאָוו איז געווען אַ שטאַרקער מענש, מיט אַ פעסטען כאַראַקטער. ער איז שטאַרק געאַכטעט געווען פון דער דאַמאָלסדיגער סימבירסקער געזעלשאַפט, און גע־ליבט און געאַכטעט האָט מען איהם ניט דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרנומען דעם הויכען אַמט פון אַ דירעקטאָר פון די פאָלקס־שולען, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך באַצויגען זעהר געוויסענ־האַפט צו זיינע פליכטען און איבערהויפּט דערפאַר, וואָס ער האָט אַ סך געוואוסט. איליאַ ניקאָלייעוויטש איז גיכער געווען אַ קאָנסערוואַטיווער מענש. ער איז געווען שטרענג צו די לעה־רער און האָט אַ סך געפאָדערט פון זיי און דאָך האָבען די דאָרפישע לעהרער איהם רעספּעקטירט און געשעצט".

ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1886, איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַ גוטען אָנדענקען.

לענינ'ס מאַמע, מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, האָט אַלע איהרע כחות אָפּגעגעבען אויף צו דערציהען איהרע קינדער. וולאַדימיר (לענין) איז נאָך געווען אַ יונגער גימנאַזיסט, ווען ביי די או־ליאַנאָווס אין הויז האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שרעקליכע טראַגעדיע. זיין עלטערער ברודער, אַלעקסאַנדער איז געווען אַ מיטגליד פון דער באַריהמטער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" („דער ווילען פון פאָלק"). די דאָזיגע פּאַרטיי האָט דורך טעראָר, דורך אַטענטאַטען אויפ'ן צאַר און אויף זיינע מיניסטאָרען גע־האָפט צו צווינגען דעם צאַר, צו געבען דעם פאָלק אַ קאָנסטי־

טוציע. די פּאַרטיי האָט דורכגעפֿיהרט אַ גאַנצע רייהע אַטענ־טאַטען אויף דעם לעבען פֿון דעם דאַמאַלסדיגען צאַר, אַלעקסאַנ־דער דעם צווייטען. דעם 1טען (13טען) מערץ, 1881, איז אַלעק־סאַנדער דער צווייטער דער׳הרג׳ט געוואָרען פֿון אַ באָמבע, וואָס איז אויף איהם געוואָרפֿען געוואָרען פֿון דעם רעוואָלוציאָנער גרינעוויצקי. אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" זיינען אַרעסטירט און אויפֿגעהאָנגען געוואָרען, צווישען זיי די באַריהמטע רעוואָלוציאָנערען אַנדרעי זשעליאַבאָוו, ניקאָלאַי קיבאַלטשיטש, סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ און פֿילע אַנדערע. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרען די לעצטע פֿיהרער פֿון דער פּאַרטיי, די באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערקע וועראַ פֿיגנער, דער וועלט־באַריהמטער רעוואָלוציאָנער הערמאַן לאָפּאַטין און אַנדערע. זיי, צוזאַמען מיט די איבעריגע רעוואָלו־ציאָנערען, וועלכע דער צאַר האָט „באַגנאַדיגט", זיינען איינ־געשפּאַרט געוואָרען אין דער שרעקליכער שליסעלבורגער פֿעסטונג אויפ׳ן גאַנצען לעבען. לאָפּאַטין איז דאָרט אָפּגעזעסען באַלד 25 יאָהר. וועראַ פֿיגנער — אַ יאָהר 20. אין 1905, אין דער צייט פֿון דער ערשטער רעוואָלוציע, זיינען זיי באַפֿרייט גע־וואָרען פֿון דער שליסעלבורגער פֿעסטונג.

נאָך דעם אַרעסט פֿון וועראַ פֿיגנער און הערמאַן לאָפּאַטין האָט עס אויסגעזעהן, אַז דער גאַנצער קאַמף געגען דער מעכטיגער צאַרישער זעלבסטהערשונג איז אַ פֿאַרלאָרענער און אַז די אַלע אָפּפֿער, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען אויפ׳ן מזבח פֿון דער פֿרייהייט, זיינען געווען אַרויסגעוואָרפֿען. אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט געהערשט מיט אַן אייזערנער האַנט, ער האָט פֿאַר־פֿאָלגט און אונטערדריקט יעדען פֿרייען געדאַנק און די רעאַקציע אין לאַנד איז אונגעהויער פֿאַרשטאַרקט געוואָרען. די אידעען אָבער, וואָס האָבען באַגייסטערט די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", ספּע־ציעל די אידעע צו קעמפֿען געגען דעספּאָטיזם דורך טעראָר, האָט נאָך אַ לאַנגע צייט ניט פֿאַרלאָרען איהר ווערט אין די אויגען פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנער־געשטימטער אינטעליגענץ. די פֿאַרשטעהער פֿון אָט דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ האָבען

געהאַלטען, אז זייער טאַקטיק איז דורכגעפאַלען דערפאַר, וואס זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען וועג. אמת, האָבען זיי געזאָגט, די הינריכטונג פון אַלעקסאנדער דעם צווייטען האָט ניט געבראכט דעם רעזולטאַט, וואס מען האָט ערווארטעט; דאָס פאָלק האָט ניט רעוואָלטירט און אַלעקסאנדער דער דריטער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען פאר די טעראָריסטישע אטענטאטען און ער וויל ניט איינגעהן אויף קיינע הנחות. אנשטאט פאָליטישע פרייהייט האָט די ערמאָרדונג פון אַלעקסאנדער דעם צווייטען געבראכט גאָר נאָך א פינסטערערע רעאַקציע. אָבער, ווען מען זאָל אויך דער׳הרג׳ענען אַלעקסאַנדער דעם דריטען, וועט שוין די רעאקציע ניט קענען מעהר אויסשטעהן נאָך אזא שרעקליכען קלאַפּ און דער נייער צאר וועט זיך מוזען בויגען פאַר דעם „ווילען פון פאָלק״. אָט דאָס איז געווען די מיינונג פון דעם אינגערען רעוואָלוציאָנערען דור, צו וועלכען עס האָט געהערט דער סטודענט אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו, לענינ׳ס עלטערער ברודער.

א גרופּע סטודענטען, פון וועלכע אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו איז געווען דער פיהרער, האָט אָנגעפאַנגען צוצוגרייטען אן אטענטאַט אויף אַלעקסאנדער דעם דריטען. דער אטענטאַט האָט געזאָלט שטאַטפינדען דעם 1טען מערץ, 1887, צום זעקסטען יאָהרצייט נאָך אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס טויט. עס איז געפּלאַנט געווארען צו ווארפען א באָמבע אויפ׳ן צאר, ווען ער וועט דורכפאָהרען דעם נעווסקי פּראָספּעקט. די געהיים פּאָליציי האָט זיך אָבער פריהער דערוואוסט פון דעם פּלאַן און געכאַפּט די טעראָריסטען מיט די באָמבעס אין זייערע קעשענעס. אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו, צוזאַמען מיט זיינע פיר חברים, זיינען ארעסטירט געווארען און מ׳האָט זיי הינגעריכטעט אין הויף פון שליסעלבורגער פעסטונג. אָט־די טראַגעדיע, וועלכע איז באוואוסט אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אונטער דעם נאָמען „די אַפּערע פון דעם צווייטען ערשטען מערץ״, האָט געגעבען א טויט־קלאַפּ דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״.

די „נאראָדנאיא וואָליא״ האָט זיך געהאַלטען ביי די טעאָריעס פון די אזוי גערופענע נאראָדניקעס (פּאָפּוליסטען, פאָלקס־טימלער). די נאראָדניקעס האָבען געדענקט אז רוסלאַנד קען אויסמיידען די קאַפּיטאַליסטישע שטופע פון עקאָנאָמישער ענט־וויקלונג, וועלכע אַלע לענדער פון אייראָפּא האָבען דורכגעמאַכט, און זי קען אַריבערשפּרינגען פון איהר עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענער לאַגע גלייך אין סאָציאַליסטישען גן־עדן אריין. זיי האָבען געגלויבט, אז דער רוסישער פּויער האָט אַ געבאָרענע נייגונג צום קאָמוניזם. זיי האָבען ניט געהאַלטען פון קאַרל מאַרקס׳ טעאָריע, וועלכע לויטעט, אז דער סאָציאַליזם קען איינגעפיהרט ווע־רען נאָר דורך דעם קאַמף פון דעם אַרבייטער קלאַס, הויפּט־זעכליך פון די פאַבריק־אַרבייטער. די נאראָדניקעס האָבען ניט געגלויבט, אז אין רוסלאַנד וועט זיך גאָר ווען עס איז ענטוויקלען אַן אַרבייטער־קלאַס. זיי האָבען געהאַלטען, אז דאָס איז גאָר אויך ניט נויטיג, כדי צו קענען איינפיהרען גלייך אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג אין רוסלאַנד, וואָרים, ווי שוין געזאָגט, האָט לויט זייער מיינונג, דער רוסישער פּויער פון תמיד אָן געהאַט אַ געבוי־רענע נייגונג צום סאָציאַליזם און דעריבער קען ער אין רוסלאַנד שפּילען די ראָלע וואָס עס שפּילט אין אַנדערע לענדער דער פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט.

שפּעטער האָבען איינציגע „נאראָדניקעס״, אונטער דעם איינ־פלוס פון קאַרל מאַרקס, אָנגעפאַנגען אַביסעל צו מאָדיפיצירען זייערע אַנזיכטען. אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו, לענינ׳ס ברודער, האָט אַ קורצע צייט פאַר זיין הינריכטונג געפּלאַנט ארויסצוגעבען אין רוסיש איינע פון מאַרקס׳עס ווערק.

אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו׳ס הינריכטונג האָט אָהן צווייפעל געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם יונגען וולאַדימיר אוליאַ־נאָוו און האָט פיליכט באַשטימט זיין גאַנצע ווייטערדיגע קאַ־ריערע. וולאַדימיר האָט געענדיגט די סימבירסקער גימנאַזיע אין זעלבען יאָהר, ווען זיין ברודער אַלעקסאַנדער איז אין פּעטער־בורג פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט. געענדיגט די גימנאַ־זיע האָט וולאַדימיר מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל אַלס דער בעסטער

שילער. דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע, און וועלכער וולאַ־דימיר האָט זיך געלערנט, האָט וועגן איהם געהאַט זעהר א הויכע מיינונג און האָט פאָראויסגעזאָגט, אז פון איהם וועט אמאָל „ארויסקומען א לייט". דער נאָמען פון יענעם דירעק־טאָר פון דער סימבירסקער גימנאַזיע איז געווען פיאָדר קערענסקי, דער טאַטע פון אלעקסאַנדער קערענסקי, דעם שפּעטערדיגען פרעמיער־מיניסטער פון דער רעוואָלוציאָנערער רוס־לאַנד.*)

ניט נאָר איז קערענסקי'ס טאַטע געווען לענינ'ס לעהרער,

---

*) ווי קערענסקי האָט דערצעהלט דעם שרייבער פון דיזע שורות, האָט ער לענינ'ען געזעהן בלויז איין מאָל אויף זיין לעבען. דאָס איז געווען נאָך דער רעוואָלוציע, אין זומער פון יאָהר 1917. לענין איז געווען א סך עלטער פון קערענסקי'ן. בעת לענין האָט פארלאָזען די שטאָדט סימבירסק, איז קערענסקי נאָך געווען א קליינער איינגעל. מיט לענינ'ס איינגערען ברודער און מיט זיינע שוועסטער איז ער אָבער געווען גוט באַקאַנט. טרעפענדיג זיך צופעליג מיט איינער פון זיינע שוועסטער אין יאָהר 1914 אויף א דאַמפּער, וואָס איז געגאַנגען איבער דעם טייך וואָלגא, האָט קערענסקי פארבראַכט מיט איהר און מיט איהר מאַן א פּאָר שטונדען אין ערינערונגען וועגען זייער קינד־הייט און ביים געזעגענען זיך האָט ער איהר צוגעוואונשען, אז איהר ברודער וולאדימיר „זאָל אין גיכען צוריקקעהרען זיך אין רוס־לאַנד". (לענין האָט דאַן געלעבט אלס א פּאָליטישער עמיגראַנט אין קראָקוי און ער האָט ניט געטאָרט קומען קיין רוסלאַנד.)

אינטערעסאַנט איז, אז אין יאָהר 1918 האָבען די באָלשעוויקעס זיך אָפּגערעכענט מיט קערענסקי'ס גאַנצער פאַמיליע. זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו רודפ'ן אפילו זיינע ווייטסטע קרובים. זיין ברודער, וועלכער האָט געוואוינט אין דעם ווייטען טורקעסטאַן, האָבען זיי דערשאָסען גלייך ווי זיי זיינען אריין אהין, נאָר פאר דעם איינציגען פארברעכען, וואס ער איז געווען קערענסקי'ס א ברודער. אזוי האָט זיך לענין אָפּגערעכענט מיט זיין אמאָליגען רבי'ן, דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון דער סימבירסקער גימנאַזיע...

עס איז אויך אינטערעסאַנט, אז דער לעצטער דיקטאַטאָר פון דער צאַרישער רעגירונג, דער מיניסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו, וועמען קערענסקי האָט אַרונטערגעזעצט, איז אויך געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין דערזעלביגער שטאָדט, סימבירסק.

נאָר דיביידע פאַמיליעס, די אוליאַנאָווס און די קערענסקים זיינען געווען נאָהענט באַפריינדעט צווישען זיך. לענין׳ס טאַטע האָט פאַר זיין טויט באַשטימט קערענסקי׳ס פאָטער אלס אַפּעקון איבער זיין פאַמיליע. קערענסקי׳ס טאַטע האָט, אלזאָ, ערצויגען דעם מענשען, וועלכער האָט מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר שפּעטער ארויסגעריסען די מאַכט ביי זיין זוהן און איהם אליין פאַרטריבען אין גלות.

צווייטער קאַפּיטעל.

דער יונגער וולאַדימיר אוליאַנאָוו.

וולאַדימיר אוליאַנאָוו אַלס סטודענט און שפּעטער אַלס געהילף־אַדוואָקאַט אין פּעטערבורג. — ביי דער מאַמען אין סאַמאַראַ. — די מאַמע, די שוועסטער און דער אינגערער ברודער. — דער הונגער אין רוסלאַנד אין 1891-1892 און אוליאַנאָוו'ס שטעלונג צו דער פראַגע וועגען העלפען די הונגעריגע. — אוליאַנאָוו'ס איינפלוס אויף דער רעוואָלוציאָנערער יוגענד — דער יונגער וולאַדימיר אוליאַנאָוו און דער צוקונפטיגער לענין.

נאָכדעם ווי וולאַדימיר אוליאַנאָוו האָט אין יאהר 1887 געענדיגט גימנאַזיע, איז ער אוועקגעפאָהרען פון סימבירסק אין דער שטאָדט קאַזאַן, וואו ער איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט אויפ'ן יורידישען פאַקולטעט צו שטודירען יוריספּרודענץ. ער האָט געחלומ'ט צו ווערען אַן אַדוואָקאַט. צו יענער צייט האָבען אין קאַזאַנער אוניווערזיטעט זיך געפונען קליינע גרופּען סטודענטען, וועלכע האָבען זיך פאַרנומען מיט שטודירען די ליטעראַטור פון די „נאַראָדניקעס". וולאַדימיר אוליאַנאָוו האָט אויך געהערט צו דעם קרייז. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט די ווערק פון קאַרל מאַרקס, האָט ער פאַרלאָזען דעם קרייז. אין זעלבען יאָהר איז ער אויסגעשלאָסען געוואָרען פון אוניווערזיטעט פאַר „נעמען אַן אַנטייל אין דער אַגיטאַציע צווישען די סטודענטען", ווי דער אָפיציעלער באשלוס וועגען זיין אויסשליסונג האָט געלויטעט.

ער האָט פאַרלאָזען קאַזאַן און איז אוועק קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט ער זיך צוגעגרייט צום עקזאַמען און האָט אין יאָר 1891 געקראָגען אַ דיפּלאָם, וואס האָט איהם געגעבען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירען אַלס אַ געהילפס־אַדוואָקאַט. ער האָט געאַרבייט אַ געוויסע צייט ביי אַ געשוואָרענעם אַדוואָ־

קאַט, אָבער די קאַריערע פון אַן אַדוואָקאַט האָט שטאַרק ניט אַפּעלירט צו איהם. האָט ער אויפגעגעבען זיין יורידישע פּראַקטיק און איז געוואָרען אַ „פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער".

רוסלאַנד איז דאָס איינציגע לאַנד, וואו די רעוואָלוציע איז אין משך פון צעהנדליגער יאהרען געווען פאַר פילע אַ פּראָפעסיע, און אַט דיזער אומשטאַנד האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער רוסלאַנד. זעהר פילע פון די פּאָליטיקער, וואָס האָבען גענומען דעם אַקטיווסטען אַנטייל אין די געשעהענישען פון די יאָהרען נאָך דער רעוואָלוציע, זיינען „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען" און האָבען קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַנדער באַשעפטיגונג.

ווען לענין איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון קאַזאַנער אוניווערזיטעט, — דערצעהלט זינאָוויעוו, — איז ער געקומען קיין פּעטערבורג שוין אָנגעשטעקט מיט די אידעען פון קאַרל מאַרקס. ער האָט אָנגעפאַנגען אין פּעטערבורג צו זוכען מאַרקסיסטען, מיט וועלכע ער זאָל קענען אַרבייטען צוזאַמען. אָבער ער האָט אַזוינע ניט געטראָפען. די „נאַראָדניקעס" זיינען נאָך אַלץ געווען די טאָן־געבער צווישען דער רעוואָלוציאָנערער יוגענד און די אַרבייטער מאַסען האָבען נאָך אָקאָרשט אָנגעפאַנגען זיך צו אינטערעסירען מיט פּאָליטיק. דעם יונגען לענין איז אָבער אין משך פון קנאַפּע צוויי יאָהר געלונגען צו אָרגאַניזירען די ערשטע אַרבייטער גרופּען און צונויפצוזאַמלען אַרום זיך אַ קליינע צאָל פון אינטעליגענטען־מאַרקסיסטען.

צו יענער צייט האָט ער אַ געוויסע צייט געלעבט אין דער שטאָדט סאַמאַראַ צוזאַמען מיט זיין מאַמען און דער פאַמיליע. דאָרט האָט ער אָרגאַניזירט דעם ערשטען מאַרקסיסטישען קרייזעל און האָט אָנגעפאַנגען שרייבען.

דער באַוואוסטער רוסישער ראַדיקאַלער פּובליציסט און כּלל־טוער וו. וואָדאָווזאָוו, וועלכער האָט דעמאָלט אויך געוואוינט אין סאַמאַראַ און איז געווען באַפריינדעט מיט דער גאַנצער פאַמיליע אוליאַנאָוו, דערצעהלט וועגען דער פאַמיליע און

וועגען זיינע דאמאלסדיגע באגעגענישען מיט׳ן צוקונפטיגען לענין:

„דעם ערשטען מאָל האָב איך זיך באקאנט מיט וולאדימיר אוליאנאָוו׳ען אין הערבסט פון יאָהר 1890, אין פעטערבורג. מיט זיינע שוועסטער בין איך שוין פריהער געווען באקאנט.

„שפעטער, אין הערבסט פון יאהר 1891, האָט מיר די רע־גירונג ערלויבט אריבערצופאהרען פון ארכאנגעלסקער גובערניע, וואוהין איך בין געווען פארשיקט, קיין סאמארא. אנקומענדיג קיין סאמארא, האָב איך נאטירליך גלייך אָפּגעשטאַט א וויזיט דער פאמיליע אוליאנאָוו, וועלכע האָט דאָרט דעמאָלט געוואוינט: די מאמע מאריא אלעקסאנדראָוונא, די עלטערע טאָכטער אננא מיט איהר מאן יעליזאראָוו, וועלכער איז געווען מיינער א חבר נאָך פון אוניווערזיטעט; דער זוהן וולאדימיר (לענין), דער קלענערער זוהן דמיטרי, וועלכער איז דאן גע־ווען א גימנאזיסט, דאכט זיך, פון פינפטען קלאס און די איינג־סטע טאָכטער מאריא, א גימנאזיסטקע פון א יאָהר 14.

„די גאנצע פאמיליע איז געווען א זעלטען גוטע — אלע האָבען געלעבט זעהר גוט צווישען זיך, ניט קוקענדיג אויף דעם שאַרפען אונטערשיד אין דעם פיזישען און מאָראלישען מהות פון יעדען איינציגען מיטגליד פון דער פאמיליע, וואס האָט זיך שטארק געוואָרפען אין די אויגען. לויט זייער אויסערליכען אויסזעהן האָבען זיי אלע געהערט צו צוויי גאנץ פארשידענע טיפען. די צוויי אינגערע קינדער האָבען אויסגעקוקט פונקט ווי זייער הינגעריכטעטער ברודער און די שוועסטער אָלגא, וועל־כע איז אין יאָהר 1891 געשטארבען פון פלעק־טיפוס. זיי האָבען געהאט קייל־עכדיגע בלאסע פנים׳ער מיט זעהר גרויסע שטערענס און טיפע, דורכדרינגענדע אויגען. זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער יוגענדליכער פרישקייט און באגייס־טערונג. צום צווייטען טיפ האָבען געהערט וולאדימיר און די שוועסטער אננא. הגם ביי אנא׳ן און איבערהויפט ביי וולאדי־מיר׳ן, האָבען די אויגען געלויכטען אָהן צווייפעל מיט קלוג־שאַפט, איז אָבער אויפ׳ן גאנצען פנים געווען אויסגעגאָסען

א געוויסע גראָבקייט. עס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען דער שטערן — א קלוגער, אָבער א פלאַטשיגער, דער גראָבער נאָז. שוין צו 22-21 יאָהר האָט וולאַדימיר געהאַט א גרויסען פליך אויפ'ן קאָפּ. עפּעס א באַזונדערע איינגעשפאַרטקייט און גרויזאַמקייט צוזאַמען מיט קלוגשאַפט איז געלעגען אויף זיין פנים.

„די צענטראַלע פיגור אין דער משפחה איז געווען וולאַדימיר, וועמען די גאַנצע פאַמיליע האָט געהאַלטען פאר א זשעני און כמעט פארגעטערט.

„די אוליאַנאָווס האָבען מיך זעהר פריינדליך באַגעגענט און האָבען מיר געהאָלפען איינאָרדנען זיך אין שטאָדט. די פאַמיליע איז מיר געפעלען געוואָרען און איך האָב אָנגעפאַנגען אָפט צו קומען צו גאַסט צו זיי. זיי פלעגען אויך אריינקומען צו מיר. שפּעטער האָבען זיך די באַציהונגען צווישען אונז פאַרערגערט, צוליב מיינע צוזאַמענשטויסען מיט וולאַדימיר איליטש'ען. וולאַדימיר האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אויב ניט פון אַן אַלזייטיגען מענשען, איז יעדענפאַלס פון א גוט געבילדעטען. קיין סך וויסען, אויסער אין די פראַגען, וואָס האָבען איהם דירעקט אינטערעסירט, האָט ער ניט געהאַט. מיט נאַטור־וויסענשאַפט אָדער פילאָזאָפיע האָט ער זיך ניט אינטערעסירט. יעדענפאַלס אַזוי האָט זיך מיר געדוכט. אָבער אויף דעם געביט, מיט וועלכען ער האָט זיך אינטערעסירט — אין די פראַגען פון פאָליטישער עקאָנאָמיע און געשיכטע האָט ער געוואוסט א סך, באַזונדערס פאר א מענשען פון זיין עלטער. ער האָט געלעזען דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. ער איז שוין דאַן געווען קלאָהר אין „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס און אין דער גאַנצער רייכער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור (די דייטשע) און ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א מענשען מיט גאַנץ באַשטימטע און פארענדיגטע פאָליטישע איבערצייגונגען. ער האָט זיך געהאַלטען פאר אַן איבערצייגטען מאַרקסיסט, אָבער מיר דאַכט זיך, אז עס וועט זיין ריכטיגער, ווען איך וועל זאָגען, אז דער מאַרקסיזם איז ביי איהם געווען ניט קיין איבערצייגונג, נאָר א רעליגיע. הגם ער האָט זיך זיכער אינטערעסירט מיט דער

קריטיק פון מארקסיזם און האט שטודירט אלעס וואס עס איז געשריבען געווארען געגען מארקסיזם, האט זיך אבער געפיהלט, אז ער איז טיף איבערהצייגט, אז קיין ערנסטע ארגומענטען געגען מארקסיזם זיינען ניטא און קענען גאר ניט זיין. די אנטי־מארקסיסטישע ווערק האט ער שטודירט ניט מיט'ן צוועק אויסצוגעפינען דעם אמת, נאר מיט'ן צוועק אויסצוגעפינען דעם גרונד־טעות, וואס זיי ענטהאלטען. אז זיי זיינען געבויט אויף אזא טעות, איז ער געווען אין פאראויס איבערצייגט.

„גלייכצייטיג מיט דעם האט זיך אויך געווארפען אין די אויגען זיין אמאראליזם, די גלייכגילטיגקייט צו פראגען פון מאראל. ביי איהם זיינען קיינמאל קיין ספקות ניט געווען וועגען דעם, צי מען מעג אנווענדען דעם אדער יענעם מיטעל, אויב דאס פיהרט נאר צום ציל. איך געדענק, אז איך האב נאך דאמאלסט אין געשפרעכען מיט אנדערע אנגערופען אים מאראט.*) פארשטעהט זיך, אז איך האב ניט פאראויסגעזעהן די ראלע, וואס איהם איז באשערט געווען צו שפילען, אבער שוין דענסט־מאל בין איך געווען איבערצייגט און האב אפען דאס ארויסגע־זאגט, אז אוליאנאוו וועט אמאל שפילען א גרויסע ראלע.

„דער ערשטער צוזאמענשטויס, וואס איך האב מיט איהם געהאט איז געווען איבער דער פראגע וועגען דער באציהונג צום הונגער פון די יאהרען 1891־1892.

„אין אנפאנג הערבסט פון יאהר 1891, האבען זיך אין סאמארא גענומען ציינען סמנים פון הונגער. פון די ארומיגע דערפער האבען גענומען שטראמען מחנות פויערים, וועלכע זיינען ארומ־געגאנגען פון הויז צו הויז, בעטענדיג ברויט און ארבייט. די נויט איז געווען א ריזיגע און הילף האט זיך געפאדערט גלייך אויפ'ן שטעל. אויף דעם אויפרוף צו העלפען די הונגעריגע האט זיך די גאנצע געזעלשאפט פון סאמארא ווארים אפגע־

---

*) מאראט איז געווען איינער פון די פיהרער פון די יאקאבינער פארטיי אין דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע. ער איז מעהר ווי עמיצער אנדערש געווען פאראנטווארטליך פאר דעם בלוטיגען טע־ראר פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע.—ד. ש.

רופען. אלע האָבען אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו העלפען מיט אלע מיטלען די הונגעריגע.

„נאָר איין וולאַדימיר אוליאַנאָוו מיט זיין פאַמיליע און זיין קרייזעל האָבען פארנומען אַן אַנדער שטעלונג. ער, דער צוקונפטיגער לעניין, איז ענטשיידען און שאַרף ארויסגעטראָטען געגען שפּייזען די הונגעריגע. זיין שטאַנדפונקט, אויף וויפיל איך עראינער זיך איצט — און דאָס האָט זיך ביי מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון, ווייל מיר איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו דיסקוטירען מיט איהם — איז געוועזן דער פאָלגענדער: דער הונגער איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער אָרדענונג. אזוי לאַנג ווי דיזע אָרדענונג עקזיסטירט, זיינען אזוינע הונגערס אונפארמיידליך. אָפּשאַפען זיי קען מען נאָר דורך דעם, וואס מען וועט פארניכטען די ארדענונג. זייענדיג אין דיזען זין אונפארמיידליך, שפּילט דער הונגער היינט צו טאָג אויך א פּראָגרעסיווע ראָלע. דער הונגער צושטערט די פּויערים ווירטשאַפט, ער שליידערט די פּויערים ארויס פון דאָרף אין שטאָדט אריין. אזוי ארום שאַפט ער אַ פּראָלעטאַריאַט און העלפט צו אינדוסטריאליזירען דאָס לאַנד — דאָס אַלץ זיינען פּראָגרעסיווע ערשיינונגען. אָבער דער הונגער קען אין דאָרף ווערען א פּראָגרעסיווער פאקטאָר ניט נאָר אויף דעם עקאָנאָמישען געביט. דער הונגער וועט צווינגען דעם פּויער צו פארטראכטען זיך וועגען דעם פונדאַמענט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ער וועט פאַרניכטען דעם גלויבען אין צאַר און אין צאַריזם און וועט דעריבער, מיט דער צייט, לייכטער מאַכען דעם זיג פון דער רעוואָלוציע. דער וואונש פון דער אַזוי־גערופענער „געזעלשאַפט" צו קומען צו הילף די הונגעריגע און פארלייכטערען זייערע ליידען, איז פארשטענדליך. דיזע „געזעלשאפט" איז דאָך אַליין דאָס בלוט און פלייש פון דער בורזשואזער געזעלשאפט. און וואָס פאר אַ קליידער זי זאָל זיך ניט פוצען, איז זי ניט בכח אויסצוטאָן זיך פון די אינטערעסען פון דער בורזשואזער געזעלשאפט אלס אַ גאַנצע. דער הונגער

סטראַשעט מיט אויפרייסונגען, פיליכט מיט דער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער בורזשואַזער אָרדענונג. דעריבער זיינען די שטרעבונגען ווייכער צו מאַכען די נאַכוועהענישען פון הונגער גאַנץ נאַטירליך. אין גרונד איז אָט די שטרעבונג ניט מעהר ווי אַ פאַרזוך צו ראַטעווען די בורזשואַזע אָרדענונג פון אונטערגאַנג, און פאַלגליך צו ראַטעווען זיך אַליין. פסיכאָלאָגיש זיינען אַלע רייד וועגען שפּייזען די הונגעריגע ניט מעהר ווי אַן אויסדרוק פון דעם לאַקרעץ־זיסען סענטימענטאַליזם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער אינטעליגענץ.

„אָט דעם שטאַנדפּונקט האָט וולאַדימיר אוליאַנאָוו ענטוויקעלט אויף פריוואַטע פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי מיר אין הויז, ביי די אוליאַנאָווס און איבעראַל, וואו עס פלעגט זיך דענסטמאָל פאַרזאַמלען די רעוואָלוציאָנער און אָפּאָזיציאָנעל געשטימטע יוגענט און וואו ער האָט געהאַט די מעגליכקייט אַרויסצוטרעטען און אַרויסזאָגען זיין מיינונג.

„אויף די אַלע פאַרזאַמלונגען האָט לענין געפיהרט אַ סיסטעמאַטישע און ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע געגען דעם קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געגרינדעט צו העלפען די הונגעריגע. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט לענין שטענדיג געהאַט אויך אָפּאָנענטען. איך אַליין בין געווען איינער פון זיי. וועלכער צד עס פלעגט אַרויס דער זיגער פון די דאָזיגע דעבאַטען איז שווער צו זאָגען. עס איז קיין ספק ניט, אַז אויף לענינ'ס זייט איז געווען נאָר אַ גאַנץ קליינע מינדערהייט, אָבער דיזע מינדערהייט האָט זיך פעסט געהאַלטען אויף איהרע פּאָזיציעס.

„די פון אָנפאַנג פרידליכע דעבאַטען אונזערע האָבען ביסלעכווייז וואָס ווייטער אָנגענומען אַלץ אַ שאַרפערען כאַראַקטער. איך בין געווען ענטוישט פון דעם, וואָס לענין איז, ווי איך האָב באַמערקט, געווען גענייגט צו ערמוטיגען פּליאָטקעס. איינמאָל האָב איך אין אַ קליינעם קרייז פון באַקאַנטע געזאָגט, אַז לענין איז אין אַ דעבאַטע מיט אַ געגנער גענייגט צו ברענגען אַרגומענטען, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, צי זיי זיינען ריכטיגע אָדער ניט — אַבי נאָר זיי זאָלען העלפען

זיין ערפאָלג ביי די צוהערער, וואָס קלייבען זיך שלעכט פונאַנ־דער אין דעם ענין. עמיצער האָט מיינע ווערטער איבערגע־געבען לענינ'ען. אין גיכען, ווען איך בין אריינגעקומען צו די אוליאַנאָווס, ווי איך פלעג עס טאָן גאַנץ אָפט, האָב איך באַ־מערקט, ווי לענין האָט זיך עפּעס פארקרימט, געבענדיג מיר די האַנד. די אורזאכע פון דעם האָב איך אויסגעפונען, ווען לענין האָט געפאָדערט פון מיר אן ערקלעהרונג וועגען מיינע ווערטער. איך האָב אַזאַ ערקלעהרונג געגעבען. וואהרשיינליך האָב איך זיך באמיהט ווייכער צו מאכען מיינע רייד. דער געשפּרעך האָט געפיהרט צו אַ פאָרמעלען שלום צווישען אונז. פאַקטיש אָבער זיינען אונזערע באַציהונגען געוואָרען זעהר אָנגע־שטרענגטע. אין פריהלינג פון יאהר 1892 האָבען מיר זיך כמעט אויפגעהערט צו באַגעגענען.

„אין הערבסט פון זעלבען יאהר האָט זיך געענדיגט מיין טערמין פון פארשיקונג אין סאַמאַרא. פאַר'ן אוועקפאָהרען בין איך אריין צו די אוליאַנאָווס און מיר האָבען זיך פריינדליך צוזעגענט. וולאַדימיר אוליאַנאָוו און זיין אינגערער ברודער דמיטרי, האָבען מיר זאָגאַר באַגלייט צום דאַמפער.

„ווען איך בין אין יאהר 1895 געקומען קיין פּעטערבורג, בין איך אריין צו לענינ'ען. ער האָט מיך אויפגענומען זעהר טרוקען און מעהר האָבען מיר זיך ניט געטראָפען, אויב מען זאָל ניט רעכענען די באַגעגעניש אויף דעם מאַס־מיטינג אין טעני־שעווער שול (אין פּעטערבורג) אין יאָהר 1906. דאָרט האָט לע־נין דעמאָנסטראַטיוו ניט געוואָלט מיך דערקענען".*)

פון וואָדאָוואָזאָוו'ס עראינערונגען קען מען זעהן, אז וולאַדי־מיר אוליאַנאָוו האָט שוין אין יאָהר 1891, ביים סאַמע אָנפאַנג פון זיין פּאָליטישער קאַריערע, פארמאָגט די אַלע כאַראַקטער־שטריכען פון דעם צוקונפטיגען לענין.

---

*) В. ВОДОВОЗОВ. Мое знакомство с Лениным. "На чужой стороне", № 12, Прага, 1925 г.

דריטער קאַפּיטעל.

לענין אלס מאַרקסיסט. — אין פּעטערבורג. — אין סיביר.

די ערשטע פּעטערבורגער אַרבייטער סטרייקס און לענינ'ס ראָלע אין זיי. — דער פּעטערבורגער „קאַמפּס־פאַראיין פאַר דער באַפרייאונג פון ארבייטער קלאַס". — לענינ'ס אַרעסט און פאַרשיקונג אין סיביר. — אין אויסלאַנד. — דער קאַמף געגען די „עקאָנאָמיסטען". — לענין און פּלעכאַנאָוו.

אין אָנפאַנג פון די 90־ער יאָהרען פון פאָריגען יאהרהונדערט האָט רוסלאַנד דורכגעמאכט א גרויסע אינדוסטריעלע אויפלעבונג. אין אַלע טיילען פון לאַנד זיינען אויפגעקומען נייע פאבריקען און זאוואָדען. די רעגירונג האָט געהאַלטען אין איין בויען נייע אייזענבאַהן־ליניעס. פאַר די פינף יאָהר פון 1891 ביז 1896 זיינען דורכגעפיהרט געווארען אייזענבאַהן־ליניעס אויף א שטרעקע פון נאָהענט פון 6 טויזענד וויאָרסט. אין די ווייטערדיגע פינף יאהר, אויף גאַנצע 15 טויזענד וויאָרסט. אין יאָהר 1894 זיינען אין גאַנץ רוסלאַנד געוועזן בלויז דריי אויסלענדישע אקציאָנערע געזעלשאַפטען, אין יאָהר 1899 — שוין גאַנצע 70.

דער פּראָלעטאַריאַט איז שנעל געוואקסען אין צאָהל. זיין לאַגע איז אָבער געוועזן א שרעקליכע. אויף די מעהרסטע פאבריקען האָט מען געארבייט 12־15 שטונדען א טאָג. ערטער־ווייז האָט מען געארבייט זאָגאַר 18 שטונדען אין מעת לעת. די שכירות זיינען געוועזן זעהר נידעריגע, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס די פּרייזען אויף לעבענס־מיטעל זיינען כסדר געשטיגען.

אין פילע שטעדט האָבען די ארבייטער ניט געקענט אויס־האלטען דעם יאָך און זיי האָבען ערקלעהרט סטרייקס. פאַר

די פיר יאָהר צייט פון 1895 ביז 1899 האָבען זיך אין די אַלע סטרייקס באַטייליגט ניט ווייניגער ווי א האַלבער מיליאָן ארבייטער. פאַר דער אינדוסטריעל וויינינג־ענטוויקעלטער רוסלאַנד פון יענער צייט, האָט עס געמיינט זעהר א סך.

אין אָנפאַנג פון די 90ער יאהרען האָבען אין א רייהע שטעדט שוין עקזיסטירט געהיימע סאציאַל־דעמאָקראטישע אָרגאַנאַזיאציעס, וועלכע האָבען געפיהרט א פּראָפּאַגאַנדע צווישען די ארבייטער. די גרעסטע אָרגאַניזאציע האָט עקזיסטירט אין פעטערבורג. צו דיזער אָרגאַניזאציע האָבען געהערט צווישען אַנדערע ל. מארטאָוו (יולי צעדערבוים), דער שפּעטערדיגער פיהרער פון די מענשעוויקעס; ל. קראַסין, דער שפּעטערדיגער באָלשעוויסטישער קאָמיסאר; נ. קרופּסקאַיאַ (שפּעטער לענינ'ס פרוי) און אַנדערע.

אין הערבסט פון יאָהר 1893 איז אויך וולאַדימיר אוליאַנאָוו געקומען צוריק קיין פעטערבורג און איז צוגעשטאַנען צו דער גרופּע סאציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדיסטען. די פּראָפּאַגאנדע האָט זיך געפיהרט אין קליינע געהיימע קרייזלעך. מען פלעגט מיט די ארבייטער שטודירען דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט" פון קאַרל מארקס און פרידריך ענגעלס, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, נאַטור־וויסענשאַפט און פיהרען מיט זיי געשפּרעכען וועגען די אַרבייטס־באַדינגונגען אויף די פאַבריקען און אַזוי ווייטער. די פּראָפּאַגאנדע האָט געטראגען אן אַבסטראקטען כאַראקטער. און דער רעזולטאַט איז געווען, אז די מעהרסטע קרייזלעך זיינען געווען אָפּגעריסען פון די מאַסען און האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט א גאַנץ באַזונדערע, אין זיך־פאַרשלאָסענע וועלטעל.

„די אַרבייטער, וואס זיינען דורכגעגאַנגען דורך אַזאַ פּראָפּאַגאנדע קרייזעל, דערצעהלט ק. מ. טאַכטאַריעוו, איינער פון יענע פּראָפּאַגאַנדיסטען, אין זיינע עראינערונגען, האָבען זיך אויפ'ן פאַבריק געהאַלטען זעהר פאָרזיכטיג און האָבען געוועהנליך ניט גענומען קיין אַנטייל אין דער דאַמאַלסדיגער ארבייטער באַוועגונג, ד. ה. אין די סטרייקס און אין די ארבייטער

אונרוהען. די גאַנצע ארבייט אונזערע איז, אַלזאָ, באַשטאַנען אין פיהרען אַ פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע און אין צוציהען איינצעלנע פּערזאָנען פון די ארבייטער רייהען פאר דיזער פּראָפּאַגאַנדע דורך ארבייטער־קרייזלאַך.״

אוליאַנאָוו האָט באַלד נאָך זיין קומען קיין פּעטערבורג אויפגעהויבען די פראַגע וועגען פארברייטערען די ארבייט דורך אריינטראָגען אין איהר אַ פּאָליטישען אינהאלט און אריבערגעהן פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע. קיין נייער געדאַנק איז עס ניט געווען. נאָך מיט אַ צייט פריהער האָט דיזעלבע געדאנקען אַרויסגעזאָגט דער שפּעטערדיגער גרינדער פון „בונד״ אַלעקסאַנדער קרעמער, אין זיין בראָשורע „וועגען אַגיטאַציע.״*) לעניג'ס פּאָרשלאַג האָט אַרויסגערופען אַן אָפּאָזיציע געגען זיך און אַ טייל מיטגלידער זיינען צוליב דעם אַרויסגעטראַטען פון דער אָרגאַניזאַציע. די פארבליבענע מיטגלידער אָבער האָבען אין יאהר 1895 באַשלאָסען אָנצופאַנגען אַ מאַסען־אַגיטאַציע צווישען די ארבייטער און די דאָזיגע אַגיטאַציע זאָל זיך באַציהען אויף די טאָג־טעגליכע נויטען פון די ארבייטער. וולאַדימיר אוליאַנאָוו איז געווען דער הויפּט־אָנפיהרער פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט פאַרפאַסט די ערשטע פּראָקלאַמאַציע, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזען צו די ארבייטער פון איינער פון די פּעטערבורגער פאבריקען. „קיין אייגענע דרוקעריי האָבען מיר דענסטמאָל ניט געהאַט, דערצעהלט נ. קרופּסקאַיאַ (לענינ'ס פרוי), האָבען מיר די פּראָקלאַמאַציעס איבערגעשריבען מיט געדרוקטע בוכשטאַבען אין פיר עקזאַמפּלאַרען און זיי פאַרשפּרייט צווישען די אַרבייטער״. שפּעטער האָט די אָרגאַניזאַציע אַרויסגעלאָזט אַ סך העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציעס.

אין דעצעמבער פון יאהר 1895, זיינען אין פּעטערבורג פאָרגעקומען גרויסע אַרעסטען. צווישען די אַרעסטירטע זיינען אויך געווען

*) די בראָשורע, וועלכע איז געווען געשריבען פון קרעמער'ן און רעדאַקטירט פון מאַרטאָוו'ן, איז ערשינען אונלעגאַל אין רוסלאַנד אָהן אַ נאָמען פון פאַרפאַסער.

וולאַדימיר אוליאַנאָוו און יולי צעדערבוים (מאַרטאָוו). די מיט־גלידער פון די פאַרשידענע סאָציאַלדעמאָקראַטישע קרייזלעך, וואָס זיינען פאַרבליבן אויף דער פריי, האָבן באַשלאָסן צו פאַראייניגען זיך אין איין צענטראַלער אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נאָמען „קאַמפּס־פאַראיין פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבייטער קלאַס". אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיי אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן דער גרינדונג פון דעם דאָזיגן פאַראיין. זיי האָבן דערמיט געוואָלט צייגן דער רעגירונג, אַז די אַרעס־טירטע זיינען ניט די הויפּט־טוער פון דער סאָציאַלדעמאָקראַ־טישער אָרגאַניזאַציע און אַז די אָרגאַניזאַציע וועט ווייטער פאָרט־זעצן איהר אַרבייט. אין אַ מאָנאַט אַרום זיינען אַרעסטירט געוואָרען פילע אַנדערע טוער פון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער די אַלע אַרעסטען האָבן ניט פאַרניכטעט דעם „פאַראיין". דעם פּלאַץ פון די אַרעסטירטע האָבן פאַרנומען נייע טוער (אַ ל ע ק־ס אַ נ ד ע ר פּ אָ ט ר ע ס אָ ו, פּ י אָ ד אָ ר ד אַ ן און אַנדערע), וועלכע האָבן פאָרטגעזעצט די רעוואָלוציאָנערע אַרבייט צווישן די פּעטערבורגער אַרבייטער.

דער „פאַראיין" האָט אַנטוויקעלט אַ ברייטע טעטיגקייט. ער האָט אָנגעפיהרט פילע סטרייקס. דער סטרייק פון די פּעטער־בורגער וועבער אין יאָהר 1896, אין וועלכען עס האָבן זיך באַ־טייליגט 35 טויזענט אַרבייטער, האָט אויפגערודערט גאַנץ רוס־לאַנד. אין פאַרלויף פון די 18 מאָנאַטען פון נאָוועמבער, 1895, ביז מאַי 1897, האָט דער „פאַראיין" אַרויסגעלאָזט 57 פאַרשידענע פּראָקלאַמאַציעס.*)

לענין איז געוועזן דער הויפּט־אָנפיהרער פון דער פּעטערבור־גער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע פאַר די פּאָר יאָהר, וואָס ער איז געוועזן אויף דער פריי. אָבער אויך די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסען אין פּעטערבורגער טורמע איז ער גע־שטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די טוער פון דעם „קאַמפּס־פאַר־איין פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבייטער קלאַס", און זיי אַלע

*) Н. БУХБИНДЕР. Период "Искры", Москва, 1927 г.

האָבען איהם באַטראַכט פאַר זייער פיהרער. ער איז געווען דער הויפּט־אָנפיהרער פון די ערשטע פּעטערבורגער גרויסע סטרייקס אין די 90ער יאָהרען און ער האָט געשריבען די מעהרסטע פּראָק־לאַמאַציעס און פּאַמפלעטען פון דעם דאָזיגען פּאַראַיין, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען צווישען די אַרבייטער מאַסען פון פּעטערבורג.

דאָס מיינט ניט צו זאָגען, אַז לענין איז געווען דער ערש־טער מאַרקסיסט אין רוסלאַנד, אָדער אַז ער האָט זיך באַזונ־דערס שטאַרק אויסגעצייכענט פון זיינע איבעריגע רעוואָלוציאָנע־רע חברים. דער אמת'ער פאָטער פון רוסישען מאַרקסיזם איז געווען געאָרגי פּלעכאַנאָוו, אויף וועמעס ווערק לענין האָט זיך ערצויגען און וועמען ער אַליין האָט באַטראַכט פאַר זיין רבי'ן. פּלעכאַנאָוו אָבער און די אַנדערע וויכטיגע סאָציאַלדעמאָקראַטישע שריפטשטעלער פון יענער צייט, ווי פּאַול אַקסעלראָד און וועראַ זאַסוליטש, האָבען געוואוינט אין דער שווייץ, ווייט פון רוס־לאַנד, און לענין, אַלס "תלמיד" זייערער, האָט אין פּעטערבורג פאַרשפּרייט זייערע אידעען. לענין איז אויך ניט געווען דער איינציגער פּראַקטישער טוער פון דער דאַמאַלסדיגער רעוואָלו־ציאָנערער אַרבייטער באַוועגונג. צוזאַמען מיט איהם האָבען גע־אַרבייט א סך אַנדערע, וואָס זיינען ניט אַזוי ווי ער באַריהמט געוואָרען, אָבער וועלכע האָבען אין זייער צייט געשפּילט ניט קיין קלענערע ראָלע ווי לענין. איינער פון זיי איז געווען, ווי שוין אויבען דערמאָנט, דער פאַרשטאָרבענער פיהרער פון די מענ־שעוויקעס, ל. מאַרטאָוו־צעדערבוים.

אָט ווי אַזוי עס שילדערט דעם דאַמאַלסדיגען לענינ'ען און זיין טעטיגקייט, דער באַוואוסטער רוסישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פיהרער אַלעקסאַנדער ניקאָלייעוויטש פּאָטרעסאָוו, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געווען לענינ'ס אַ נאָהענטער פער־זענליכער פריינד און אַ קאַמפּס־גענאָסע:

„צום ערשטען מאָל האָב איך געטראָפען לענינ'ען קריסט־מאַס־צייט, אין יאָהר 1894, אויף אַ פאַרזאַמלונג אין דער פּע־

טערבורגער פֿאַרשטאַדט אַכטא. ער איז דעמאָלט אלט געווען פינף־און־צוואנציג יאהר. פון אויסזעהן אָבער האָט מען איהם געקענט געבען ניט ווייניגער פון פערציג, העכסטענס פינף־און־דרייסיג יאָהר.

„זיין פּנים איז געווען אָפּגעבליאקעוועט. אויפ'ן גאנצען קאָפּ האָט ער געהאט אַ פּליך, מיט נאָר אביסעל שיטערע האָר ביי די שלייפען, און אַ שיטערע רויטליכע בערדעל. די אויגען זיינע האָבען אויף אייך געקוקט פארזשמורעט און כיטרע פון אונ־טער'ן שטערען.

זיין שטימע איז געווען ניט יונג און הייזעריג. ער האָט געהאט דעם אויסזעהן פון אַן עכטען מיטעל־יאהריגען הענדלער פון אַ צפון־רוסישער גובערניע. יעדענפאלס איז ער מיט קיין זאך ניט געווען עהנליך צו די אינטעליגענטען־„ראדיקאלען", וואָס מען האָט אין יענע יאָהרען אזוי אָפט געזעהן צווישען די נאָר וואס אויפגעוואכטע ארבייטער־מאסען.

„איך מוז נאָך צוגעבען, אז ער איז אויך ניט געווען עהנליך צו דער פאמיליע פון טשינאָווניקעס און פריצים, פון וועלכע ער האָט געשטאַמט, און מיט וועלכער, אויף ווי ווייט מיר איז באקאנט, ער האָט אָנגעהאלטען אויך שפּעטער די פריינדליכע בא־ציאונגען.

„אויף וויפיל איך געדענק דעם יונגען לעניג'ען איז ער גאָר ניט געווען „יונג", און דאָס איז געווען ניט נאָר מיין איינדרוק. דאָס האָבען באלד איינגעזעהן אלע, ווער עס האָט זיך נאָר מיט איהם באקאנט אין יענע יאהרען. אין דעם „פּעטערבורגער קאמפּס־פאראיין" („פּעטערבורגסקי סאָיוז באָרבי"), וועלכער איז געווען דער ערשטער קערענדיל פון דער צוקונפטיגער סאציאל־דעמאָ־קראטישער פּארטיי, האָט מען לעניג'ען גערופען „דער אַלטער". מיר האָבען זיך ניט איינמאָל געוויצעלט, אז לענין איז מסתמא אלס קינד אויך געווען פּונקט אַזא פּליכעוואטער און אַלטער, ווי מיר האָבען איהם געקענט אין יאהר 1895. אָבער אזוי שפּאַ־סענדיג, האָב איך שוין דאמאָלס זיך אָפטמאָל פארטראכט וועגען

דער מאָדנער אַלטקייט, וואָס איז געלעגן אויף לענין'ס גע־זיכט.

„עס איז מעגליך, אַז אויף איהם האָט שווער געווירקט דער טרויעריגער סוף פון זיין ברודער אַלעקסאַנדער, וועלכער איז היגנעריכטעט געוואָרען נאָך דעם פּראָצעס פון 1טען מערץ, 1887, פּאַר אַ פּאַרזוך צו טויטען אַלעקסאַנדער דעם דריטען. עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע אורזאַכען, וואָס האָבען פאַרטריבען אַלע שפּורען פון יוגענד אין לענין'ס אויסזעהן. אָבער דאָס איז מסתמא געווען ניט די איינציגע אור־זאַכע. עס האָבען אויך געמוזט זיין אינערליכע אורזאַכען אין זיין נשמה־לעבען, וואָס האָבען אַזוי פאַלשטענדיג אָפּגעווישט ביי איהם אַלע שפּורען פון יונגקייט.

„אויף דער דערמאָנטער פאַרזאַמלונג האָט לענין געהאַלטען אַ פאָרטראַג וועגען נאָר וואָס ערשינענע סאָציאַליסטישע ביכער, די ערשטע לעגאַלע מאַרקסיסטישע אויסגאַבען, וואָס זיי־נען געדרוקט געוואָרען אין רוסלאַנד גופא. מיט עטליכע מאָ־נאַטען פאַר דעם איז אַרויס אַ בוך פון פּיאָטר סטרואווע, מיט'ן נאָמען „קריטישע באַמערקונגען צו דער פראַגע וועגען דער עקאָ־נאָמישער ענטוויקלונג פון רוסלאַנד". דער יונגער פּראָפעסאָר און זיין בוך האָבען געצויגען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. און נאָך אַ קורצע צייט פאַר דער פאַרזאַמלונג איז מיר געלונגען אַרויסצוגעבען אַ בוך פון פּלעכאַנאָוו'ן, אונטער'ן פּסעוודאָנים בעלטאָוו, ווייל מ'האָט ניט געקענט אָנגעבען פּלעכאַנאָוו'ס נאָ־מען. פּלעכאַנאָוו'ס בוך איז געווען די באַרימטע אַרבייט זיינע, „צו דער פראַגע וועגען דער ענטוויקלונג פון דעם מאָניסטישען קוק אויף דער געשיכטע". יענער בוך האָט געגעבען אַ גרויסען שטויס פאָראויס דעם מאַרקסיזם אין רוסלאַנד. אַ דאַנק דעם בוך, האָבען זיך די מאַרקסיסטישע אידעען געוואַלדיג פאַרשפּרייט אין לאַנד.

„לענין האָט גערעדט וועגען דיזע צוויי ביכער. ער האָט, פאַרבייגעהענדיג, זעהר שטאַרק געלויבט פּלעכאַנאָוו־בעלטאָוו'ס בוך. אָבער נאָך ענערגישער האָט ער אַרונטערגעריסען סטרואַ־

ווע׳ן. איך געדענק נאָך איצט די גאַנצע שאַרפקייט פון לענינ׳ס קריטיק ביי יענער פאַרזאַמלונג.

„איך געדענק, ווי עס איז מיר יענעם אָוונט אויסגעקומען צו ריידען מיט אַנדערע וועגען מיינע איינדרוקען פון דער פאַרזאַמלונג און פון לענינ׳ען, וועלכער איז דאַמאָלט געווען פאַר מיר אַ נייע פיגור. מיין מיינונג וועגען איהם איז געווען אַזאַ: ער איז אַ גרויסע קראַפט, אָבער עפּעס איז ער אַזאַ איינזייטיגער, אַזאַ פאַראיינפאַכטער און איינטאָניגער, און די פאַרפלאָנטערט־סטע ערשיינונגען פון לעבען קומען אַרויס ביי איהם פאַראיינ־פאַכט.

„לענין איז געווען אַ גערעכט אין זיין קריטיק געגען סטרואווע, וועלכער איז דאַמאָלס געוועזען אַ מאַרקסיסט און איז איצט אַ רעאַקציאָנער. אין סטרואווע׳ס דאַמאָלסדיגען מאַרקסיזם האָט זיך געמערקט אַ נייגונג צום בורזשואַזען רעפאָרמיזם, עס הייסט, אַ גלויבען ניט אַזוי אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווי אין קליינע רעפאָרמען. לענין האָט אויסגעצייכענט אויפגעכאַפּט און אַרויסגעבראַכט דיזע נייגונג צו בורזשואַזע רעפאָרמען ביי סטרואווע׳ן, אָבער וואָס איבערצייגענדער לענין האָט אַרויסגעבראַכט דעם רעפאָרמיזם פון זיין געגנער, אַלץ שאַרפער איז אַרויסגעטראָטען לענינ׳ס אייגענע נייגונג צו דער פאַרקערטער ריכטונג. הינטער די מאַרקסיסטישע ווערטער און באַגריפען האָט מען אַרויסגעזעהן דעם אַלטען געדאַנק, אַז די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז דורך און דורך רעאַקציאָנער אין איהר ענטוויקלונג. דאָס איז געווען דער גרונד־געדאַנק ביי אַלע אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטען, דאָס הייסט, ביי די, וואָס האָבען געגלויבט, אַז מען קען צו יעדער צייט נעמען און איינפיהרען דעם סאָציאַליזם.

„אין אַ שמועס וועגען לענינ׳ען האָט דאַמאָלס אימיצער איהם אָנגערופען „סעקטאַנט”, קלייזעל־מענש. יאַ, אַ סעקטאַנט, אַ קלייזעל־מענש איז ער טאַקע געווען. אָבער ער איז דורכגענאַנגען אַ גוטע מאַרקסיסטישע שולע. ער איז געווען אַ סעקטאַנט

און א מאַרקסיסט צוזאַמען. צי קען מען אָבער אומבאַשטראָפט פאַראייניגען די צוויי זאַכען?

„אַזאַ פראַגע האָבען מיר זיך דאַמאַלס געשטעלט, איך און נאָך אַנדערע מאַרקסיסטען, וואָס האָבען איינגעזעהן ווי געפעהרליך עס זיינען פאַר אונז סעקטעס, קליינליך. מיר האָבען אָבער געגלויבט, אַז לענין וועט בלייבען אַ מאַרקסיסט. פון יענעם טאָג אָן האָב איך און לענין גענומען ווערען נעהענטער. נאָך לאַנגע דעבאַטען, אין אַן ענגען קרייז, אין וועלכען עס האָבען זיך גלייכצייטיג באַטייליגט אויך לענין און סטרואַווע, איז לענינ׳ס פאָרטראַג געענדערט און איבערגעאַרבייט געוואָרען. איך האָב אַנשטאָט לענינ׳ס נאָמען אוועקגעשטעלט דעם פען-נאָמען טולין און האָב דעם פאָרטראַג אָפּגעדרוקט אין אַ זאַמעל-בוך, צוזאַמען מיט אַרטיקלען פון פּלעכאַנאָוו׳ן, סטרואַווע׳ן, מיר און אַנדערע שרייבער. די רעגירונג האָט יענעם זאַמעל-בוך פאַרברענט.

„עס האָט טאַקע דאַמאַלס אויסגעזעהן, אַז מיר האָבען זיך ניט גענאַרט אין אונזערע ערוואַרטונגען פון לענינ׳ען. עס איז געוועזען גענוג צו פאַרגלייכען זיין אָפּגעדרוקטען אַרטיקעל מיט דעם, וואָס ער האָט גערעדט אויף דער פאַרזאַמלונג, אום איינצוזעהן, אַז עס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין לענינ׳ס קוק אויף געוויסע פראַגען. און מיר האָבען דאַמאַלס געגלויבט, אַז עס איז מעגליך, אַז לענין זאָל זיך ווייטער ענטוויקלען אין דער־זעלביגער ריכטונג, אַז ער זאָל אוועקוואַרפען זיינע סעקטאַנטישע אויסטייטשונגען פון דער לעהרע פון קאַרל מאַרקס און זאָל קומען צום אמת׳ן מאַרקסיזם, צום מאַרקסיזם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

„און ניט נאָר איך און מיינע נאָהענטסטע פּעטערבורגער פאַרטיי־חברים האָבען אין דעם געגלויבט, נאָר עס האָבען אין לענינ׳ען געגלויבט אויך די פאָרשטעהער פון דעם עלטערען דור רוסישע מאַרקסיסטען, פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד.

„לענין איז דאַמאַלס צום ערשטען מאָל אַרויסגעפאָרען אין אויסלאַנד. דאָס איז געוועזען אין יאָהר 1895, באַלד ווי מיר

האָבען ארויסגעגעבען אונזער זאמעל־בוך, און די רעגירונג האָט איהם קאָנפיסקירט. איך האָב געהאט די געלעגענהייט צו זעהן די ערשטע באקאנטשאַפט פון לענינ'ען מיט פּלעכאנאָוו'ן. איך האָב געזעהן דעם איינדרוק, וואס פּלעכאנאָוו האָט געמאכט אויף לענינ'ען. און פּלעכאנאָוו פלעגט מיר איבערגעבען זיינע איינ־דרוקען פון לענינ'ען. מיר זיינען זיך אלע צונויפגעפאהרען אָנ־הויב זומער אין זשענעווע. פון דאָרטען זיינען מיר צוזאמען אוועק אין די בערג און האָבען זיך באזעצט אין דעם פארוואר־פּענעם דערפעל ארמאָני. מיר האָבען די גאנצע צייט פאר־בראכט שפּאצירענדיג און שמועסענדיג.

„אין יענע טעג האָט לענין מיט באגייסטערונג זיך צוגע־הערט צו פּלעכאנאָוו'ס מייסטערהאפטע שילדערונגען פון דער רעוואלוציאנערער פארגאנגענהייט פון די זיבעציגער יאהרען. עס וועט אפשר קלינגען איצט מאָדנע, אָבער לענין האָט זיך אבי־סעל געשראָקען פאר דער קראפט פון פּלעכאנאָוו'ן דעם דענקער און באגרינדער פון רוסישען מארקסיזם. פּלעכאנאָוו, ווידער, האָט מיט מיטגעפיהל זיך צוגעקוקט צום פעהיגען רעוואלוציא־נערען פּראקטישען טוער. לענין האָט ארויסגעוויזען אזוי פיל אויפמערקזאמקייט צו די פארשידענע איינצעלהייטען פון דער אָרגאניזאציע. קוקענדיג אויף לענינ'ען האָט זיך פּלעכאנאָוו'ן אלץ געדוכט, אז ער זעהט פאר זיך זיין אמאָליגען יוגענד־חבר, דעם באריהמטען מיטגליד פון דער „נאראָדנאיא וואָליא", אלעק־סאנדער מיכאילאָוו.

„פּלעכאנאָוו האָט ערווארט, אז דער פּראקטישער טוער לענין וועט שפּילען א גרויסע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון דער רו־סישער סאָציאל־דעמאָקראטיע, אָבער וועגען לענינ'ס ליטעראריי־שע פייאיגקייטען האָט פּלעכאנאָוו גערעדט איינגעהאלטען.

„פּלעכאנאָוו פלעגט זאגען וועגען לענינ'ס ארטיקלען: „דאָס איז ניט אָנגעשריבען, ווי די פראנצויזען זאָגען. דאָס איז ניט קיין ליטעראריש ווערק, דאָס איז גאָרניט". פּלעכאנאָוו האָט איינפאך ניט געקאָנט פארטראָגען לענינ'ס ארטיקעל אין אונזער זאמעל־בוך. וואָרים ניט קוקענדיג אויף אלע ענדערונגען, וואס

לענין האָט געמאַכט אין דעם אַרטיקעל, איז ער אָבער געבליבען פּונקט אַזוי שלעכט געבויט און אָהן פאָרם, ווי ער איז געווען אין אָנהויב. דער אַרטיקעל האָט פאַרמאָגט אַ סך קראַפט אַלס אַגיטאַציע מאַטעריאַל. מען האָט אָבער באַלד געקענט זעהן, אַז דער פאַרפאַסער פון דעם אַרטיקעל איז ניט קיין געבאָ־רענער שרייבער, נאָר אַ פּראַקטישער טוער, וואָס האָט זיך צו־פעליג גענומען פאַר דער פעדער, ווייל דער מאָמענט איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכער, און מען האָט געמוזט זיך אַרויס־זאָגען.

„אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס פּלעכאַנאָוו האָט זיך אַזוי באַ־צויגען צו לענינ׳ען, האָט ער זיך ניט אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו לענינ׳ס געדאַנקען־גאַנג און צו זיינע מיינונגען. אַזוי איז פּלעכאַנאָוו דוקא געווען זעהר שטרענג און ניט טאָלעראַנט צו אַלע געדאַנקען, וואָס האָבען ניט גענוי געשטימט מיט׳ן מאַרק־סיזם. דאָ אָבער, אין דעם פאַל פון לענינ׳ען, האָט ער אַרויס־געוויזען אַ מאָדנע וויכקייט, וואָס מען האָט ביי איהם קיינ־מאָל ניט געזעהן אין אַזעלכע פראַגען. דאָס איז געווען טאַקע דערפאַר, ווייל פּלעכאַנאָוו האָט איינגעזעהן, אַז אין דעם נייעם מענשען, אין לענינ׳ען, זיינען וויכטיג ניט זיינע געדאַנקען, נאָר זיינע אויסערגעוועהנליכע אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען. צו־ליב דיזע פּראַקטישע פעהיגקייטען ביי לענינ׳ען, האָט פּלעכאַ־נאָוו זיך געמאַכט ניט זעהענדיג, וואָס לענין פאַרנעמט זיך מיט שרייבען, מיט אַן אַרבייט, וואָס איז אַזוי ניט פאַר איהם.

„שוין דעמאָלט, אין די אַלפּען־בערג, האָב איך געהאַט עפּעס אַ ניט־קלאָרען געפיהל, אַז די צוויי מאַרקסיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואָס גלויבען, דוכט זיך, אין איין געדאַנק, ריידען דאָך אויף צוויי באַזונדערע שפּראַכען און קוקען גאָר פאַר־שידען אויף זאַכען און קוקען אין פאַרשידענע ריכטונגען.

„פּלעכאַנאָוו איז געווען אַזאַ פאַרבענרייכע און פילזייטיגע פּערזענליכקייט. אין פאַרגלייך מיט איהם, האָט לענין אויס־געזעהן אַזוי גרוי, אַזוי טונקעל און איינזייטיג. פּלעכאַנאָוו איז

געוועז א קוואל פון חכמה, וואס האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגע־שעפּט. מען האָט שטענדיג געקענט הערעז פון איהם גע־דאנקעז איבער אַלע צווייגעז פון מענשליכען וויסען. מען האָט געקאָנט שמועסען מיט איהם און הערען פון איהם נייע גע־דאנקען ניט נאָר אין פּאָליטיק, נאָר אויך וועגען קונסט, לי־טעראַטור, טעאַטער, פילאָזאָפיע. לענין איז געוועזן גוט באהאַ־וואוסט אין די רוסישע ביכער איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. ער האָט גוט געקענט די ווערק פון מארקס און ענגעלס. אָבער עס האָט אייך געצויגען צו ריידען מיט איהם נאָר וועגען פראַ־גען פון דער באַוועגונג. אין באַוועגונגס־פראַגען האָט לענין זיך געפיהלט ווי אַ פיש אין וואַסער. אין אַלע אַנדערע פראַגען איז ער געוועזן ווייניג אינטערעסאַנט און ניט אָריגינעל. דער־פאַר אָבער ווי נאָר ער פלעגט זיך צוריהרען צו דער באַוועגונג פלעגט ער באַלד ווערען אַן אַנדערער, אַן אויפגעלעבטער, און פלעגט שפּריצען מיט קראַפט און פייער. אין יעדען גע־דאנק זיינעם האָט מען געשפּירט אַ דורכגעטראַכטקייט. מען האָט הינטער זיינע מיינונגען געפיהלט זיין לעבענס־ערפאַהרונג. ווייל כאָטש זיין ערפאַהרונג איז געוועזן ניט קיין גרויסע און אַ גאַנץ איינפאַכע, האָט זי דאָך געמאַכט פון איהם אַן אמת'ן ספּעציאַליסט אין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט און האָט ארויס־געבראַכט זיין גאַנצען איינגעבאָרענעם אָרגאַניזאַטאָרישען טאַ־לאַנט.

„מען דאַרף דערביי באַמערקען, אַז די רוסישע ארבייטער באַוועגונג האָט אין יענער צייט נאָך געהאַלטען ביי איהרע ערשטע טריט. די גאַנצע אויפגאַבע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע קרייזען און פון די אַלע „קאַמפּס־פאַראיינען" איז באַ־שטאַנען אין אָנפיהרען סטרייקס און זעהן, אַז זיי זאָלען זיך פאַרוואַנדלען אין אַ קאַמף געגען דער זעלבסט־הערשאַפט.

„אין פאַרגלייך מיט דער שפּעטערדיגער טעטיגקייט, איז דאָס געוועזן זעהר אַן איינפאַכע אַגיטאַציאָנס־ארבייט, און לענין האָט די ארבייט געטאָן ווי אַ קינסטלער. עס איז געבליבען אַ רייכער

דענקמאל פון לעניני'ס פיבערהאפטער ארבייט אין יענער צייט. אויסער א גאנצע מאסע „אומלעגאלע" פראקלאמאציעס, וואס זיינען אין געהיים פארשפרייט געווארען צווישען די רוסישע אר־בייטער, זיינען נאך געבליבען עטליכע פאפולערע בראשורען. אין די דאזיגע ביכלעך ווערען באהאנדעלט איינינע פראקטישע פרא־גען פון דער ארבייטער באוועגונג אזוי קלאר און פארשטענד־ליך, אז אפילו די וויניג־ענטוויקעלטע ארבייטער קענען דאס לייכט פארשטעהן. מיר, וואס האבען געארבייט אין דיזעלבינע ארבייטער קרייזלעך, און האבען געזעהן דיזע טעטיגקייט לעניני'ס, האבען פארגעסען דעם איינדרוק וואס לענין האט אויף אונז גע־מאכט ביי יענער ערשטער פארזאמלונג, וועגען וועלכער איך האב פריהער גערעדט. עס האט זיך אונז געדוכט, אז די שטריכען, וואס מיר האבען דעמאלט באמערקט ביי לענינ'ען, זיינען איצט אפגעטראטען ערגעץ אן א זייט, אדער ער האט זיי אויך ביינעקומען, און אט איצט ארבייט ער אזוי גלענצענד איבער טאג־טעגליכע פראגען פון דער באוועגונג.

„ווען מיר ביידע, אי לענין, אי איך, זיינען דערנאך פאר־ווארפען געווארען אין די רוסישע טורמעס און זיינען שפעטער פארשיקט געווארען, האב איך אין זיינע בריף געמערקט די ענדערונג, וואס איז אין איהם פארגעקומען. באזונדערס קלאהר האט מען געקאנט זעהן דיזע ענדערונג אין זיינע מיינונגען וועגען די אזוי־גערופענע „לעגאלע" מארקסיסטען, וואס האבען גיט גענומען קיין דירעקטען אנטייל אין דעם אונטערערדישען קאמף פון דער סאציאל־דעמאקראטיע. עס האט זיך געדוכט, ווי ער וואלט זיך שוין איצט אינגאנצען באפרייט פון זיינע אמאליגע נייגונגען. פריהער האט ער אויף אלצדינג, וואס איז אין רוס־לאנד פארגעקומען, געקוקט מיט די אויגען פון א פארשווערער, איצט האט ער גענומען ברייטער קוקען אויף זאכען.

„צום אומגליק אבער, האט זיך דאס נאר אזוי אויסגעוויזען. עס איז געווען א גרויסער טעות, ווען איך און נאך א סך אנ־דערע מארקסיסטען־סאציאלדעמאקראטען האבען לענינ'ען בא־

טראכט פאר אונזער חבר, פאר איינעם, וואס קוקט אויף זאכען פונקט ווי מיר.״*)

זיצענדיג אין פעטערבורגער טורמע האָט לענין אין יאהר 1896 דאָרט אָנגעשריבען א בראָשורע „וועגען סטרייקס״, א „פראָיעקט פון א פּראָגראַם פאר די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען״, און גלייכצייטיג האָט ער אויך פלייסיג געארבייט אויף זיין בוך „די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד״, וואס ער האָט שפּעטער ארויסגעלאָזט אונטער דעם פּסעוודאָנים וולאַדימיר אילין. אין אָנפאנג פון 1897טען יאָהר איז אוליאַנאָוו ארויסגעשיקט געווארען אויף דריי יאָהר אין מזרח־סיביר (אין דאָרף שושענסקאיא, יעניסייער גובערניע). דאָרט האָט ער אָנגעשריבען זיין ביכעל „די אויפגאַבען פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען״, וואס איז ערשינען אונטער דעם פּסעוודאָנים נ. לענין, מיט א פּאָררעדע פון פּאַוועל אקסעלראָד.**)

אין סיביר האָט ער אויך איבערזעצט סידנעי וועב׳ס באַריהמטען בוך: „די טעאָריע און פּראַקטיק פון טרייד־יוניאַניזם״. אין יאהר 1899 האָט לענין פארעפענטליכט זיין בוך „די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד״. דאָס בוך האָט איהם געשאַפען א נאָמען צווישען אַלע די, וואס האָבען זיך אינטערעסירט מיט די פּראָבלעמען פון רוסלאַנד׳סווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג.

פאַר דער צייט, וואָס לענין איז געווען אין טורמע און אין סיביר האָט די יונגע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד אָנגענומען א נייע ווענדונג. אונטער דער ווירקונג פון די גרויסע סטרייקס, וואס זיינען אין ענדע פון די 90־ער יאהרען פאָרגעקומען אין פּעטערבורג און אין א רייהע אנדערע שטעדט

*) זעה א. פּאָטרעסאָוו, „עראינערונגען וועגען לעניג׳ען״, „פאָרווערטס״, אָקטאָבער 16, 1927.

**) ער האָט זיך א נאָמען געגעבען לענין, לויט דעם נאָמען פון דעם טייך לענא, וואָס פליסט דורך דעם געגענד פון סיביר, וואו ער איז געווען פארשיקט (לענין מיינט אויף רוסיש: פון דער לענע, אָדער פון דעם לענא־געגענד).

האָט זיך צווישען די יונגע מיטגלידער פון דעם פעטערבורגער „קאמפּס־פאראיין" ענטוויקעלט א ריכטונג, וואס האָט געהאַלטען, אז די ארבייטער דארפען קעמפּען בלויז פאר זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסען און ניט פארנעמען זיך מיט פּאָליטישען קאמף. זייער מיינונג איז געווען אז די ארבייטער זיינען נאָך ניט דערוואקסען פאר א פּאָליטישען קאמף און אז די סאָציאַל־דעמאָקראטען דארפען דעריבער אין זייער אגיטאציע ארויסשטעלען נאָר אזוינע פאדערונגען, וואס ריהרען אָן זייערע טאָג־טעגליכע אינטערעסען, ווי די פראגען וועגען העכערע שכירות, וועגען א קירצערען ארבייטס־טאָג, בעסערע באהאנדלונג מצד די אונטערנעמער און דער רעגירונג, פארזיכערונג אין פאַל פון אן אונגליק א. אז. וו. די אנהענגער פון דער ריכטונג האָט מען דערפאר א נאָמען געגעבען „עקאָנאָמיסטען". איינינגע פון דיזע עקאָנאָמיסטען זיינען געגאנגען נאָך ווייטער און האָבען באהויפּטעט, אז מיט דעם פּאָליטישען קאמף דארף זיך פארנעמען די ליבעראלע „געזעלשאפט" און די אינטעליגענץ. דער ארבייטער קלאַס דארף קיין אייגענע פארטיי ניט האָבען, נאָר ער דארף העלפען דער אָפּאָזיציע פון די אנדערע קלאסען צו פיהרען דעם קאמף געגען דער זעלבסט־הערשונג. „אין א פארענדיגטער פאָרם, דערצעהלט בוכבינדער, זיינען דיזע עקסטרעמע אנזיכטען פון די עקאָנאָמיסטען געווען אויסגעדריקט אין דעם באוואוסטען „קרעדאָ", וואָס איז געווען געשריבען פון יעקאַטערינא קוסקאָווא.*) די „קרעדאָ" איז געווען ניט מעהר ווי א זאמלונג פון געדאנקען, וואָס קוסקאָווא האָט אָנגעווארפען בעת א דיסקוסיע און וועלכע זי האָט ניט בדעה געהאט צו פארעפענטליכען. צופעליג אָבער איז די „קרעדאָ" אריינגעפאלען אין לענינ'ס הענד און ער האָט באשלאָסען עס צו פארעפענטליכען, כדי דורך זיין קריטיק אויפצודעקען דעם גאנצען אָפּארטוניסטישען אינהאלט פון דעם „עקאָנאָמיזם". אין זיין קריטיק אויף דעם „קרעדאָ" האָט לענין

---

*) איצט איינע פון די טאלאנטפולסטע רוסישע פּאָליטישע פּובליציסטען, אן אומפּארטייאישע מעסיגע סאָציאַליסטקע.

אַנגעוויזען אויף דעם גאַנג פון דער אַרבייטער באַוועגונג אין אַנדערע לענדער און ער האָט געצייגט וואָרום דער אַרבייטער קלאַס מוז פיהרען ניט נאָר אַן עקאָנאָמישען קאַמף, נאָר אויך אַ פּאָליטישען.

נאָך אין יאָהר 1897 האָבען אַ גרופּע פּעטערבורגער אַר־בייטער צוזאַמען מיט איינינגע אינטעליגענטען אָנגעפאַנגען אַרויס־צוגעבען אַן אונלעגאַלע צייטונג „ראַבאָטשאַיאַ מיסל" („דער אַר־בייטער געדאַנק"). אין דיזער צייטונג האָט דער „עקאָנאָמיזם" געפונען זיין פולען אויסדרוק.

„דער קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער לאַגע, לעזען מיר אין ערשטען נומער פון דער „ראַבאָטשאַיאַ מיסל", דער קאַמף גע־גען קאַפּיטאַל אויף דעם געביט פון די טאָג־טעגליכע דרינגענד־סטע אינטערעסען פון אַרבייטער קלאַס און סטרייקס אַלס אַ מיטעל אין דיזען קאַמף — אָט דאָס איז דער לאָזונג פון דער אַרבייטער באַוועגונג. אָט דער קאַמף איז פאַר אַלע־מען פאַרשטענדליך. ער פאַראייניגט די אַרבייטער און פאַר־האַרטעוועט זייערע כחות. אין דיזען קאַמף איז יעדער שריט פאַרווערטס אַ פאַרבעסערונג אין לעבען, אַ נייער מיטעל פאַר ווייטערדיגע ערפאָלגען. זאָלען די אַרבייטער פיהרען דעם קאַמף, וויסענדיג אַז זיי קעמפען ניט עפּעס פאַר צוקינפטיגע דורות, נאָר פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער. זאָלען זיי געדענקען, אַז יעדער זיג, יעדער שטיקעל באָדען, וואָס זיי רייסען אַרויס פון שונא, איז אַ טרעפּ אין דעם לייטער, וואָס פיהרט צו זייער וואוילזיין. זאָלען די וואָס האָבען כחות רופען די שוואַכע צום קאַמף און אויסשטעלען זיי אין די רייהען, ניט וואַרטענדיג אויף הילף פון קיינעם. דער זיג איז פאָראויס און ער וועט בלויז דאַן אָפּגעהאַלטען ווערען, ווען דער לאָזונג פון די אַרבייטער וועט זיין: „אַרבייטער פאַר אַרבייטער".

אין יאָהר 1898 איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואָס האָבען געלעבט אין אויס־לאַנד. אַ טייל זיינען געווען איינשטימיג מיט די „עקאָנאָמיס־

טען״. אנדערע האָבן געהאַלטען, אז מען מוז באַקעמפען די „עקאָנאָמיסטען״.

די וואָס זיינען מעהר געווען גענייגט צו די עקאָנאָמיס־טען האָבן געגרינדעט דעם זשורנאַל „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״. פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד און זאַסוליטש האָבן באַקעמפט די „ראַ־באָטשעיע דיעלאָ״ דערפאַר, וואָס די „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״ האָט געפּרעדיגט, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס דאַר־פען פריהער זיך פאַרנעמען מיט ריין עקאָנאָמישער אַגיטאַציע, דערנאָך מיט פּאָליטישער אַגיטאַציע אין פאַרבינדונג מיט׳ן עקאָנאָמישען קאַמף — פריהער פאַר די קאָנקרעטע נאָהענט־סטע פאָדערונגען, ווי פרייהייט פון סטרייקס, פון פאַראיינען, פרייהייט פון פּרעסע און פון פאַרזאַמלונגען א. אז. וו., און דער־נאָך אַרויסשטעלען די פאָדערונג פון א דעמאָקראַטישער קאָנ־סטיטוציע.

לענין און זיינע נאָהענטסטע חברים, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין סיביר, זיינען, ווי געזאָגט, אויך געווען ביטערע געגנער פון די „עקאָנאָמיסטען״.

אין יאָהר 1900, האָט זיך לענין אומגעקעהרט פון סיביר צוריק אין אייראָפּעאישען רוסלאַנד. צוזאַמען מיט איהם האָ־בען זיך אויך אומגעקעהרט פון סיביר ל. מארטאָוו און א. פּאָט־רעסאָוו. לענין און מארטאָוו האָבן זיך באַזעצט אין פּסקאָוו. אין מאַי פון זעלבען יאָהר איז פאָרגעקומען אין פּסקאָוו א געהיימע באַראַטונג פון די ווייכטיגסטע מארקסיסטישע שרייבער, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין רוסלאַנד (אויסער לענין, מארטאָוו און פּאָטרעסאָוו האָבן זיך אין דער באַראַטונג אויך באַטייליגט די דאַמאַלדיגע צוויי ווייכטיגסטע לעגאַלע מארקסיסטישע עקאָנאָ־מיסטען פּראָפ. מ. טוגאַן־באַראַנאָווסקי און פּיאָטר סטרוּוע.*) דאָרט איז באַשלאָסען געוואָרען אָנצופאַנגען אַרויסגעבען אין אויסלאַנד א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג.

---

*) ביידע זיינען שפּעטער אוועק פון מארקסיזם.

עס איז אנגעמערקט געווארען די פראָגראַם פון דער צוקונפטיגער צייטונג און עס איז באַשטימט געווארען איהר נאָמען — „איסקראַ“ („דער פונק“). לענין און פאָטרעסאָוו זיינען באַ־אויפטראַגט געווארען צו פאָהרען אין אויסלאַנד, שטעלען זיך אין פאַרבינדונג מיט פלעכאַנאָוו'ען און זיין גרופע, אום צו־זאַמען אוועקצושטעלען די צייטונג.

פערטער קאפּיטעל.

די עפּאָכע פון דער „איסקראַ".

די „איסקראַ". — די ערשטע טעאָרעטישע באַגרינדונג פון „לעניניזם". — דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבייטער פּארטיי. — אַקסעלראָד, מאַרטאָוו, זאַסוליטש און פּאָטרעסאָוו. — די שפּאַלטונג אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. — לענין ווערט דער דיקטאַטאָר פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי.

דער ערשטער נומער „איסקראַ" איז ערשינען דעם 21טען דעצעמבער, 1900, אין מינכען, דייטשלאַנד. אין גיכען איז אויך מארטאָוו געקומען אין אויסלאַנד און די „איסקראַ" איז אַרויסגעגאַנגען פריהער אין מינכען, דערנאָך אין לאָנדאָן אונ־טער דער געמיינשאַפטליכער רעדאַקציע פון פּלעכאַנאָוו, אַקסעל־ראָד, זאַסוליטש, לענין, פּאָטרעסאָוו און מאַרטאָוו.

די „איסקראַ" האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַר־ניכטען דעם איינפלוס פון די „עקאָנאָמיסטען" אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, צו פאַראייניגען אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּען אין אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געשטאַ־נען אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון אָרטאָדאָקסאַלען מארקסיזם, אויס־ארבייטען אַן איינהייטליכע פּראָגראַם און צוגרייטען די צוזאַ־מענרופונג פון אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר, וואָס זאָל ערוועהלען אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיין דער טאָן־געבער און אָנ־פיהרער פון דער גאַנצער ארבייט.

לענין האָט אין דער „איסקראַ" געשפּילט די הויפּט־ראָלע, ניט אַזוי אין דער צייטונג גופא, ווי אין דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דירעקטירט די גאַנצע ארבייט פון די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע גרופּען, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו דער „איסקראַ". די „איסקראַ" האָט לויט לענינ'ס פּלאַן געשאַפען אַן אָר־

גאַניזאַציע פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען", וועלכע זאָלען, ווי לענין האָט זיך אויסגעדריקט, אָפּגעבען פאַר דער רעוואָלוציע „ניט נאָר זייערע פרייע אבענדען, נאָר זייער גאַנצען לעבען". די „אַגענטען" פון דער „איסקראַ" האָבען אין די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד געפיהרט אַ קאַמף געגען די „עקאָנאָמיסטען", האָבען פאַרשפּרייט די נומערען „איסקראַ" און אַנדערע אונלעגאַלע ליטעראַטור, וואָס זיי פלעגען באַקומען צוגעשיקט פון אויסלאַנד, פלעגען שרייבען קאָרעספּאָנדענציעס אין דער „איסקראַ" פון זייערע שטעדט, פלעגען זאַמלען געלד פאַר דער „איסקראַ" און פלעגען זיך דורכשרייבען מיט דער רעדאַקציע פון דער „איסקראַ", וועלכע פלעגט זיי געבען עצות ווי אַזוי אָנצוגעהן מיט דער אַרבייט. די אַגענטען פון דער „איסקראַ" פלעגען געוועהנליך אַרומפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט. זיי פלעגען אָפּט אויך פאָהרען אין אויסלאַנד אום פערזענליך דורכצורײדען זיך מיט די רעדאַקטאָרן פון דער „איסקראַ". צו ענדע פון דעם יאָהר 1902 זיינען שוין די מעהרסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָמיטעטען פון רוסלאַנד אַריבער אויף דער זייט פון דער „איסקראַ". זעהר פיל האָט מיטגעהאָלפען דעם ערפאָלג פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער „איסקראַ" די אויפלעבונג, וואָס האָט זיך צו יענער צייט אָנגעהויבען אין לאַנד. נאָך די גרויסע סטרייקס פון די 90ער יאָהרען זיינען געקומען סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס פון סטודענטען און פויערים אונרוהען. אין יאָהר 1899 איז פאָרגעקומען אַ סטרייק פון 25 טויזענט סטודענטען. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָבען זיך די סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס פון סטודענטען נאָך אַמאָל ווידערהאָלט. אין די יאָהרען 1900, 1901 און 1902 זיינען אין פילע שטעדט פאָרגעקומען גרויסע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס. אין 1903 זיינען פאָרגעקומען נאָך גרעסערע סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס פון אַרבייטער און סטודענטען.

שוין אין יאָהר 1902 האָט לענין אין דער „איסקראַ", און שפּעטער אין באַזונדערע בראָשורען, אָנגעפאַנגען אַנטוויקלען זיין אייגענע טעאָריע, וואָס איז זיך שטאַרק פונאַנדערגעגאַנגען

מיט די טעאָריעס און באַגריפען, וואס האָבען ביז דאַן געהערשט צווישען די מעהרסטע פיהרער און טעאָרעטיקער פון דער רו־סישער סאציאל־דעמאָקראטיע.

אין זיין בוך „טשטאָ דיעלאַט?" („וואָס זאָל מען טאָן?"), וועלכער איז ערשינען אין יאָהר 1902, האָט לענין צום ערשטען מאָל טעאָרעטיש באַגרינדעט זיינע מיינונגען וועגען די באַציאונגען צווישען דער אינטעליגענץ און די ארבייטער, צווישען דער ענט־וויקעלטער פערזענליכקייט און דער אונענטוויקעלטער, צווישען דער רעוואָלוציאָנערער מינדערהייט און דער קאָנסערוואַטיווער מערהייט. דער בוך איז געוואָרען פאַר לענין'ס אָנהענגער א מין רעוואָלוציאָנערער שולחן ערוך.

ווי לענין אליין האָט עס פאָרמולירט, איז די הויפּט־טעמע פון בוך די פראַגע „וועגען דעם כאַראַקטער און דעם הויפּט־אינהאַלט פון דער פּאָליטישער אַגיטאַציע, וועגען אונזערע אָר־גאַניזאַציאָנס־אויפגאַבען און דעם פּלאַן פון אויפבויען אַן אַל־רוסישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע גלייכצייטיג פון פאַרשידענע זיי־טען".

„די געשיכטע פון אַלע לענדער באַווייזט אונז, שרייבט לע־נין אין זיין בוך, אַז מיט זיינע אייגענע קרעפטען אַליין קען דער אַרבייטער קלאַס אויסאַרבייטען בלויז א טרייד־יוניאָניסטישען באַוואוסטזיין, דאָס הייסט די נויטיגקייט צו פאַראייניגען זיך אין יוניאָנס, פיהרען א קאַמף מיט די באַלעבאַטים, אויס־קעמפען ביי דער רעגירונג די אדער יענע נויטיגע געזעצען פאַר די אַרבייטער א. אז. וו. אָבער די סאָציאַליסטישע לעהרע איז אויסגעוואַקסען פון יענע פילאָזאָפישע, היסטאָרישע און עקאָנאָ־מישע טעאָריעס, וועלכע עס האָבען באַשאַפען די פאָרשטעהער פון פאַרמעגליכע קלאַסען, די *אינטעליגענץ*. די באַ־גרינדער פון דעם מאָדערנעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, מאַרקס און ענגעלס, האָבען אַליין, לויט זייער סאָציאַלער אָפּ־שטאַמונג, געהערט צו דער בורזשואַזער אינטעליגענץ. דאָס גלייכען אין רוסלאַנד איז די טעאָרעטישע לעהרע פון דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע ענטשטאַנען אינגאַנצען *אונאָפּהענגיג*

פון דער סטיכישער (אומבאוואוסטזיניגער) ארבייטער באוועגונג, אויך ווי א נאטירליכער און אומפארמיידליכער רעזולטאט פון ע נ ט וו י ק ל ו נ ג פ ו ן ג ע ד א נ ק ביי דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ".

עס הייסט, ערשטענס, אז דער ארבייטער קלאס, ווען מען זאָל איהם איבערלאָזען איינעם אליין, וועט ער ווייטער פון טרייד־יוניאניזם ניט אוועקגעהן, און צווייטענס, אז דער סאָציאַליסטישער באוואוסטזיין ענטוויקעלט זיך אונאָפּהענגיג פון דער ארבייטער באוועגונג ביי דער אינטעליגענץ און ערשט דאן טראָגט איהם די אינטעליגענץ אריין אין דער ארבייטער באַוועגונג.

אָט די ביידע געדאנקען ווידערהאָלען זיך עטליכע מאָל אין לענין'ס בוך.

„אויב עס קען גאָר קיין רייד ניט זיין, שרייבט ער ווייטער, וועגען א זעלבסטשטענדיגער אידעאָלאָגיע, וואס זאָל זיך אויסארבייטען ביי די ארבייטער מאסען אין דעם גאנג פון זייער באוועגונג, טאָ שטעלט זיך די פראגע נאָר אזוי: א בורזשואזע אָדער סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע? די סטיכישע ענטוויקלונג פון דער ארבייטער באוועגונג פיהרט נאָר צו דעם, אז די ארבייטער באוועגונג זאָל דורכגעדרונגען ווערען מיט א ב ו ר ז ש ו א ז ע א י ד ע א ָ ל א ָ ג י ע, ווייל די סטיכישע ארבייטער באוועגונג איז טרייד־יוניאניזם. א ו ן ט ר י י ד ־ י ו נ י א ָ נ י ז ם באַדייט א גייסטיגע פארשקלאַפונג פון די ארבייטער ביי דער בורזשואזיע. דעריבער באַשטייט אונזער אויפגאבע, די אויפגאבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, אין קאמף געגען דער סטיכישקייט, אין דעם, אז מיר זאָלען א ָ פ צ י ה ע ן די ארבייטער באוועגונג פון דער סטיכישער טרייד־יוניאניסטישער שטרעבונג צו געהן אונטער'ן פליגעל פון דער בורזשואזיע און אריינציהען אָט די באוועגונג אונטער'ן פליגעל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע". צום ביישפיל, לאָסאַל „האָט אָפּגעצויגען די ארבייטער באוועגונג פון דעם וועג פון ליבעראַלען טרייד־יוניאניזם און קאָאָפּעראטיוויזם, אויף וועלכען די באוועגונג איז

סטיכיש געגאנגען מיט דעם אנטייל פון שולצע־דעליטש און נאך אזעלכע."*)

דער ארבייטער קלאס שטרעבט, אלזא, סטיכיש ניט צום סאציאליזם, נאר צו דער בורזשואזער אידעאלאגיע און דער טרייד־יוניאניזם איז ניט מעהר ווי „א גייסטיגע פארשקלאפונג פון די ארבייטער ביי דער בורזשואזיע". אבער צום גליק זיינען פאראנען אויף דער וועלט געבילדעטע רעוואלוציאנערע אינטעליגענטען, „פראפעסיאנעלע רעוואלוציאנערען", וועלכע שלעפען דעם ארבייטער קלאס אוועק פון דעם בורזשואזען איינפלוס און באקעהרען איהם צום סאציאליזם.

אט דעם געדאנק ווידערהאלט לענין עטליכע מאל.

„די סטיכישע ארבייטער באוועגונג אליין, שרייבט ער, איז פעהיג צו באשאפען און באשאפט טאקע אומפארמיידליך נאר טרייד־יוניאניזם און די טרייד־יוניאניסטישע פאליטיק פון ארבייטער קלאס איז אייגענטליך די בורזשואזע פאליטיק פון ארבייטער קלאס". „ביי ארבייטער האט ניט געקענט זיין קיין סאציאל־דעמאקראטישער באוואוסטזיין. אט דעם באוואוסטזיין האט מען געקענט אריינברענגען צו איהם נאר פון דרויסען.**)

הכלל, דער ארבייטער קלאס איז פון דער נאטור דורכגעדרונגען מיט א בורזשואזער אידעאלאגיע. ער אליין קען פיהרען נאר א „בורזשואזע פאליטיק". דעריבער נויטיגט ער זיך אין א וועג־ווייזער, אין א לעהרער, וואס זאל איהם פיהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג. און דער וועג־ווייזער איז ניט קיין אנדערער ווי דער „פראפעסיאנעלער רעוואלוציאנער" (דער צוקונפטיגער קאמוניסט).

נ. זשארדאניא באווייזט אין זיין בוך „באלשעוויזם" זעהר קלאהר, אז דער דאזיגער בליק לענינ'ס אויף די באציהונגען

---

*) В. ИЛЬИН (Ленин). "За 12 лет", СПБ., 1906 г., стр. 205-206, 212-213.

**) Там-же, стр. 246.

צווישען סאָציאַליזם און דער אַרבייטער באַוועגונג איז היסטאָריש דורכאויס פאַלש און האָט גאָרניט צו טאָן מיט׳ן מאַרקסיזם.

„געוויס קען דער פּראָלעטאַריאַט ניט שאַפען די וויסענשאַפט, גלייך ווי די בורזשואַזיע האָט ביז איצט אויך ניט געשאַפען קיין וויסענשאַפט, שרייבט זשאָרדאַניא. די וויסענשאַפט באַשאַפען איינצעלנע פּערזאָנען פון פאַרשידענע קלאַסען, וועלכע האָבען גענוג פרייע צייט אויף אָפּצוגעבען זיך מיט גייסטיגער אַרבייט. די ערפונדענע טעאָרעטישע רעזולטאַטען פון דער סאָציאַלער וויסענשאַפט טראָגען זיך אַריין צום פּראָלעטאַריאַט דורך יענע פּראָלעטאַריער גופא, וועלכע האָבען די מעגליכקייט צו באַקענען זיך מיט זיי. און דער פּראָלעטאַריאַט נעמט אָן נאָר יענע רעזולטאַטען, וועלכע זיינען צוגעפּאסט צו זיינע אינטערעסען, צו זיינע אנזיכטען און צו זיין קאַמף. די אידעען, וועלכע דריקען ניט אויס די אַרבייטער באַוועגונג, ווערען אַרויסגעוואָרפען אין דרויסען. „די געשיכטע פון אַלע לענדער“ באַווייזט אין דער אמת׳ן גאָר דעם היפוך פון דעם, וואָס לעניז באַווייזט. דער פּראָלעטאַריאַט באַוועגט זיך „סטיכיש“ ניט צו דער בורזשואַזיע, נאָר צום סאָציאַליזם, צום קלאַסען־קאַמף, צו זעלבסט־באַפרייאונג, און ערשט דערנאָך, גאַנץ שפּעט, באַמערקען דאָס די אינטעליגענטען־סאָציאַליסטען, באַטראַכטען דאָס און באַגרינדען וויסענשאַפטליך די ערפאַהרונג פון זיין באַוועגונג.

„מען וועט מיר זאָגען: דאָס אַלץ איז ריכטיג בנוגע צו מעריב אייראָפּא, וואו דער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט האָט ווירקליך געשאַפען דעם פונדאַמענט פאַר׳ן וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, נאָר אין רוסלאַנד איז דאָך פאַרקערט — פון אָנהויב זיינען געקומען סאַציאַלדעמאָקראַטען־אינטעליגענטען, און דערנאָך ערשט האָט זיך ענטוויקעלט אַן אַרבייטער באַוועגונג.

„נאָר אויך דער ענטפער איז היסטאָריש ניט ריכטיג. צום ערשטען מאָל האָט אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דער רוסישער סאַציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג געגעבען די „גרופּע פאַר דער באַפרייאונג פון דער אַרבייט“ מיט פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד אין

שפּיץ, וועלכע איז ערשינען אין 1883 יאָר, וועהרענד די סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָגראַם איז פּאַרעפענטליכט געוואָרען
שוין אין 1879טען יאָהר פון דעם „אַרבייטער־פאַרבאַנד
פון צפון־רוסלאַנד," וועלכער איז געגרינדעט געוואָ־
רען פון דעם סטאָליער כ אַ ל ט ו ר י ן און פון דעם
שלאָסער א ב נ אָ ר ס ק י. אין דער פּראָגראַם זיינען
צום ערשטען מאָל פאַר דער צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער
באַוועגונג אין רוסלאַנד פּראָקלאַמירט געוואָרען די הויפּט פּרינ־
ציפּען פון סאָציאַליסטישען גדאַנק אין מעריב־אייראָפּאַ, עס איז
אָנגעמערקט געוואָרען די צוטיילונג פון דער פּראָגראַם אויף מאַק־
סימום־סאָציאַליזם און מינימום־פּאָליטישע און סאָציאַלע רע־
פאָרמען א. אַז. וו עס איז באַשערט געווען, אַז געגען דער
פּראָגראַם זאָל אַרויסטרעטען אין דער פּרעסע אַלס אַ נאַראָד־
ניק גראַד דער זעלבער מענש, וועלכער איז דערנאָך געוואָ־
רען דער באַריהמטער טעאָרעטיקער פון מאַרקסיסטישען סאָ־
ציאַליזם — פּלעכאַנאָוו. די גרינדער פון יענעם „אַרבייטער
פאַרבאַנד" האָבען, פאַרשטעהט זיך, ניט אויסגעקלערט פון קאָפּ
די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לעהרע. דער שלאָסער אַבנאָרסקי
האָט זיך אין אויסלאַנד באַקענט מיט דער דייטשער אַרבייטער
באַוועגונג און זיינע בעאָבאַכטונגען האָט ער איבערגעגעבען צו די
פּעטערבורגער אַרבייטער. נאָר עס פרעגט זיך א קשיה, פאַרוואַס
האָט אַן אַרבייטער געקענט אַריינגעמען אין זיך די סאָציאַל־דע־
מאָקראַטישע לעהרע אין אויסלאַנד און איבערגעבען זי צו אַנ־
דערע אַרבייטער, און אינטעליגענטען־סאָציאַליסטען, וועלכע האָ־
בען אַ האַלבען לעבען פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, האָבען די לעה־
רע ניט איבערגענומען און האָבען אַלץ געפּלאָנטערט זיך אין
דעם נעץ פון אוטאָפּיזם? פאַרוואָס האָט די „ענטוויקלונג פון
געדאַנק" פון אינטעליגענטען געבראַכט זיי צום אוטאָפּיזם און
די „ניט ענטוויקלונג פון געדאַנק" פון אַן אַרבייטער האָט איהם
געצויגען צום מאַרקסיזם? און צי באַווייזט דאָס ניט, אַז לע־
נין זעלבסט איז ניט ווייט אַוועק פון אוטאָפּיזם?

„מיט איין וואָרט, אויך אין רוסלאַנד, איז ניט נאָר די אַר־

בייטער באוועגונג, נאָר אויך די ארבייטער אידעאָלאָגיע גע־וועזן פריהער, איידער די „ענטוויקלונג פון געדאנק ביי דער רע־וואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ", און אָט דער „גע־דאנק פון דער אינטעליגענץ" איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּגע־שטאַנען פון דעם „געדאנק פון ארבייטער".*)

ווי זשאָרדאַניאַ ציינט ווייטער אָן, האָט זיך דער געדאנק צו „ראַטעווען דאָס פאָלק" פון אויבען, מיט דער הילף פון די פאָרשטעהער פון די פּאַרמעגליכע קלאַסען, וואָס האָט געהערשט אין דער אוטאָפּיסטישער ליטעראַטור פון מעריב אייראָפּע, באַזונדערס זיך צובליהט אין רוסלאַנד אין די 70ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. אזוי ווי קיין קעמפענדער קלאַס איז דאָרט ניט געווען, און אין לאַנד האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט און אָפּגעשטאַנענקייט, איז באַשאַפען געוואָ־רען די טעאָריע פון ראַטעווען דאָס פאָלק דורך די קרעפטען פון דער אינטעליגענץ, דורך דעם קאַמף פון איינצעלנע „קריטיש־דענקענדע פּערזענליכקייטען".

דער גלענצענדסטער פּאָליטישער פאָרשטעהער פון אָט דער טעאָריע איז געווען פ י אָ ט ר ט ק אַ ט ש אָ ו ו, וועלכער האָט מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר פאר לענינ'ען, אין זיין זשור־נאַל „נאַבאַט", ארויסגעזאָגט די זעלבע געדאנקען וועגען דער באַציהונג צווישען דער באַוואוסטזיניגער רעוואָלוציאָנערער מינ־דערהייט און דער אומבאַוואוסטזיניגער אָפּגעשטאַנענער מער־הייט.

„ניט איצטער און ניט אין דער צוקונפט, האָט געשריי־בען טקאַטשאָוו, קען דאָס פאָלק מיט אייגענע קרעפטען דורכ־פיהרען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. נאָר מיר אליין, די רעוואָ־לוציאָנערע מינדערהייט, קענען דאָס טאָן אדער דארפען דאָס טאָן ווי אָם שנעלסטען". (און אונטער דער „רעוואָלוציאָנערער מינדערהייט" מיינט ער „מענשען גייסטיג און מאָראַליש ענט־וויקעלטע", דאָס הייסט, די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ.)

---

*) Н. ЖОРДАНИЯ. "Большевизм", Берлин, стр. 6-7-8.

„מען דאַרף זיך ניט נאַרען, זאָגט ער, אַז דאָס פאָלק אליין מיט זיינע אייגענע קרעפטען קען כלומר'שט דורכפירען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, קען אַם בעסטען איינאָרדענען זיין לעבען. דאָס פאָלק איז אַ נויטיגע זאַך פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אָבער נאָר דאַן, ווען די רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט וועט נע־מען אין איהרע הענד דאָס דורכפיהרען פון דער רעוואָלוציע. די באַפרייאונג פון פאָלק דורכ'ן פאָלק — איז אויך די זעלבע טעאָריע פון פאָלקס זעלבסט־הילף; אונטער די קלינגענדיגע פראַזען פון אָט דער טעאָריע פראָבירען די בורזשואַזע עקאָנאָמיס־טען צו באַהאַלטען זייער אונברחמנות'דיגע עגאָאיסטישע באַ־ציהונג צו די ליידען פון פאָלק און צו זיינע צרות... **דאָס פאָלק קען זיך אַליין ניט ראַטעווען**, דאָס פאָלק קען ניט מיט זיינע אייגענע קרעפטען איינאָרדנען זיין לעבען לויט זיינע ווירקליכע באַדערפעניששען, קען ניט דורכפיהרען אין לעבען די אידעען פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע".(*

טקאַטשאָוו האָט, אַלזאָ, נאָך מיט 26 יאָהר פריהער אַרויס־געזאָגט דיזעלבע געדאַנקען, וועלכע לענין האָט שפּעטער ענט־וויקעלט אין זיין בוך „טשטאָ דיעלאַט". דער אונטערשיד איז נאָר דער, וואָס בעת טקאַטשאָוו רעדט פון „פאָלק", רעדט לענין פון „פּראָלעטאַריאַט", און וואָס ביי לענינ'ען פיגורירט אַלס רעטער פון דער מענשהייט ניט די „קריטיש־דענקענדע פּערזענליכקייט", נאָר דער „פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער".

וועגען לענינ'ען פון יענער צייט, ד. ה., פון דער עפּאָכע פון דער „איסקראַ" ביז דער רעוואָלוציע פון יאָהר 1905, דער־ציהלט פּאָטרעסאָוו, וועלכער האָט צוזאַמען מיט לענינ'ען און מאַרטאָוו'ן געגרינדעט די „איסקראַ", אין זיין שוין פריהער ציר־טירטען אַרטיקעל:

„ווען מיר זיינען געקומען צוריק פון פאַרשיקונג, האָבען דריי פון אונז, לענין, מאַרטאָוו און איך, געשלאָסען וואָס לע־נין האָט אָנגערופען, אַ „דריי־בונד". מיר האָבען זיך געשטעלט

---

*) "Набат". № 4, 1876 г.

די אויפגאבע צו באשאפען אן "אומלעגאלען", דאס הייסט, א גע־היימען ליטעראַרישען צענטער. מיר האבען באשלאסען ארויס־צוגעבען די צייטונג „איסקרא" און דעם זשורנאל „זאריא". דורך דיזע צוויי אָרגאנען האבען מיר געהאפט אויפצובויען אן אלרוסישע, א פאראייניגטע און אָרגאניזירטע פארטיי. עס האט אויסגעוויזען, אז מיר דריי האבען געהאט די זעלביגע אידעען און דעם זעלביגען צוועק — צו קעמפפען אין דער פארטיי פאר'ן שטרענגען מארקסיזם. דאס איז אבער געווען א גרויסער טעות, און מארטאָוו און איך האבען זעהר טייער דערפאר באצאָהלט.

„דער לענין פון יענער צייט, פון דער צייט פון „איסקרא", איז טאקע גאר ניט געווען עהנליך צו דעם שפעטערדיגען לע־נינ'ען. יענער לענין האט נאך ניט ארויסגעוויזען די מיי־נונגען, דעם געדאנקען־גאנג און די פסיכאלאגיע פון לענינ'ען דעם דיקטאטאר, וועלכער האט שפעטער געמאכט זיין עקספע־רימענט אויף דער אויסגעמאטערטער רוסלאנד, און זיין האנט האט דערביי אפילו ניט א ציטער געטאן.

„אבער דער לענין פון דער צייט, ווען מיר האבען ארויסגע־געבען די „איסקרא", איז שוין אויך ניט געווען עהנליך צו דעם לענינ'ען, וועלכען מיר האבען געקענט מיט יאהרען צו־ריק. אין דער ערשטער צייט פון רוסישען מארקסיזם, ביי דער גאר ערשטער באגעגעניש מיט איהם, אויף דער פארזאמ־לונג, וועגען וועלכער איך האב פריהער דערצעהלט, האבען מיר באמערקט אין איהם געוויסע נייגונגען צו קליינזעל, צו סעקטע, צו פארשווערונגען, און דיזע נייגונגען זיינען אונז געווען אומאנגענעם. אבער מיר האבען געהאפט, אז ער וועט זיך שפעטער פון דיזע נייגונגען באפרייען. ווען מיר האבען אבער מיט איהם געארבייט צוזאמען אין דער „איסקרא", האט זיך ארויסגעשטעלט, אז אונזערע האפענונגען און ערווארטונגען זיי־נען געווען אומזיסטע. ניט נאר זיינען דיזע נייגונגען ביי איהם ניט פארשוואונדען, נאר זיי זיינען איצט נאך קלאָהרער און שארפער ארויסגעטראטען, און נאך שווערער איז אונז גע־ווארען צו ארבייטען מיט איהם צוזאמען. פריהער, אין דעם

אומלעגאלען קרייז פון דעם פעטערבורגער „קאמפס־פאראיין“, זיינען אונזערע אויפגאבען געווען איינפאכע, איצט אָבער האָט דער פּאָליטישער קאמף מיט יעדען טאָג זיך אלץ מעהר און מעהר צוברענט. און מיר האָבען געמוזט ארבייטען אין רע־דאקציע זייט ביי זייט, טאָג־איין, טאָג־אויס. זיינען טאקע די מיינונגס־פארשיידענהייטען מיט לענינ׳ען און לענינ׳ס נייגונג צו פארשווערונגען און צו אַ סעקטע, געווען פאר אונז אַ גרויסע שטערונג אין דער ארבייט און זעהר ניט אנגענעם.

„איך מוז אָבער זאָגען, אַז מיר אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען נעהענטער צו דער ארבייט — מארטאָוו, ווערא זאסוליטש און איך, האָבען זעהר הויך געשעצט לענינ׳ען ניט נאָר פאר זיין וויסען, פארשטאנד און ארבייטס־פעהיגקייט, נאָר אויך דערפאר, וואס ער איז געווען אזוי איבערגעגעבען צו דער זאך, וואס ער איז אלעמאָל געווען גרייט אוועקצוגעבען אלע קרעפטען זיי־נע, נעמען אויף זיך די שווערסטע אויפגאבען און זיי אלעמאָל גלענצענד דורכפיהרען.

„און דאָך איז אונמעגליך געווען צו ארבייטען מיט איהם צוזאמען. וואָרים לענין האָט ניט געקאָנט פארטראָגען מיי־נונגען, וואס האָבען ניט אינגאנצען געשטימט מיט זיינע. דעריבער האָט פון יעדער מיינונגס־פארשידענהייט אין דער רע־דאקציע געקאָנט אויסוואקסען אַן ערנסטער צוזאמענשטויס, און די פערזענליכע באציהונגען צווישען אונז זאלען ווערען שלעכ־טע. אזא זאך האָט אלעמאָל געשמעקט מיט מלחמה. און דער־ביי האָט ער ארויסגעוויזען די גרעסטע כיטראָסט און איז געווען גרייט אָפּצוטאָן אלצדינג, אבי נאָר זיינע מיינונגען זאָלען דורכגע־פיהרט ווערען.

„און נאָך ווייניגער האָט לענין געקאָנט פארטראָגען, אַז לע־בען זיין אָרגאניזאציע זאָל זיך געפינען נאָך איינע. סיי אין דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי און סיי אין דער אל־געמיינער געזעלשאפטליכער באוועגונג בעגען דער צארישער רע־גירונג האָבען פאר לענינ׳ען עקזיסטירט נאָר צוויי סארטען מענ־שען, אייגענע און פרעמדע. אייגענע זיינען געווען די, וואס

זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון זיין אָרגאַניזאַ־
ציע; פרעמדע זיינען געווען אַלע אַנדערע מענשען, וואָס זיי־
נען ניט אַריין אין זיין אָרגאַניזאַציע, און זיי אַלעמען האָט
ער באַהאַנדעלט ווי שונאים.

„צווישען דיזע צוויי קלאַסען מענשען, צווישען די חברים־
פריינד און די פרעמדע, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר שונאים,
זיינען פאַר לעניג'ען ניט געווען קיין שום אַנדערע געזעלשאַפט־
ליכע אָדער פערזענליכע באַציהונגען. ווען עס איז אַרויסגע־
שטעלט געוואָרען דער פּאָליטישער פּרינציפּ, אַז עס איז מעגליך
אַ פאַראייניגטער פראָנט מיט אַנדערע גרופּען און פּאַרטייען
אין דעם קאַמף געגען דעם געמיינשאַפטליכען פיינד, געגען דער
צאַרישער רעגירונג, האָט לעניין ניט־ווילענדיג דיזען פּרינציפּ
אָנגענומען, אָבער נאָר אין דער טעאָריע. אין דער פּראַקטיק
איז דאָס ביי איהם געבליבען אַ פּוסטע פראַזע, און אפילו ווען
ער וואָלט דאָס געוואָלט, וואָלט ער דאָס אויך ניט געקאָנט דורכ־
פיהרען, איינפאַך ווייל ער איז ניט געווען פעהיג אויף אַזאַ
מין צוזאַמענאַרבייט מיט אַנדערע. דאָס איז געווען געגען זיין
נאַטור.

„עס קען זיין, אַז מיר אַליין, זיינען אַרונטערגעפאַלען אונ־
טער'ן איינפלוס פון זיינע סעקטאַנטישע און פאַנאַטישע גע־
דאַנקען, און מיר האָבען דאָס גאָר ניט געפיהלט. עס קאָן
אויך זיין, אַז ווייל מיר האָבען מיט איהם יעדען טאָג געמוזט
פיהרען אַ לאַנגווייליגען קאַמף וועגען פראַגען, וואָס האָבען
אונז אויסגעוויזען וויכטיג, האָבען מיר ניט באַמערקט, וואָס
מיט לעניג'ען קומט פאָר. אָבער עס איז אַ פאַקט, וועלכען
איך מוז צוגעבען, אַז אין דער ערשטער צייט און ביז דעם
צוזאַמענפאָהר פון יאהר 1903, ווען מיר זיינען זיך מיט
איהם פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָבען מיר פאַרזעהן אפשר די וויכטיג־
סטע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין לעניג'ס קוק אויף
זאַכען און אין זיין טעטיגקייט.

„דיזע וויכטיגע ערשיינונג איז באַשטאַנען אָט אין וואָס.
אין די אַרטיקלען וואָס לעניין האָט דעמאָלט געשריבען אי־

בער אָרגאַניזאַציאָנס־פּראַגעז, באַזונדערס אין זיין באַריהמטער בראָשור „טשטאָ דיעלאַט״, און זיינע אַלע אָפּטערע און ענ־גערע פאַרבינדונגען מיט די פּראַקטישע טוער פון דער באַוועגונג, האָט לענין די גאַנצע צייט און טריט נאָך טריט געבויט זיין אייגענע אָרגאַניזאַציע פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען״.

„עס איז געוועזן אונזער גרויסער טעות, אונזער זינד, וואָס מיר האָבען אויף זיין אָרגאַניזאַציע געקוקט ווי אויף א געוועהנ־ליכער, נאָרמאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי. מיר האָבען זיך געטראַכט, אַז זי דאַרף זיין אַזאַ, ווי לענין האָט זי אויפגעבויט, ווייל אַזוי וועט זי זיין בעסער צוגעפּאַסט צו אַן אונטערערדישער עקזיסטענץ אין צאַ־רישען רוסלאַנד. אין דער אמת'ן אָבער איז לענינ'ס דעמאָל־טיגע אָרגאַניזאַציע שוין געווען דער אָנהויב פון דער שפּעטער־דיגער קאָמוניסטישער מאַשין.

„טאַקע אין יענע יאָהרען, ווען די „איסקרא״ איז אַרויס, האָט לענין ענטוויקעלט די טעאָריע, אַז אין דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג און אין דער רעוואָלוציע דאַרפען די מאַסען זיין בלינדע געצייג אין די הענד פון א גרופּע רעוואָלוציאָנערען, פון דער באַוואוסטזיניגער מינדערהייט, ווייל נאָר אַזאַ מינדער־הייט טראָגט מיט זיך דעם אמת.

„און מען מוז צוגעבען, אַז קיינער איז ניט געווען אַזוי צו־געפּאַסט צו זיין דער פיהרער פון אַזאַ דיקטאַטאָרישער גרופּע, ווי לענין.

„ווייל קיינער האָט ניט געקענט אַזוי שטאַרק באַגייסטערען אַנדערע מיט זיינע פּלענער, ווי לענין. קיינער האָט אַזוי ניט געקענט באַהערשען מענשען און אונטערוואַרפען זיי צו זיין ווילען, ווי ער. און א קוק טוענדיג אויף איהם, וואָלט דאָס גאָר קיינער ניט געגלויבט, ווייל לענין איז געווען אַביסעל א גראָב־ליכער מענש און האָט ניט געמאַכט קיין שום באַזונדערען איינ־דרוק. מען האָט גאָר אין איהם ניט געקענט מערקען קיין שום באַזונדערען צויבער.

„קיין אַנדערער האָט ניט אַרויסגעוויזען אַזאַ אויסערגעוועהנ־

ליבע קראפט איבער מענשען, ווי לענין. קיינער האָט אזוי ניט פאר'כישופ'ט מענשען, קיינער האָט זיי אזוי ניט באהערשט. צו פלעכאנאָוו'ן האָט מען געפיהלט אכטונג; מארטאָוו'ן האָט מען ליב געהאט. אָבער לענינ'ען האָט מען נאָכגעפאלגט, ווי דעם איינציגען ריכטיגען פיהרער. ווייל לענין איז געווען א זעלטענע ערשיינונג, באזונדערס אין רוסלאנד. דאָס איז געווען א מענש מיט אַן אייזערנעם ווילען, מיט אן אומגעהויערער ענערגיע. ער האָט פארמאָגט א פאנאטישען גלויבען אין דער באוועגונג, און פונקט אזא טיפען גלויבען האָט ער געהאט אין זיך אליין. אמאָל האָט דער פראנצויזישער קעניג לואי דער פערצעהנטער געזאָגט: די מלוכה — דאָס בין איך. לענין האָט אזא זאך ניט געזאָגט וועגען זיך, אָבער ער האָט גע־פיהלט, און אלע ארומיגע האָבען געפיהלט, אז די פארטיי — דאָס איז ער. מען האָט געפיהלט, אז לענין איז דער ווילען פון דער פארטיי, און אז ער דריקט אויס דיזען ווילען מיט זיין טעטיגקייט.

„איך געדענק, אז אויך אויף מיר האָט אלעמאָל געמאכט א שטארקען איינדרוק דיזער גרויסער, שטארקער ווילען ביי לע־נינ'ען. אָבער ווען איך האָב זיך נאָהענטער מיט איהם בא־קענט, איז מיר קלאָר געווארען, אז הינטער לענינ'ס גרויסע מעלות זיינען פארבאָרגען פונקט אזעלכע גרויסע חסרונות. און עס איז מיר געווארען קלאָר, אז יענע חסרונות זיינע וואָלטען אפשר געפאסט פאר אן איינאָפּעאישען אָדער אזיאטישען וועלט־ערָאבערער מיט הונדערטער יאהרען צוריק, אדער פאר דעם אָנפיהרער פון אן אלטמאָדישער פארשווערונג. עס האָט אָבער גאָר ניט געפאסט פאר א היינטיגען סאציאליסטישען פאָ־ליטיקער, וואס וויל ברענגען צום אויסדרוק די זעלבסטשטענ־דיגע טעטיגקייט פון דער ארבייטער מאסע אין דער ארבייטער באוועגונג.

„אזוי איז טאקע לענין געווען אן אויסגעצייכענטער אָרגאַ־ניזאטאָר. אָבער ער איז געווען אן אָרגאניזאטאר פון גאָר א באזונדערען סאָרט. ער האָט געקאָנט צוקלייבען ארום זיך פליג־

קע, פעהיגע, ענערגישע מענשען, מיט שטארקע ווילענס, פונקט ווי ער, מענשען וואס גלויבען אין איהם בלינד און פאָלגען זיין יעדען וואונק. דערפאר אָבער זיינען דאָס געווען מענשען גאָר אָהן אַן אייגענער פערזענליכקייט, אָהן ענטשלאָסענהייט, מענשען וואָס זיינען ניט פעהיג צו האָבען אַן אייגענע מיינונג, וועלכע שטימט ניט איינגאנצען מיט לענינ'ס מיינונג, שוין אָפּגערעדט וועגען אזעלכע באזונדערע מיינונגען געגען לענינ'ען.

„אין יעדער אָרגאניזירטער פארטיי איז א דיסציפּלין א נאטירליכע און א גערעכטע זאך. אָבער אין לענינ'ס אָרגא־ניזאציע איז די דיסציפּלין דערגאנגען ביז צו א האלב־מילי־טערישער אונטערוואָרפענהייט. עס זיינען דאָ ניט געווען אָר־גאניזירט די רייהען פון סאָציאל־דעמאָקראטישע טוער פון דער מאסען־באוועגונג. דאָ אין לענינ'ס אָרגאניזאציע זיינען געווען אָרגאניזירט די אויבערקאָמאנדירען און די אגענטען פון דעם פארטיי־צענטער, און זיי האָבען פון אויבען געזאָלט דיקטירען זייער ווילען צו דער געהאָרכזאמער מעהרהייט. עס איז דאָ אָרגאניזירט געוואָרען די „רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט", און דיזע מינדערהייט האָט, ביי אַ פּאסיגען מאָמענט, געזאָלט פאר־כאפּען די מאכט אין איהרע הענט, אדער יעדענפאלס זיין גרייט צו אויסערגעוועהנליכע שריט.

„עס פארשטעהט זיך, אז דיזע נייגונגען און שטריכען אין לענינ'ס כאראקטער, זיינע נייגונגען צו „פארשווערונגען", זיי־נען א לאנגע צייט ניט ארויסגעקומען קלאָהר פאר אלעמען. און מיר האָבען א לאנגע צייט ניט געקאָנט אפּשאצען די ריכטי־גע באדייטונג פון אזעלכע נייגונגען ביי לענינ'ען. אָבער איך מוז זאָגען, אז אין יענע צייטען פון דער „איסקרא", וואס ווייזען איצט אויס אזוי ווייט, האָב איך זיך אָפטמאָל געפיהלט זעהר אומהיימליך, ווען איך האָב צוגעזעהן, ווי לענין ארבייט אויס און גרייט צו אזעלכע מינים „אגענטען" פאר זיין אָר־גאניזאציע. און אַמאָל פלעגט אויך טרעפען, אז איך און די אנדערע חברים פון דער רעדאקציע האָבען זיך געפיהלט גאָר שלעכט.

„אין אזעלכע מאָמענטען פלעגען מיר איינזעהן, אז לעניז, וואָס איז אזוי שטרענג צו „פרעמדע“, איז געווען זעהר ווייך צו די „אייגענע“, צו די „אגענטען“, וועלכע זיינען איהם גע־ ווען נויטיג אלס „פראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען“. ער פלעגט זיין גרייט צו פארטיידיגען זיי מיט זיין גאנצער ענערגיע און זיין גאנצער איינגעשפארטקייט. ער פלעגט באוואוסטזיניג פאר־ מאכען די אויגען און ניט וועלען זעהן זייער פערזענליכע אויפ־ פיהרונג, וועלכע איז אָפטמאָל געווען זעהר ווייט פון אנשטענ־ דיג און מאָראליש.

„מיט א האלב יאָהר פאר דעם צוזאמענפאָהר אין יאָהר 1903, אויף וועלכען עס איז פאָרגעקומען די שפּאלטונג אין דער פּארטיי, זיינען די באציהונגען צווישען לענין'ען פון איין זייט און מארטאָוו'ן זאסוליטש און מיר פון דער אנדערער געוואָרען גאָר אונמעגליך. אונזערע באציהונגען זיינען שוין פריהער געווען אָנגעשטרענגטע. איצט אָבער זיינען זיי געוואָ־ רען שוין צופיל פארשארפט. עס איז צו אונז אָנגעקומען א קלאגע וועגען איינעם פון די נאָהענטסטע אגענטען. מיר האָ־ בען געוואָלט די קלאגע אונטערזוכען. אָבער דאָ האָט זיך אוועקגעשטעלט לענין און האָט אויף דעם ציניש‏סטען אופן ניט דערלאָזען, אז מיר זאָלען די זאך אונטערזוכען. דאָס האָט אונז אינגאנצען געעפענט די אויגען אויף דעם, אז לענין איז דורכאויס גלייכגילטיג צו פראגען פון מאָראל. דאָס איז געווען דער לעצטער טראָפּען. אונזער גדולד האָט ענדליך געפּלאַצט.

„לענין האָט זעהר איינפאַך געקוקט אויף אזעלכע זאכען. אזעלכע באשולדיגונגען, ווען עס האָט זיך אפילו געהאנדעלט וועגען לעבען און טויט פון א מענשען, זיינען פאר איהם געווען נאָר אן איבעריגע שטערונג אויפ'ן וועג צו זיין ציל. אזעלכע שטערונגען האָט מען געדארפט איינפאך אָפּקערען אָן א זייט.

„דער ציל באַרעכטיגט די מיטלען! — דאָס איז געווען זיין מאָטאָ.“*)

*) זעה „פאָרווערטס“ פון 16טען אָקטאָבער, 1927.

אין נאָוועמבער, 1902, האָט זיך אויף דער איניציאַטיוו פון דער „איסקראַ" אין רוסלאַנד געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט אויף צוזאַמענרופען דעם צווייטען צוזאַמענפאָהר פון דער פּאַרטיי.*) די רעדאַקציע פון „איסקראַ" האָט צום צוזאַמענפאָהר צוגעגרייט אַ פּראָיעקט פון אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם, וועלכער איז פאַרפאַסט געוואָרען פון פּלעכאַנאָוו'ן און לענינ'ען.

אין אויגוסט פון 1903טען יאָהר, איז אין בריסעל, און דערנאָך אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער צווייטער צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבייטער פּאַרטיי. אויף דיזען צוזאַמענפאָהר האָט זיך די פּאַרטיי געשפּאָלטען אויף צוויי טיילען: אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס.

פאָרמעל איז די שפּאַלטונג פאָרגעקומען צוליב אַ קלייניגקייט. לענין האָט געוואָלט האָבען אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע פון דער פּאַרטיי, אַז פאַר אַ פּאַרטיי־מיטגליד זאָל פאַררעכענט ווערען נאָר דער, וואָס נעמט אָן איהר פּראָגראַם, העלפט איהר אין דער אַרבייט און באַטייליגט זיך כסדר פערזענליך אין איינער פון איהרע אָרגאַניזאַציעס. מאַרטאָוו, דאַגעגען, האָט געדענקט, אַז עס איז גענוג פאַר איינעם צו אַנערקענען די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, אונטערשטיצען די פּאַרטיי פינאַנציעל און פערזענליך באַטייליגען זיך אין דער אַרבייט אונטער דער אויפזיכט פון איינער

*) דער ערשטער צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבייטער פּאַרטיי איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין מינסק, אין יאָהר 1898. דער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז דאָרט ערוועהלט געוואָרען איז באַלד נאָכ'ן צוזאַמענפאָהר אַרעסטירט געוואָרען. בלויז איין מיטגליד, דער בונדיסט אַלעקסאַנדער קרעמער, איז געבליבען אויף דער פרייַ און ער האָט אויסגעיעט אַרויסצולאָזען אַ מעלדונג וועגען דעם פאָרגעקומענעם צוזאַמענפאָהר, ווי אויך אַ „מאַניפעסט" פון דער פּאַרטיי. דעם „מאַניפעסט" האָט אָנגעשריבען פּיאָטר סטרוּווע, וועלכער איז דעמאָלט געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע מאַרקסיסטען און וועלכער איז איצט אַ מעסיגער מאָנאַרכיסט.

פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, כדי פאַררעכענט צו ווערען פאַר א פּאַרטיי־מיטגליד.

דער אונטערשיד איז, דאַכט זיך, נאָר א ווערטערליכער. אין דער אמת'ן האָט זיך אָבער שוין דעמאָלט געהאַנדעלט וועגען א פיל טיפערע און וויכטיגערע מיינונגס־פאַרשידענהייט. לענין האָט געוואָלט אז צו דער פּאַרטיי זאָלען געהערען נאָר „פּראָפע־סיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען", אויף וועלכע מען קען זיך אין אלעם פאַרלאָזען, און וועלכע זאָלען עס קאָמאַנדעווען איבער די אר־בייטער מאַסען און אָנפיהרען זייער קאַמף. צו די ארבייטער מאַסען אליין האָט לענין קיין צוטרוי ניט געהאַט. ווען זיי, די מאַסען, זאָלען האָבען א דעה צו באַשטימען די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, וועלען זיי איהר פאַרשלעפּען אין א זומפּ. מאַר־טאָוו אָבער, אקסעלראָד, פּאָטרעסאָוו, זאַסוליטש און די אַנדערע געגנער לענינ'ס, האָבען גע'טענה'ט, אז א סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שע פּאַרטיי האָט נאָר א זינען, ווען זי איז אַן ארבייטער פּאַר־טיי, ווען זי שטעהט ניט א י ב ע ר די מאַסען, נאָר ווערט געפיהרט פון די מאַסען גופא. מורא האָבען פאַר דעם שלעכטען איינפלוס פון די מאַסען אויף דער פּאַרטיי איז איינפאַך אַן אונזין.

לענין איז שוין דאַן געשטאַנען פאַר דיקטאַטור אין דער פּאַרטיי, בעת זיינע געגנער האָבען פאַרטיידיגט דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע אין דער פּאַרטיי.

אויפ'ן צוזאַמענפאָר, וואו כמעט אלע דעלעגאַטען זיינען אליין אויך געווען „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען" (פון די 50 דעלעגאַטען זיינען בלויז דריי געווען ארבייטער, די איבעריגע זיינען געווען אינטעליגענטען און האַלבע אינטעליגענטען), איז לענינ'ס רעזאָלוציע דורכגעגאַנגען מיט א מערהייט פון צוויי שטימען. לענינ'ס אָנהענגער האָבען דעמאָלט געקראָגען דעם נאָ־מען „באָלשעוויקעס" (פון דעם רוסישען וואָרט „באָלשע", מעהר, די מערהייטלער) — די אָנהענגער פון אקסעלראָד און מאַר־טאָוו — „מענשעוויקעס" (פון דעם וואָרט „מענשע", ווייניגער, די מינדערהייט). אזוי ווי דער פאָרמעלער סכסוך צווישען

לענינ׳ען און זיינע געגנער איז פארגעקומען נאר צוליב א פונקט פון דער קאנסטיטוציע, האבען פילע דעלעגאטען אויפ׳ן צוזאמענפאהר ניט פארנאנדערגעקליבען זיך אין דיווירקליך טיפע מיינונגס־פארשידענהייטען, וואס האבען זיך שוין דאן אנגעמערקט צווישען לענינ׳ען און זיינע געגנער. און ווען עס איז געקומען צו ערוועהלען די רעדאקציע פון דער „איסקרא“, דעם צענטראל ארגאן פון דער פארטיי, האט זיך ארויסגעוויזען, אז לענין איז געבליבען אין דער מינדערהייט. די אנדערע צוויי רעדאקטארען, וואס זיינען צוזאמען מיט איהם ערוועהלט געווארען, האבען ניט געטיילט זיינע אנשויאונגען אויף דער ארבייטער באוועגונג. לענין האט דעריבער גלייך נאכ׳ן צוזאמענפאהר רעזיגנירט אלס רעדאקטאר פון דער „איסקרא“ און האט געגרינדעט אן אייגענע צייטונג אונטער׳ן נאמען „ווּפעריאד“ (פארווערטס). די פארטיי האט זיך, אלזא, אפיציעל געשפאלטען.

פלעכאנאוו איז פון אנפאנג געווען מיט לענינ׳ען. ווי טראצקי דערצעהלט אין זיינע עראינערונגען וועגען לענינ׳ען, איז פלעכאנאוו אויפ׳ן צוזאמענפאהר אזוי היגעריסען געווארען פון לענינ׳ס א רעדע, אז ער האט געזאגט צו אקסעלראד׳ען: „פון אזא טויג ווערען אויסגעקנאטען ראבעספיערס!*) וואס דאס האט אין זיין מויל געקלונגען דעמאלט אלס דער גרעסטער קאמפלימענט, וועלכען ער האט געקענט געבען לענינ׳ען. אבער גלייך נאכ׳ן צוזאמענפאהר איז פלעכאנאוו זיך פאנאנדערגעגאנגען מיט לענינ׳ען. ער איז צוגעשטאנען צו די מענשעוויקעס און איז געווארען איינער פון זייערע פיהרער.

דער קאמף צווישען די צוויי טיילען פון דער פארטיי, צווי־

---

*) מאקסימיליאן ראבעספיער איז געווען דער פיהרער פון די יאקאבינער, די באלשעוויקעס פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע, וועמען די מעהרסטע רוסישע רעוואלוציאנערען האבען אמאל כמעט פארגעטערט.

שען די באָלשעוויקעס, געפיהרט פון לענינ׳ען, און די מענשע־וויקעס, געפיהרט פון פּלעכאַנאָוו׳ען, מארטאָוו׳ן, אקסעלראד׳ען און פּאָטרעסאָוו׳ן, האָט זיך וואָס ווייטער אלץ מעהר און מעהר פארשטארקט און פארטיפט. מען האָט שוין אינגאַנצען פארגעסען וועגען דעם פּונקט פון דער קאָנסטיטוציע, איבער וועלכען די שפּאַלטונג איז פּאָרגעקומען. איצט האָט זיך שוין געהאַנדעלט וועגען טיפע מיינונגס־פארשידענהייטען ניט נאָר אין אָרגאַ־ניזאציאָנס־פראַגען, נאָר אין פראגען פון פּראָגראם און טאַקטיק. לענין האָט שוין דאַן אָנגעפאנגען ריידען וועגען צוגרייטען זיך צו אַ באוואַפּענטען אויפשטאַנד און איינפיהרען „די דיקטאטור פון די ארבייטער און פּויערים״, הגם דעמאָלט האָט ער נאָך אונ־טער׳ן וואָרט „דיקטאטור״ פארשטאַנען עטוואס גאַנץ אנדערעס, ווי די דיקטאטור, וועלכע ער האָט שפּעטער איינגעפיהרט אין רוסלאַנד.

פּלעכאַנאָוו און די אַנדערע מענשעוויקעס האָבען געהאַלטען, אז מען קען טעכניש קיין באוואַפּענטען אויפשטאַנד ניט צוגריי־טען און אז אָנשטאָט זיך צו פארנעמען מיט טעכניש צוגרייטען אַן אויפשטאַנד, דאַרף מען בעסער ארגאַניזירען די ברייטע אר־בייטער־מאַסען, ארויסרופען זייער זעלבסט־טעטיגקייט, פיהרען אַן ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע צווישען דער ארמיי, און נאָר דאַן ווען די ארמעע וועט זיין אויפ׳ן זייט פון פאָלק, וועט פּאָרקומען ניט קיין באוואַפּענטער אויפשטאַנד, נאָר אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט זיך ענדיגען מיט דער איינפיהרונג פון אַ פּאָלקס־רעגירונג אין לאַנד.

לענין האָט דורך זיינע אַגענטען אין רוסלאַנד געארבייט מיט אַלע כוחות אריבערצוגעווינען אויף זיין זייט די „פּראָ־פעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען״ פון דער פּארטיי און דאָס האָט זיך איהם ביז אַ געוויסען גראַד אויך איינגעגעבען. די באַ־וואוסטזיניגע רוסישע ארבייטער אבער זיינען אין זייער גרויסער מערהייט צוגעשטאַנען צו די מענשעוויקעס.

טראָצקי, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט צום צוזאַמענ־פּאָהר, איז אויך צוגעשטאַנען ניט צו לענינ׳ען, נאָר צו די מענ־

שעוויקעס. לענינ׳ען איז אָבער ווייניג געווען צו פאַרבלייבען אין דער ראָלע פון אַ פיהרער פון בלויז איין פראַקציע פון דער פּאַרטיי, ער האָט געוואָלט אריינגעמען אין זיינע הענט די גאַנצע פּאַרטיי; האָט ער אין אָנפאַנג פון יאהר 1905 איינבארופען אין אויסלאַנד אַ צוזאַמענפאָהר פון אלע זיינע אָנהענגער און האָט דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָהר, וואו ער איז געווען דער גאַנצער טאָן־געבער, ערקלערט פאַר אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר און אָט אויף דעם צוזאַמענפאָהר, וועלכען ער האָט אַ נאָמען געגעבען דער „דריטער צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבייטער פּאַרטיי", האָט ער זיין פראַקציע פּראָקלאַמירט אלס די געזעצליכע יורש׳טע פון דער פריהערדיגער איינהייטליכער פּאַרטיי, און די מענשעוויקעס האָט ער ערקלערט פאַר בוגדים, וואָס שטעהען אויסער דער פּאַרטיי, אָדער ווי דאָס וואָלט געהייסען אויף זיין שפּעטערדיגער שפּראַך, פאַר „סאָציאַל־פאַררעטער" און „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען".

פאַרשטעהט זיך, אַז די מענשעוויקעס, צו וועלכע עס האָבען געהערט די וויכטיגסטע טעאָרעטיקער און גרינדער פון דער פּאַרטיי, ווי אויך אַ גרויסער טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, און פיליכט ניין־צעהנטעל פון די באַוואוסטזיניגע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבייטער פון רוסלאַנד, האָבען זיך ווייניג געקימערט וואָס לענין האָט זיי ערקלעהרט „אויסערן געזעץ". זיי האָבען פּאָרטגעזעצט זייער ארבייט אין רוסלאַנד, ווי אין אויסלאַנד, אלס אַ באַזונדערע פּאַרטיי.

זייט דעמאָלט, ד. ה., זייט 1905, איז לענין געוואָרען דער אנערקענטער פיהרער און דיקטאַטאָר פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, וועלכע איז מיט יאָהרען שפּעטער פארוואַנדעלט געוואָרען אין דער אַלמעכטיגער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס הערשט איצט אין רוסלאַנד.

פינפטער קאַפּיטעל.

לענינ'ס ראָלע אין דער ערשטער רעוואָלוציע פון יאָהר 1905.

די ערשטע רעוואלוציע אין יאָהר 1905. — די גרינדונג פון דעם ערשטען פּעטערבורגער סאָוועט פון ארבייטער־דעפּוטאַטען. — לענינ'ס קאַמף געגען סאָוועטיזם. — זיין ראָלע אין די פּאַסירונגען פון יאָהר 1905. — לענינ'ס לאָזונגען אין דער ערשטער רעוואָלוציע. — דער באָיקאָט פון די וואלען צו דער ערשטער דומא. — לענינ'ס קאַמף געגען דער דומא. — לעגין און דער צאַרישער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

אין יאָהר 1905 האָט אויסגעבראָכען די ערשטע רוסישע רעוואלוציע. זינאָוויעוו, לענין'ס הויף־ביאָגראַף, שרייבט, אז אין יענער רעוואָלוציע האָט לענין געשפּילט א גרויסע, אנטשיידענע ראָלע. ער איז גערעכט. לענין איז אין אַ גרויסער מאָס געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער נידערלאַגע פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע פון אָקטאָבער, 1905טען יאהר, האָט זיך, ווי באוואוסט, אָנגעפאַנגען מיט אַ גענעראַל סטרייק איבער'ן גאַנצן לאַנד. ווען דער סטרייק האָט אויסגעבראכען, איז לענין געזעסען אין דער שווייץ, אין זשענעווא, פאַרטיפט אין זיינע פּלענער ווי אזוי צו אָרגאַניזירען אַ באוואפענטען אויפשטאַנד אין רוסלאנד און איינפיהרען די „דיקטאַטור פון די אַרבייטער און פּויערים". דער סטרייק איז געווען אַ ספּאָנטאַנער. ער איז פון קיינעם ניט אָרגאַניזירט געווארען אין פאָראויס. אָבער אזוי שנעל ווי ער האָט זיך אָנגעהויבען צו פארשפּרייטען איבער'ן לאַנד, האָבען די מענשעוויקעס אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען די סטרייקער און האָבען זיך גענומען איבעראַל גרינדען סאָוויעטען פון ארביי־

טער־דעפוטאטען. דער ערשטער סאָוויעט אזא איז געגרינדעט געוואָרען אין פעטערבורג, אין רעכטען ברען פון סטרייק. ער איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען פון דעלעגאטען פון אלע פעטערבורגער פאבריקען און זאוואָדען. געניי ווער עס איז גע־ווען דער איניציאטאָר פון דער אידעע צו גרינדען דעם פע־טערבורגער סאָוויעט, איז ביז היינטיגען טאָג ניט קלאָר. אָבער די מענשעוויסטישע פיהרער מארטאָוו און אקסעלראד האָבען נאָך מיט א צייט פריהער פראָפאגאנדירט אין דער „איסקרא" די אידעע פון גרינדען אַן עהנליכע אומפּארטייאישע אָרגאניזא־ציע וואָס זאָל אריינגעהמען אין איהרע רייהען אויף ווי ווייט נאָר מעגליך, די ברייטסטע ארבייטער־שיכטען פון יעדער שטאָט. לענין האָט דעם דאָזיגען געדאנק שטארק באקעמפט אלס א שרעק־ליכע אפּיקורסות. און ווען דער פעטערבורגער סאָוויעט האָט זיך געגרינדעט, האָבען די באָלשעוויקעס אין אָנפאנג באצויגען זיך צו איהם, אויב ניט מיט אָפענער פיינטשאפט, איז יעדענ־פאלס מיט א געוויסער קאלטקייט.

ווען לענין האָט זיך נאָכ'ן מאניפעסט פון 17טען (30טען) אָק־טאָבער, 1905, צוריקגעקעהרט פון אויסלאנד קיין פעטערבורג, איז דער סאָוויעט שוין געווען א געוואלדיגע מאכט. זיין איינ־פלוס אויף די ארבייטער, ניט נאָר פון פעטערבורג, נאָר פון גאנץ רוסלאנד, איז געווען אַן אומגעהייערע. גראף וויטע, דער דאמאָלסדיגער פרעמיער מיניסטער פון רוסלאנד, האָט געפיהרט אָפיציעלע אונטערהאנדלונגען מיט'ן סאָוויעט און די רעאקציא־נערע צייטונג „נאָוואָיע ווּרעמיע" האָט דעמאָלט געשריבען, אז דער סאָוויעט איז א צווייטע רעגירונג, און אז עס איז נאָך א גרויסע פראגע, ווער עס וועט וועמען ארעסטירען, די רעגירונג דעם סאָוויעט, אָדער דער סאָוויעט די רעגירונג.

דער פּאָרזיצענדער פון דעם סאָוויעט איז געווען כרוסטאליאָוו־נאָסאר, וועלכער איז געשטאנען נאָהענט צו די מענשעוויקעס. שפּעטער, ווען כרוסטאליאָוו איז ארעסטירט געוואָרען, איז דער פּרעזידיום באשטאנען פון צוויי מענשעוויקעס, איינער פון וועל־כע איז געווען ט ר אָ צ ק י , און דער צווייטער—דער סאָצ.־דעמאָ־

לוציאָנער ניקאלאַי אווקסענטיעוו. לענין האָט, ווי שוין געזאָגט, אין אָנפאַנג באַצויגען זיך פיינדליך צום סאָוויעט. ער האָט ערשטענס, איהם באַטראַכט פאַר א קאָנקורענט צו זיין פּאַרטיי, צווייטענס, איז ער בכלל געווען געגען דעם, אז די פיה־רערשאַפט אין דער רעוואָלוציע זאָל זיך געפינען אין די הענט פון די ברייטע מאַסען, צו וועלכע ער האָט קיין צוטרויען ניט געהאַט, ווייל זיי קענען פאַרפיהרען די רעוואָלוציע ווער ווייסט אין וואס פאַר א זומפּ. שפּעטער האָט ער אויפגעהערט אָפען צו באַקעמפען דעם סאָוויעט, אָבער קיין מיטגליד פון סאָוויעט איז ער ניט געוואָרען. ער האָט בלויז איינמאָל אָדער צוויי מאָל באַזוכט די זיצונגען פון סאָוויעט אלס אן איינפאַכער צו־שויער. זינאָוויעוו ערקלערט עס דערמיט, וואָס לענין האָט געוואוינט אין פּעטערבורג אומלעגאַל, אונטער א פרעמדען נאָ־מען, און די פּאַרטיי האָט איהם כלומר'שט פאַרבאָטען אַרויסצו־טרעטען צו אָפט אין דער עפענטליכקייט. דאָס איז אָבער ניט מעהר ווי א תירוץ. טראָצקי און די אַנדערע דאַמאלסדיגע פיה־רער פון סאָוויעט האָבען אויך געלעבט אומלעגאַל אונטער אַנ־דערע נעמען, פונדעסטוועגען האָבען זיי גענומען דעם אַקטיוו־סטען אנטייל אין דער אַרבייט פון סאָוויעט פון דער ערשטער מינוט אָן פון זיין גרינדונג, ביז דעם מאָמענט ווען דער גאַנ־צער סאָוויעט איז אַרעסטירט געוואָרען. לענין'ס דאַמאלסדי־גער שטעהן פון דער ווייטענס, ערקלערט זיך דערמיט, וואס ער האָט אויפ'ן סאָוויעט ניט געלייגט דעם געוויכט, וואָס די מענ־שעוויקעס און די סאָציאַליסטען פון אַנדערע ריכטונגען האָבען געלייגט. ער האָט געקוקט אויף די סאָוועטען מיט אַנדערע אויגען ווי זיי.

נאָך דעם ניט־געלונגענעם באוואפענטען אויפשטאַנד אין מאָס־קווע, אין דעצעמבער, 1905, האָט זיך אין לאַנד אָנגעפאַנגען א שרעקליכע רעאַקציע. די רעגירונג, וועלכע האָט זיך געהאַט אביסעל פאַרלאָרען נאָך דעם גענעראל סטרייק, איז נאָך דעם מאָסקווער אויפשטאַנד געקומען צו זיך און האָט מיט פייער און שווערד גענומען אונטערדריקען די רעוואלוציע. די ראַדיקאַלע פּרע־

סע איז פארניכטעט געווארען. די פארשידענע ארגאניזאציעס, וואָס זיינען גלייך נאָך דעם ערשטען זיג פון דער רעוואלוציע אויסגעוואקסען איבער'ן גאנצען לאנד ווי שוואָמען נאָך אַ רעגען, זיינען צוגעמאכט געווארען און די מעהרסטע רעוואָלוציאנערע פיהרער, וואס האָבען זיך אקטיוו באטייליגט אין דער רעוואָלוציע, האָט מען איינעם נאָכ'ן אנדערען ארעסטירט. דאָך ניט אלע רעפארמען וואס ניקאָלאי האָט פארשפראכען אין זיין מאַניפעסט, איז די רעגירונג געווען בכח אזוי שנעל צוריקצונעמען. איינע פון די דאָזיגע רעפארמען איז געווען די איינפיהרונג פון דער „גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומא", אַן אלרוסישער פארלאמענט מיט באַגרעניצטע רעכטע. דער וואהל־געזעץ צו דער דומא איז געווען אַ באשרענקטער, אָבער דאָך פארהעלטניסמעסיג אַ גאנץ ברייטער. די דומא האָט לויט'ן געזעץ ניט געהאט די רעכטע, וואָס עס האָבען די פארלאמענטען אין אלע אנדערע לענדער. דאָך איז מיט דער איינפיהרונג פון דער דומא רוסלאנד, טעאָרעטיש לכל הפחות, פארוואנדעלט געווארען פון אַן אבסאָלוטער מאָנארכיע אין אַ קאָנסטיטוציאנעלער מלוכה. ווי ווייניג מאכט די דומא האָט געהאט לויט'ן געזעץ, האָט זי דאָך ביז אַ געוויסען גראד, באשרענקט די מאכט פון דער זעלבסטהערשונג.

די רוסישע ליבעראלען, הויפטזעכליך די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראטען, אָדער ווי מען האָט זיי גערופען מיט'ן פארקירצטען נאָמען, די „קאָדעטען", זעהענדיג אז די רעוואלוציע איז שוין באזיגט געווארען, האָבען געלייגט אלע זייערע האָפענונגען אויף דער דומא. זיי האָבען געגלויבט, אז דורך דער דומא וועט זיי געלינגען אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעלען וועג צו דערשלאָגען זיך פון דער רעגירונג יענע ברייטע פאָליטישע און סאָציאלע רעפארמען, נאָך וועלכע דאָס גאנצע לאנד האָט אזוי געדורשט און אין וועלכע זי האָט זיך אזוי געגויטיגט. די ליבעראלען האָבען זיך אלזאָ אָנגעפאנגען ענערגיש צוגרייטען צו די דומא־וואהלען.

די סאָציאליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פארטייען האָ־

בען ניט געגלויבט אין דעם, אז מען קען אויף א פרידליכען אופן, אָהן א זיגרייכער רעוואָלוציע, צווינגען די רעגירונג נאָכ־צוגעבען די פאָדערונגען פון פאָלק. פּלעכאנאָוו אָבער און די אנדערע מענשעוויקעס, האָבען אגיטירט פאר דעם, אז די סאָ־ציאָליסטישע פּארטייען זאָלען יע אנטייל נעמען אין די וואה־לען צו דער דומא. די וואהל־קאמפּאניע, האָבען זיי בא־הויפּטעט, וועט געבען א מעגליכקייט די רעוואָלוציאנערע פּאר־טייען ארויסצוטרעטען מיט זייערע פּראָגראמען אין דער עפענט־ליכקייט פאר'ן פאָלק. די ברייטע פאָלקס־מאסען וועלען אויף אזא אופן אריינגעצויגען ווערען אין פּאָליטישען קאמף און דער קאמף מיט דער רעגירונג אין דער דומא גופא וועט עפע־נען די אויגען ביי די ברייטע, פינסטערע מאסען פון פאָלק און וועט זיי אויפמונטערען צום קאמף פאר זייערע רעכטע.

לענין אָבער האָט געדענקט פונקט פארקערט. ער האָט אויף דער דומא געקוקט בלויז ווי אויף א שווינדעל פון דער רעגירונג. ער האָט אגיטירט דערפאר, אז מען זאָל אינגאנצען באָיקאָטירען די וואהלען צו דער דומא. די קאדעטען און די אנדערע, וואס האָבען גערופען צו באטייליגען זיך אין די דומא־וואהלען, האָט ער ערקלערט פאר „קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערען", און ער האָט גערופען זיינע אנהענגער צוצוגרייטען בעסער דעם בוואפענטען אויפשטאנד, וואס וועט מיט אמאָל ארונטערשליידערען דעם צאריזם און איינפיהרען די „רעוואָלוציאָ־נערע און דעמאָקראטישע דיקטאטור".

די מעהרסטע רעוואלוציאנערע פּארטייען, האָבען ביי די וואהלען צו דער ערשטער דומא אָנגענומען לענינ'ס טאקטיק, ד. ה. זיי האָבען באָיקאָטירט די וואהלען. אָבער די אגיטא־ציע פון די רעוואָלוציאָנערע פּארטייען האָט, ווי באוואוסט, ניט געהאט קיין שום ערפאלג. די גרויסע מאסען, סיי פון דער שטאָדטישער, סיי פון דער דאָרפישער באפעלקערונג, האָבען זיך אקטיוו באטייליגט אין די וואהלען און דער רעזולטאט איז גע־ווען, אז די ליבעראלען האָבען אָפּגעהאלטען א גלענצענדען נצחון אין די וואהלען. די ערשטע דומא איז געווען איינער פון

די ראדיקאלסטע פארלאמענטען אין דער וועלט. די אויגען פון גאנצען פאָלק זיינען געווען געריכטעט אויף דער דומא. יעדע רעדע פון די דומא־דעפּוטאַטען פלעגט געלעזען ווערען מיט דעם גרעסטען אינטערעס אין די פארוואָרפענסטע ווינקעלאך פון לאנד. דאָס פאָלק האָט איינפאך פארגעטערט די ערשטע דומא און דער צאר האָט אין אָנפאנג אויף אן אמת׳ן זיך דער־שראָקען פאר דער דומא און האָט א געוויסע צייט געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט פּראָפעסאָר מיליוקאָוו׳ען און די אנדערע פיהרער פון די קאדעטען, וועלכע האָבען געהאט א מערהייט אין דער דומא, וועגען בילדען א קאדעטישען מיניסטעריום, וואָס זאָל דורכפיהרען די רעפארמען, וועלכע די דומא האָט גע־פאָדערט.

די פאָדערונגען וואס די דומא האָט ארויסגעשטעלט, זיינען געווען: די איינפיהרונג פון א פאָלקאָם קאָנסטיטוציאָנעלע אָר־דענונג אין לאנד, די גלייכבארעכטיגונג פון אלע נאציאנאליטעטען אין רוסלאנד, איינטיילען די פויערים מיט מעהר ערד, א פאר־נינפטיגע ארבייטער־געזעצגעבונג און נאָך אזוינע וויכטיגע רע־פאָרמען, וואָס וואָלטען געמאכט רוסלאנד פאר א פרייע און גליקליכע לאנד.

די מעהרסטע רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיינען פריהער גע־שטאַנען פאר׳ן באָיקאָט פון דער דומא, האָבען תיכף ווי די דומא האָט זיך נאָר פארזאמעלט, איינגעזעהן זייער גרויסען פעהלער. לענין האָט זיך אזוי שנעל ניט געוואלט אונטערגעבען. שפּעטער אָבער האָט ער אליין אויך צוגעגעבען אז ער האָט געמאכט א טעות.

ווי געזאָגט, האָט דער צאר אין אָנפאנג זיך געקווינקעלט, צי ער זאָל נאָכגעבען די פאָדערונגען פון דער דומא אָדער ניט. עס איז קלאָר געווען אז נאָר דאן, ווען די פאָדערונגען פון דער דומא וועלען אונטערשטיצט ווערען פון גאנצען פאָלק, אדער וויינינגסטענס פון די אקטיווסטע טיילען פון פאָלק, הויפּט־זעכליך פון די שטאָדטישע ארבייטער, וועט דער צאר גע־צוואונגען זיין צו בויגען זיך פאר׳ן ווילען פון פאָלק און שלום

מאַכען מיט דער דומא. פּלעכאַנאָוו און די אַנדערע מענשעוויסטישע פיהרער זיינען געווען פאַר דעם, אז די ארבייטער זאָלען אויף א ווייַלע אוועקלייגען אין א זייט זייערע מיינונגס־פארשידענהייטען און זאָלען ענערגיש אונטערשטיצען די פאָדערונגען פון דער ליבעראַלער דומא.

לענין אָבער, צוזאַמען מיט זיינע אדיוטאַנטען, האָבען געהאַלטען, אַז די וויכטיגסטע אויפגאבע פון רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטען איז, „ארונטערצורייסען די ליבעראַלע מאסקע פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קאַדעטען”, וועלכע פארשפרייטען אין פאָלק דעם גלויבען, אַז מען קען אָהן א באוואפענטען אויפשטאַנד, אָהן א בלוטיגער רעוואלוציע, איינפיהרען די רעפאָרמען אין וועלכע דאָס פאָלק נויטיגט זיך. אין דער צייט וואָס די דומא האָט געקעמפט אויף לעבען און טויט מיט דער רעגירונג, האָבען די פעטערבורגער באָלשעוויקעס, אונטער דער קאָמאנדע פון לענין'ען, אָפּגעהאלטען מאַס־מיטינגען, אויף וועלכע די „קאַדעטען”, צוזאמען מיט דער דומא, זיינען אין די שאַרפסטע ווערטער פארדאַמט געוואָרען פאַר זייער „קאָנטר־רעוואלוציאָנערע” ארבייט. בשעת מעשה איז קיינעם ניט איינגעפאלען צו וואונדערען זיך, וואס די רעגירונג איז מיט אמאָל געוואָרען אזוי ליבעראל צו ערלויבען מיטינגען, אויף וועלכע די ארבייטער ווערען גערופען ניט אומצוקוקען זיך אויף דער דומא און גרייטען זיך צו א באוואפענטען אויפשטאַנד און צו דער קומענדיגער דיקטאַטור.

אין עלף יאָהר ארום אָבער, נאָך דער זיגרייכער רעוואָלוציע פון מערץ, 1917, האָט מען אויסגעפונען פון די דאָקומענטען פון פּאָליציי־דעפּארטאַמענט, אַז די רעגירונג האָט געהאַט א האַנט אין די אַלע באָלשעוויסטישע מיטינגען און אז דער פּאָליציי־דעפּארטאַמענט האָט געגעבען אַן ארדער אלע זיינע אגענטען און פּראָוואָקאטאָרס, וואס האָבען געארבייט אין די רעוואלוציאָנערע פּארטייען, אַז זיי זאָלען מיט אלע זייערע קרעפטען זעהן צו דיסקרעדיטירען אין די אויגען פון די ברייטע פאָלקס־מאסען די דומא און איהרע פיהרער. אט די אלע גרויסע מאס־

מיטינגען, אויף וועלכע לענין און די אנדערע באָלשעוויסטישע פיהרער האָבען אַרונטערגעריסען די דומא, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען מיט'ן וויסען און דער צושטימונג פון'ם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. דערמיט ערקלערט זיך אויך דער זאָנדערבאַרער פאַקט, וואָס לענין איז די גאַנצע צייט ניט אַרעסטירט געוואָרען, טראָצדעם וואָס דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט דורך זיינע פּראָוואָקאַטאָרס גוט געוואוסט, וואו לענין האַלט זיך אויף. פאַר זיין „באַוואָפּענטען אויפשטאַנד" האָט די רעגירונג זיך מעהר ניט געשראָקען. די רעוואָלוציע אין לאַנד איז שוין געווען אַזוי גוט ווי דערשטיקט, דערפאַר איז אָבער לענינ'ס סיסטעמאַטישער, אונאויפהערליכער קאַמף געגען די רוסישע ליבעראַלען און מעסיגע סאָציאַליסטען, געווען אַ גרויסע שטיצע פאַר דער רעגירונג. לענין אַליין איז וואַרשיינליך געווען איבערצייגט אַז ער דינט מיט זיין טאַקטיק די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציע, אין דער ווירקליכקייט אָבער, האָט ער געהאָלפען מיט זיין טאַקטיק דער צאַרישער רעגירונג צוצוטרייבען וואָס שנעלער די ערשטע דומא און פאַרפעסטיגען זיך שטאַרקער אין לאַנד.

די באָלשעוויקעס וועלכע פאַרגעטערען לענינ'ען האָבען געשאַפען אַ לעגענדע, אַז לענין האָט כלומר'שט שוין אין יאָהר 1905 פאָראויסגעזעהן דעם גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און אַז ער האָט שוין דעמאָלט ערפונדען די באַריהמטע טעאָריע וועגען דער „פּראָלעטאַריש־פּויערישער דיקטאַטור". אַז לענין האָט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905 געפּרעדיגט די אידעע פון אַ „פּראָלעטאַריש־פּויערישער דיקטאַטור" איז טאַקע אַ פאַקט, אָבער דאָס וואָס ער האָט אין 1905 פאַרשטאַנען אונטער דעם לאָזונג „דיקטאַטור פון אַרבייטער און פּויערים" איז גאַנץ פאַרשידען פון דער דיקטאַטור וועלכע ער האָט איינגעפיהרט אין יאָהר 1917.

„די מאַרקסיסטען, האָט לענין געשריבען אין יאָהר 1905, אין זיין בראָשורע „צוויי טאַקטיקעס", „זיינען אַבסאָלוט איבערצייגט אין דעם בורזשואַזען כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. וואָס מיינט עס? דאָס מיינט, אַז די דעמאָקראַטישע

ענדערונגען אין דער פּאָליטישער אָרדענונג און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעפאַרמען, וואָס זיינען געוואָרען א נויטווענדיגקייט פאר רוסלאַנד, — וועלען ניט אונטערגראָבען דעם קאַפּיטאַליזם און די הערשאַפט פון דער בורזשואזיע, נאָר פאַרקעהרט, זיי וועלען צום ערשטען מאָל ווי עס בעדאַרף צו זיין אָפּרייניגען דעם באָדען פאר א ברייטער און שנעלער אייראָפּעאישער און ניט אזיאַטישער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. זיי וועלען צום ערשטען מאָל מעגליך מאַכען די הערשאַפט פון דער בורזשואזיע אלס א קלאַס. די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען קענען ניט פאַרשטעהן דיזען געדאַנק, ווייל זיי ווייסען ניט דעם אלף־בית פון די געזעצען וועגען דער אנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. זיי פאַרשטעהען ניט, אז אפילו א פאָלשטענדיגער זיגרייכער פויערים־אויפשטאַנד, אז אפילו ווען די גאַנצע ערד זאָל פאַרטיילט ווערען צו די פויערים אין איינקלאַנג מיט זייערע וואונשען, וועט עס דאָך אויף א האָר ניט פאַרניכטען דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר פאַרקערט, דאָס וועט געבען א שטויס פאָרווערטס דער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און וועט פאַרשנעלערען די קלאַסען־צוטיילונג צווישען דעם פויערטום גופא.

„דער מאַרקסיזם האָט אויף אימער אָפּגעטרייסעלט זיך פון די משוגע׳נע פּלוידערייען פון די נאַראָדניקעס און אנאַרכיסטען, אז רוסלאַנד קען בלומרשט אויסמיידען די קאַפּיטאַליסטישע אנטוויקלונג, ארויסשפּרינגען פון קאַפּיטאַליזם אָדער איבערשפּרינגען איבער איהם אויף וועלכען עס איז אַנדער וועג, אויסער דעם וועג פון קלאַסען־קאַמף אויף דעם *באָדען און אין די ראַמען פון אָט דעם קאַפּיטאַליזם*.

„פון דעם איז דעריבער געדרונגען, אז דער געדאַנק צו זוכען א רעטונג פאר דעם ארבייטער־קלאַס אין עטוואס אנדערש, ווי די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז *א רעאַקציאָנערער* געדאַנק. אין אַזוינע לענדער ווי רוסלאַנד ליידט דער ארבייטער־קלאַס ניט אַזויפיל פון דעם קאַפּיטאַליזם, ווי פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם איז ניט גענוג אנטוויקעלט. דער ארבייטער־קלאַס איז דעריבער אָהן צווייפעל פאַראינטערעסירט אין דער

סאַמע ברייטסטער, אין דער סאַמע פרייסטער און שנעלסטער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס *לוינט זיך* אָהן צווייפעל צו באַזייטיגען אַלע אַלטע איבערבלייבענישען וואָס שטערען דער ברייטער, פרייער און שנעלער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם.

„דעריבער איז אַ *בורזשואַזע* רעוואָלוציע *אויפ'ן העכסטען אופן נוצליך פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט.* *) אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע *איז אָהן צווייפעל* נויטיג אין די אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט.

„וואָס פולער, אנטשיידענער און קאָנזעקווענטער עס וועט זיין די בורזשואַזע רעוואָלוציע, אַלץ געזיכערטער וועט זיין דער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע פאַר'ן סאָציאַליזם. נאָר פאַר מענשען, וואָס זיינען ניט באַקאַנט מיט'ן אַלף בית פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם קען דיזער אויספיהר קלינגען ניי אָדער מאָדנע און פּאַראַדאָקסאַל. און פון דיזען אויספיהר איז, אגב, געדרונגען דער כלל, אַז אין אַ *געוויסען זין* איז די בורזשואַזע רעוואָלוציע *מעהר וויגאָדנע* פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי פאַר דער בורזשואַזיע.״**)

לענין האָט, אַלזאָ, געהאַלטען פאַר משוגעים און עם הארצים די יעניגע, וואָס האָבען געדענקט, אַז רוסלאַנד קען אויסמיידען דעם וועג פון קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג און גלייך איינפיהרען סאָציאַליזם. אין דערזעלבער בראָשורע האָט ער געשריבען:

„די דירעקטע אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט, פּונקט ווי די אינטערעסען פון זיין קאַמף פאַר די ענדגילטיגע צילען פון סאָציאַליזם פאָדערען אַ וואָס מעהר פאָלקאָמענע פּאָליטישע פרייהייט, און דאָס מיינט אַז די זעלבסטהערשונג זאָל פאַרביטען ווערען אויף אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. די איינפיהרונג פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק אין רוסלאַנד איז מעגליך נאָר אַלס רעזולטאַט פון

---

*) אַלע אונטערגעשטרכענע ווערטער זיינען אונטערשטראָכען פון לענינ'ען אַליין.

**) В. В. Ленин. Избранные статьи и речи. Москва, 1924 г. Стр. 401-402-403.

א זיגרייכען באוואפּענטען פאָלקס־אויפשטאנד, וואָס זיין אָרגאַן וועט זיין א צייטווייליגע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. נאָר אזא רעגירונג וועט זיין בכח צו פארזיכערען די פולע פרייהייט פון וואהל־אגיטאציע און צוזאמענרופען אויף דעם גרונד פון אלגע־מיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער וואהל־רעכט א גרינ־דונגס־פארזאמלונג, וואָס זאָל ווירקליך אויסדריקען דעם ווילען פון פאָלק.

„דיזע דעמאָקראטישע איבערקעהרעניש אין רוסלאנד וועט ביי דער עקזיסטירענדער געזעלשאפטליך־עקאָנאָמישער אָרדנונג איהרער, ניט אָפּשוואכען, נאָר פארשטארקען די הערשאפט פון דער בורזשואזיע" (זייט 381).

ווייטער:

„שטעלענדיג אלס דעם ציל פון דער צייטווייליגער רעגירונג די פארווירקליכונג פון אונזער פּראָגראם־מינימום, פארווארפען מיר דערמיט די אונזיניגע האלב־אנארכיסטישע געדאנקען וועגען פאר־ווירקליכען תיכף אונזער פּראָגראם־מאקסימום, וועגען פארכאפּען די מאכט פאר א סאָציאליסטישער איבערקערעניש. די שטופע פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, אויף וועלכער רוסלאנד גע־פינט זיך (די אָביעקטיווע באדינגונגען) און די שטופע פון בא־וואוסטזיניגקייט און אָרגאניזירטקייט, אויף וועלכע די ברייטע מאסען פון פּראָלעטאריאט געפינען זיך (די סוביעקטיווע באדינ־גונג, וועלכע איז ענג פארבונדען מיט דער אָביעקטיווער) מאכען א ו נ מ ע ג ל י ך די פאָלשטענדיגע באפרייאונג פון ארבייטער־קלאס תיכף. נאָר גאָר אונוויסענדע מענשען קענען איגנאָרירען דעם בורזשואזען כאראקטער פון דער דעמאָקראטישער איבערקע־רעניש. נאָר זעהר נאאיווע אָפּטימיסטען קענען פארגעסען וועגען דעם ווי וועניג די ארבייטער־מאסען ווייסען נאָך וועגען די צילען פון סאָציאליזם און וועגען די מיטלען איהם צו פארווירקליכען. און מיר אלע זיינען איבערצייגט, אז די באפרייאונג פון ארבייטער־קלאס קען דורכגעפיהרט ווערען נאָר פון די ארבייטער אליין. אָהן דער באוואוסטזיניגקייט און דער אָרגאניזירטקייט פון די מא־סען, אָהן זייער צוגרייטונג און ערציהונג אין אָפענעם קלאסען־

קאמף קען פון א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע גאָר קיין רייד ניט זיין. און אונזער ענטפער צו די אנארכיסטען, וועלכע טענה'ן, אז מיר לעגען אָפּ די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, איז: מיר לייגען ניט אָפּ, נאָר מיר מאַכען דעם ערשטען שריט צום סאָציאַליזם דורך דעם איינציג מעגליכען מיטעל, דורך דעם איינציג־ריכטיגען וועג, נעמליך, דורך דעם וועג פון א דעמאָקראַטישער רעפּובליק. ווער עס וויל געהן צום סאָציאַליזם דורך אן אנדער וועג, אויסמיידענדיג פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, מוז אונפּאַרמיידליך קומען צו אונזיניגע און רעאַקציאָנערע אויספיהרונגען סאַי אין עקאָנאָמישען סאַי אין פּאָליטישען זין". (זייט 386).

מיר זעהען אלזאָ, אז לענין האָט אין יאהר 1905 געפּרעדיגט דאָס זעלבע, וואָס די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען אין יאָהר 1917.

וועגען דעם צי סאָציאַליסטען מעגען זיך באטייליגען אין א צייטווייליגער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג צוזאמען מיט דער בורזשואזיע, האָט לענין געשריבען אין 1905:

„אנטיילנעמען אין דער צייטווייליגער רעגירונג צוזאמען מיט דער בורזשואזער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, — קלאָגען די מענשעוויקעס, — הייסט דאָך פּאַרהייליגען די בורזשואזע אָרדנונג, גוטהייסען די טורמעס און די פּאָליציי, ארבייטסלאָזיגקייט און אָרמוט, אייגענטום און פּראָסטיטוציע. אזא ארגומענט פּאַסט זיך פאר אנארכיסטען אָדער פאר נאַראָדניקעס. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אנטזאגט זיך ניט פון קאמף פאר פּאָליטישער פרייהייט אויף דעם גרונד, וואָס דאָס איז א בורזשואזע פּאָליטישע פרייהייט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קוקט אויף דעם פון א היסטאָרישען שטאַנדפּונקט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע „פּאַרהייליגט" די בורזשואזע רעפּובליק בלויז אַלס די לעצטע פאָרם פון קלאַסען־הערשאַפט, זי פאַרהייליגט איהר אלס די באַקוועמסטע ארענא פאר דעם קאמף פון דעם פּראָלעטאריאַט מיט דער בורזשואזיע. זי פאר־

היילגט די בורזשואזע רעפּובליק ניט פאַר איהרע טורמעס און פּאַליציי, ניט פאַר איהר אייגענטום און פּראָסטיטוציע, נאָר דערפאַר, וואָס זי (די דעמאָקראַטישע רעפּובליק) גיט אונז אַ ברייטע און פרייע מעגליכקייט צו קעמפען געגען אָט די אַלע וואוילע אינסטיטוציעס". (זעה „וופּעריאָד", נומער 14, 1905).

אין זיין צייטונג „פּראָלעטאַרי" פון 27טען מאַי 1905 האָט לענין געשריבען:

„דער פּרינציפּ, אַז פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז ניט דערלאָזבאַר אנטייל צו נעמען צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע אין אַ צייטווייליגער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, אַז יעדער אנטייל אַזאַ איז אַ פאַרראַט צום אַרבייטער־קלאַס — איז אַן אַנאַרכיסטישער פּרינציפּ" (זעה די פריהער ציטירטע לענינ'ס שריפטען, זייט 340).

און אָט וואָס לענין האָט אין יאָהר 1905 פאַרשטאַנען אונטער די ווערטער „דיקטאַטור פון די אַרבייטער און פּויערים":

„אָהן אַ דיקטאַטור וועט אונמעגליך זיין אָפּצושלאָגען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פאַרזוכען צוריק אויפצושטעלען די אַלטע אָרדנונג. אָבער דאָס וועט פאַרשטעהט זיך ניט זיין קיין סאָציאַליסטישע, נאָר אַ דעמאָקראַטישע דיקטאַטור. זי וועט אין בעסטען פאַל קענען דורכפיהרען אַ גרינדליכע איבער־פאַרטיילונג פון דער ערד צו גונסטען פון די פּויערים, דורכפיהרען אַ פאָלשטענדיגע און קאָנזעקווענטע דעמאָקראַטיזירונג פון לאַנד, איינפיהרען אַ רעפּובליק, אויסרייסען מיט'ן וואָרצעל אַלע אַזיאַטישע שקלאַפּישע שטריכען פון דאָרפישען און פאַבריק־לעבען, מאַכען דעם ערשטען שריט ערנסט צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער, אויפהויבען זייער סטענדאַרד אָוו ליווינג און „לעבסט באָט נאָט ליעסט" (לענינ'ס אייגענער אויסדרוק — ד. ש.) אַריבערטראָגען דעם רעוואָלוציאָנערען פייער אין אייראָפּאַ. אַזאַ זיג וועט אויף אַ האָר ניט מאַכען פון אונזער בורזשואַזער רעוואָלוציע אַ סאָציאַליסטישע. די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש וועט ניט אַרויסגעהן פון די ראַמען פון די בורזשואַזע געזעלשאַפטליך־עקאָנאָמישע

באציהונגען. דאָך וועט די באדייטונג פון אזא זיג זיין א גוואל־דיגע פאַר דער צוקינפטיגער אנטוויקלונג אי פון רוסלאנד אי פון דער גאנצער וועלט". (לענינ'ס שריפטען, זייט 409).

די פּראָגראם וואָס לענין האָט אין 1905 אויסגעארבייט פאַר זיין „רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראטישע דיקטאטור", איז אין 1917 דורכגעפיהרט געוואָרען פון דער צייטווייליגער רעגירונג. קערענסקי'ס רעגירונג האָט דורכגעפיהרט אזוינע ראדיקאלע רע־פאָרמען, וועגען וועלכע לענינ'ען האָט זיך אין 1905 אפילו גאָר ניט גע'חלומ'ט.

אָבער שוין דעמאָלט, אין דער זעלבער בראָשורע, האָט לענין געשריבען:

„אויב די רעוואָלוציע וועט אָפּהאלטען אן אנטשיידענעם נצחון, וועלען מיר זיך אָפּרעכענען מיט דעם אבסאָלוטיזם, גע־ברויכענדיג דיזעלבע מעטאָדען וואָס די יאַקאָבינער (די טעראָריס־טען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע) האָבען געברויכט; אָדער בעסער געזאָגט, מיר וועלען עס שליכטען אויף דעם „פּלע־בעער שטייגער", ווי די פראנצויזישע רעוואלוציע האָט עס גע־רופען.

„די באָלשעוויקעס, די יאַקאָבינער פון דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראטיע, ערווארטען אז דאָס פאָלק, ד. ה. די ארבייטער און די פויערים, וועלען זיך אָפּרעכענען מיט דער מאָנארכיע און מיט דער אריסטאָקראטיע אויף דעם „פּלעבעער שטייגער", אָהן רחמנות פארניכטענדיג אלע פיינד פון דער פרייהייט, אונטער־דריקענדיג מיט געוואלד זייער פּראָפּאגאנדע און ענטזאגענדיג זיך צו מאַכען אירגענד וועלכע הנחות צו דער פארפלוכטער ירושה פון שקלאפעריי, אזיאטענטום און שמאָך פון דער מענשהייט.*)

---

*) פון דעם איז צו זעהן, אז דער שפּעטערדיגער טעראָר פון די באָל־שעוויקעס איז ניט געקומען אלס רעזולטאט פון דער אויסלענדישער אינטערווענציע, פון דער בלאָקאדע אָדער פונ'ם אויפשטאנד פון די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען און טשעכאָ־סלאָוואַקען, ווי די אויסלענ־דישע פריינד פון די באָלשעוויקעס זוכען איינצורעדען דעם עולם, נאָר אז לענין האָט אין דעם פּרט איינפאך פארווירקליכט זיין פּראָגראם,

עס איז אינטערעסאַנט, אַז די בראָשורע, פון וועלכער די אַלע אויבענגעבראַכטע ציטאַטען זיינען גענומען געוואָרען, איז אין 1908, אין די צייטען פון סטאָליפּין ערשינען לעגאַל אין פּעטערבורג און איז פריי פאַרקויפט געוואָרען אין אַלע בוכהאַנדלונגען, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די בראָשורע האָט ענטהאַלטען אַן אָפּענעם אויפרוף צו אַ באַוואָפענטען אויפשטאַנד. אין יענער צייט האָט גראָד די צענזור אַמשטאַרקסטען געבושעוועט. ווי עס צייגט אָן דער באַקאַנטער שריפטשטעלער מ. א. אַלדאַנאָוו, אין זיין בוך „לעניין", איז אין יענער צייט דער באַריהמטער שריפטשטעלער מערעזשקאָווסקי אַנגעקלאָגט געוואָרען אין געריכט דערפאַר, וואָס ער האָט אין איינעם פון זיינע ראָמאַנען באַהאַנדעלט ניט מיט גענוג רעספּעקט דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם ערשטען (וועלכער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1825). אויך דער באַריהמטער שריפטשטעלער וולאַדימיר קאָראָלענקאָ איז גע'משפט געוואָרען דערפאַר וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין זיין זשורנאַל טאָלסטאָי'ס אַן אַרטיקעל, „די לעגענדע פון פיאָדאָר קוזמיטש", אין וועלכען יעקאַטערינאַ די צווייטע איז פאָרגעשטעלט געוואָרען אין אַ ניט זעהר שעהנעם ליכט. אפילו טאָלסטאָי'ס מאַנכע ווערק האָט סטאָליפּינ'ס רעגירונג קאָנפיסקירט און פאַרברענט, בעת לענינ'ס בראָשורע האָט פראַנק און פריי צירקולירט אין לאַנד, און ניט לעניין אַליין און ניט זיין פאַרלעגער, זיינען ווען עס איז אָנגעקלאָגט געוואָרען אין געריכט פאַר דער דאָזיגער בראָשורע. דאָס איז ניט געוועזן קיין צופאַל. לעניין און דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָבען ביידע „גענומען שאַנסען". אַ נייער באַוואָפענטער

וואָס ער האָט נאָך מיט 12 יאָהר פריהער אויסגעאַרבייט, זיצענדיג אין זשענעוואַ. די אַלע מעשים פון דער באָלשעוויסטישער טשעקאַ, די הונדערטער טויזענטער הינריכטונגען, דאָס ערמאָרדען פון די לעבעדיגע משכנות, דאָס גרויזאַמע פּייניגען פון די אַרעסטירטע אין די טורמעס — דאָס אַלץ איז אַ טייל פון דער פּראָגראַם פון „אָפּרעכענען זיך מיט דער מאָנאַרכיע און דער אַריסטאָקראַטיע", וואָס לעניין האָט גערופען דער „יאַקאָבינער אָדער פּלעבעער שטייגער".

אויפשטאנד האט געקענט רואינירען די רעוואלוציאנערע באוועגונג, ווי דאס האט פאסירט אין יאהר 1905, מיט דעם באריהמטען מאסקווער אויפשטאנד, אבער עס האט זיך אויך געקענט ענדיגען מיט דעם פאלען פון דער מאנארכיע, ווי דאס האט שפעטער פאסירט אין יאהר 1917.

דער פאליציי־דעפארטאמענט איז אבער געווען זיכער, אז א באוואפענטער אויפשטאנד וועט געבען א טויט־קלאפ דער רעוואלוציאנערער באוועגונג און דערפאר האט ער ניט נאר ניט געשטערט לעניג׳ען אין זיין ארבייט, נאר ער האט איהם פאקטיש שטארק ארויסגעהאלפען צו פארשפרייטען זיינע אידעען צווישען די מאסען, ווי די לעזער וועלען עס זעהן מעהר אויספיהרליך אין די ווייטערדיגע קאפיטלען.

זעקסטער קאפיטעל.

אין קאמף געגען די ליבעראלען און מעסיגע סאָציאליסטען.

די וואהל־קאמפּאַניע צו דער צווייטער דומא. — לעניג'ס קאמף געגען די מעסיגע סאָציאליסטען. — „אויף געגנער מעג מען אויסטראכטען ליגענס און בלבולים כדי זיי צו דיסקרעדיטירען", זאָגט לענין. — די סאָציאל־דעמאָקראטישע פראקציע פון דער צווייטער דומא. — לענין און סטאָליפין. — דער לאָנדאָנער צוזאמענפאָהר. — די צוטרייבונג פון דער צווייטער דומא.

נאָך איידער די ערשטע דומא איז צוטריבען געוואָרען, איז אין שטאָקהאָלם אָפּגעהאלטען געווארען א געהיימער צוזמענפאָהר פון די רוסישע סאציאל־דעמאָקראטען. אונטער דעם דרוק פון די ארבייטער און פון די אָנגעזעהענסטע פּראקטישע טוער פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי גופא איז לענין געווען געצוואונגען איינצוגעהן אויף א פאראייניגונג מיט די מענשעוויקעס. פּאר־טרעטער פוןביידע פראקציעס, די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס, זיינען זיך צוזאמענגעפאָהרען אין שטאָקהאָלם. לעניג'ס פראקציע איז דאָרט געווען אין דער מינאָרי־טעט. דער צוזאמענפאָהר האָט באשלאָסען, אז די פּאר־טיי זאָל זיך אויף ווייטער באטייליגען אין די דומא וואה־לען און לענינ'ס גאנצע טאקטיק איז פארוואָרפען געווארען. אין דעם נייעם צענטראל־קאָמיטעט, וואס איז ערוועהלט געווארען אויפ'ן קאָנגרעס, האָבען די מענשעוויקעס געהאט א מערהייט. די באָלשעוויקעס האָבען אין שטאָקהאָלם פייער־ליך פארשפּראָכען, אז זיי וועלען זיך אונטערוואַרפען צו די באַ־שלוסען פון צוזאמענפאָהר און וועלען מעהר ניט פיהרען קיין זעלבסטשטענדיגע פּראקציאָנעלע פּאָליטיק.

אָבער אזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך נאָר אומגעקערט צוריק

קיין רוסלאנד, האָט לענין צוזאַמענגענומען זיינע קרעפטען, און האָט ווידער געבילדעט אַ פּאַרטיי אין דער פּאַרטיי. פאָרמעל איז די פּאַרטיי געווען פאַראייניגט, פּאַקטיש אָבער האָט לענין אויפ־געהאַלטען אַן אייגענעם צענטער אין אָפּאָזיציע צום פאַראייניגטען צענטראַל קאָמיטעט. אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען די וואַהל־קאָמ־פּאַניע צו דער צווייטער דומאַ. לענין האָט נאָך דאַן אַלץ געלעבט אומלעגאַל אין רוסלאַנד. סטאָליפּינ׳ס רעגירונג האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט פאַר קיינע מיטלען אום צו באַקומען אַ רעאַקציאָנערע מערהייט אין דער נייער דומאַ. די געפאַר פון דעם איז געווען זעהר גרויס. די מענשעוויקעס זיינען געווען פאַר דעם, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זאָלען איבעראַל ארויסטרעטען אַלס אַ זעלבסטשטענ־דיגע פּאַרטיי. אין די וואַהל־קרייזען אָבער וואו ס׳איז פאַראַן אַ געפאַהר אַז עס קען דורכגעהן אַ רעאַקציאָנער, האָבען זיי געהאַל־טען, אַז די פּאַרטיי דאַרף אריינטרעטען אין אַן אָפּמאַך מיט די איבעריגע רעוואָלוציאָנערע און ליבעראַלע פּאַרטייען (סאָ־ציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, „טרודאָוויקעס", און קאָנסטי־טוציאָנעלע דעמאָקראַטען) און אונטערשטיצען דעם רע־וואָלוציאָנערען אָדער ליבעראַלען קאַנדידאַט, וועלכער האָט די בעסטע שאַנסען דורכצוגעהן. די איבעריגע רעוואָלוציאָ־נערע און ליבעראַלע פּאַרטייען זיינען אויך געווען פאַר אַזאַ טאַק־טיק. זיי זיינען געווען גרייט אריינצוטרעטען אין אַן אָפּמאַך מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, כדי ניט צו דערלאָזען, אַז צוליב די רייסערייען און מיינונגס־פאַרשיידענהייטען צווישען די ליבעראַלען און סאָציאַליסטען זאָלען דערוויילע זיגען די רעאַקציאָנערע שוואַרצע מאה׳ניקעס.

לענין איז ארויסגעטראָטען אַנטשיידען געגען אָט דער טאַק־טיק פון שליסען אָפּמאַכען מיט די ליבעראַלען. ער איז געווען פאַר דעם, אַז די פּאַרטיי זאָל אין די וואַהלען זיך פאַראייניגען מיט די איבעריגע ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פּאַרטייען, אָבער בשום אופן ניט מיט די ליבעראַלע קאַדעטען, וועלכע האָבען געהאַט אַזאַ ריזיגע מאַיאָריטעט אין דער ערשטער דומאַ. און ווידער־אַמאָל האָט ער די מענשעוויקעס באַשולדיגט אין פאַרראַט צום

סאָציאַליזם און צו דער רעוואָלוציע. אין אַ בראָשורע, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזען אין פּעטערבורג ערב די וואַהלען, האָט ער איינינע מענשעוויסטישע פיהרער באַשולדיגט אין דעם, אַז זיי האָבען „פאַרקויפט די אינטערעסען פון די אַרבייטער צו די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע ליבעראַלען".

שפּעטער האָבען איהם די מענשעוויקעס אָנגעקלאָגט פאַר אַ פּאַרטיי־געריכט פאַר דער דאָזיגער באַשולדיגונג. לענין האָט אין אָנפאַנג געזוכט אַרויסצודרעהען זיך פון אַ געריכט. אָבער די אי־בעריגע באָלשעוויסטישע פיהרער האָבען איהם געצוואונגען צו ער־שיינען פאַר'ן געריכט. די רעדע וואָס ער האָט געהאַלטען אויף יענעם געריכט איז געווען אַזאַ פּיקאַנטע, אַז די מענשעוויקעס האָבען זי אַרויסגעגעבען אין אַ באַזונדער פּאַמפלעט. אויפ'ן געריכט האָט ער מודה געווען, אַז ער האָט איינפאַך געמאַכט אַ בלבול אויף די מענשעוויסטישע פיהרער; אַז דאָס וואָס ער האָט געשריבען וועגען זיי איז ניט אמת, אָבער אַזוי ווי ער באַטראַכט זייער טאַקטיק פאַר זעהר אַ שעדליכע פאַר דער רעוואָלוציע און די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציע שטעהען ביי איהם העכער פון אַלץ, האַלט ער אַז מען מעג אפילו פאַרשפּרייטען וועגען זיי ליגענס און בלבולים, כדי נאָר זיי צו דיסקרעדיטירען אין די אויגען פון די מאַסען...

„מען טאָר ניט שרייבען וועגען פּאַרטיי־חברים, — האָט לענין געזאָגט, — מיט אַזאַ שפּראַך, וואָס זייהט סיסטעמאַטיש אין די אַרבייטער־מאַסען אַ האַס, אַ פאַראַכטונג, אַן עקעל א. ז. וו. צו די וואָס דענקען אַנדערש. מ ע ן מ ע ג א ו ן מ ע ן ד אַ ר ף שרייבען טאַקע נאָר מיט אַזאַ שפּראַך וועגען די, וואָס האָבען זיך אָפּגעשפּאָלטען פון דער אָרגאַניזאַציע.

„איך האָב בכיון געזוכט צוצוטומלען די מוחות פון דעם טייל פּעטערבורגער אַרבייטער, וואָס זיינען געשטאַנען מיט די מענשע־וויקעס, און איך וועל אַ ל ע מאָל אַזוי האַנדלען ביי אַ שפּאַל־טונג". *)

---

*) Речь Ленина на партийном суде, "Красный Архив", № 7, 1923 г. Стр. 233.

די וואהלען צו דער צווייטער דומא האָבען זיך, ווי באוואוסט, ווידער געענדיגט מיט אַ מפּלה פאַר דער רעגירונג. די מערהייט אין דער דומא האָבען געהאַט די ליבעראַלען און די סאָציאַליסטען, אָבער אין אַ גאַנצער רייהע גובערניעס זיינען דורכגעגאַנגען ניט נאָר רעכטע דעפּוטאַטען, נאָר אַזוינע אָפענע שוואַרצע מאה׳ניקעס ווי קרושעוואַן, פּורישקעוויטש און אַנדערע. אין דער ערשטער דומא זיינען קיין אָפענע שוואַרצע־מאה׳ניקעס גאָרניט געוועזן און די צאָהל רעכטע דעפּוטאַטען איז בכלל געוועזן זעהר אַן אומבאַדייטענדע.

אין דער צווייטער דומא האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען דורכגעפיהרט עטליכע און פופציג דעפּוטאַטען. אין פילע שטעדט האָבען די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, ניט רעכענענדיג זיך מיט לעַנינ׳ס פאַרבאָט, געשלאָסען אָפּמאַכען אויך מיט די ליבעראַלען און האָבען אויף אַזאַ אופן נישט נאָר באַזיגט מיט פּאַראייניגטע קרעפ־טען די רעגירונגס־קאַנדידאַטען, נאָר האָבען אויך ערוועהלט זייערע אייגענע קאַנדידאַטען.

ווען די דומא האָט זיך געעפענט, האָט די רעגירונג גלייך איינגעזעהן, אַז זי וועט מוזען אָדער נאָכגעבען דעם פאָלק, אָדער ווידער אַמאָל צוטרייבען די דומא און ענדערען דעם וואהל־געזעץ אַזוי, אַז די אָפּאָזיציע זאָל שוין ניט האָבען קיין שאַנסען דורכ־צוגעהן אין דער דומא. סטאָליפּין האָט אָנגעפאַנגען צו זוכען אַן אויסרייד ווי אַזוי צו צוטרייבען די דומא און ווידער אַמאָל איז איהם לענין געקומען צו הילף.

די מערהייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דומא־פראַקציע איז באַשטאַנען פון מענשעוויקעס. די מענשעוויקעס זיינען גע־שטאַנען פאַר דעם, אַז די פראַקציע זאָל זיך פאַרנעמען בלויז מיט לעגאַלער אַרבייט, ד. ה. אַז זי זאָל פון דער דומא־טריבונע אַנ־פיהרען אַ קאַמף געגען דער רעגירונג. לענין אָבער האָט געהאַל־טען, אַז די פראַקציע דאַרף אויף זיך נעמען די אויפגאַבע צו אָרגאַ־ניזירען די אַרבייטער און די אַרמעע פאַר אַ באוואָפענטען אויפ־שטאַנד. צערעטעלי און די אַנדערע מענשעוויסטישע דומא־דעפּו־טאַטען האָבען גע׳טענה׳ט: זאָל די אונלעגאַלע פּאַרטיי אַרבייטען

אין דער אַרמעע, זאָל זי גרינדען געהיימע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס און אָנפיהרען די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע צווישען די סאָלדאַטען און מאַטראָזען פאַר אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד. שלעפּט אָבער ניט אריין אין דעם די פראַקציע פון דער דומאַ. גיט ניט קיין געלעגענהייט דעם צאַר'ס הויפּט־מיניסטער, סטאָליפּינ'ען, צו באַשולדיגען די סאַציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע אין הויכפאַרראַט און דערוויל צוטרייבען די דומאַ.

לענין אָבער האָט פון דעם ניט געוואָלט הערען. ער האָט גע'טענה'ט, אַז די גאַנצע דומאַ־ארבייט האָט קיין ווערט ניט, אויב די פראַקציע זאָל ניט אויסנוצען איהר פּריווילעגירטע לאַגע און איהר גרויסען אויטאָריטעט אין די אויגען פון די מאַסען אום צו אָרגאַניזירען דעם באַוואַפענטען אויפשטאַנד. און די באָלשעוויסטישע דומאַ־דעפּוטאַטען האָבען אָנגעפאַנגען אָפּצוהאַלטען קאָנפערענצען און מיטינגען מיט די געהיימע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס. דעלעגאַציעס פון סאָלדאַטען און מאַטראָזען האָבען אָנגעפאַנגען צו קומען צו די זיצונגען פון דער פראַקציע און פאָדערען פון די דעפּוטאַטען, אַז זיי זאָלען זיך נעמען צו דער „ריכטיגער ארבייט".

דער „באָלשעוויסטישער צענטער", געפיהרט פון לענינ'ען, האָט ערמוטיגט אָט די דאָזיגע דעלעגאַציעס און האָט זיי בכיון געשיקט צו דער פראַקציע, כדי צו צייגען די מענשעוויקעס אַז דאָס „פאָלק" פאָדערט ניט קיין רעדעס, נאָר „טאַטען".

שפּעטער, אין יאָהרען ארום, האָט זיך ווידער ארויסגעוויזען, אַז אין די אַלע מיליטערישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבען געאַרבייט פּראָוואָקאַטאָרס, וועלכע האָבען באַקומען אַן אָרדער פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט צו פאַרבינדען זיך מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דומאַ־פראַקציע, כדי צו געבען סטאָליפּינ'ען די מעגליכקייט צו באַשולדיגען די פראַקציע, אַז זי פאַרנעמט זיך מיט צוגרייטען אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד און אויף אַזאַ אופן פאַנאַנדערלאָזען די דומאַ.

פון די דאָקומענטען וואָס מען האָט שפּעטער געפונען אין דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז אייניגע פון די דעלעגאַציעס, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען פון לענינ'ען

און זיינע חברים אין דער פראקציע מיט פאָדערונגען פון „רעוואָ־לוציאָנערע טאַטען", האָבען אין דער זעלבער צייט באַקומען די זעלבע אינסטרוקציעס אויך פונ'ם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. אין גיכען איז די פּאָליציי באַפאַלען אַ זיצונג פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פראַקציע, אויף וועלכער עס זיינען געווען איבערגע־טאָנענע סאָלדאַטען און מאַטראָזען, ביי וועלכע מען האָט געפונען קאָמפּראָמעטירענדע דאָקומענטען. די פראַקציע איז אָנגעקלאָגט געוואָרען אין הויכפאַרראַט און די דומא איז צוטריבען געוואָרען. די מעהרסטע דעפּוטאַטען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע, וועמען לעניו און זיינע פריינד האָבען באַשולדיגט, אַז זיי זיינען ניט רעוואָלוציאָנער גענוג (צערעטעלי, דזשאַפּארידזע, סאַלטיקאָוו א. א.) זיינען אַרעסטירט געוואָרען און פאַרשיקט געוואָרען אויף קאַטאָרגע.

דער דעפּוטאַט אַלעקסינסקי, וועלכער איז צו יענער צייט געווען לעניג'ס הויפּט־אַדיוטאַנט און וועלכער האָט כסדר פאַרגע־וואָרפען צערעטעלי'ן און די אַנדערע מענשעוויסטישע דומא־דעפּו־טאַטען אַז זיי זיינען ניט גענוג רעוואָלוציאָנער, איז, נאַטירליך, געווען דער ערשטער צו אַנטלויפען אין אויסלאַנד אַזוי שנעל, ווי עס איז באַקאַנט געוואָרען, אַז די דומא איז אויפגעלייזט. צוזאַמען מיט איהם איז אויך אַנטלאָפען דער דעפּוטאַט יאָהאַן אַזאָל, וועל־כער איז אויך געווען לעניג'ס אַן אָנהענגער.*)

נאָך ווען די צווייטע דומא האָט עקזיסטירט, איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פאַרטיי, אויף וועלכען עס זיינען צום ערשטען מאָל געווען פאַרטראָטען ניט נאָר די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען, ווי דער „בונד", די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי פון פּוילען און די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אויף דיזען צוזאַמענפאָהר

---

*) גריגאָרי אַלעקסינסקי, וועלכער איז ביז 1908 געווען איינער פון לעניג'ס הויפּט־אַדיוטאַנטען, איז איצט אַ רעאַקציאָנער און אַן אגענט פון דער רומענישער רעגירונג.

זיינען אַנוועזענד געווען אַלע וויכטיגסטע פיהרער פון די אַלע אויבען־אויסגערעכענטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. עס זיינען אויך געווען די אָנגעזעהענסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דומאַ־דעפּוטאַטען פון ביידע ריכטונגען.

ווי שוין אויבען געזאָגט, האָבען אויפ׳ן פריהערדיגען פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין יאָהר 1906 אין שטאָקהאָלם, געזיגט די מענשעוויקעס. עס זיינען אָנגענומען געוואָרען אַלע רעזאָלוציעס, וואָס זיי האָבען פאָרגעשלאָגען און אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַראייניגטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבען די מענשעוויקעס געהאַט אַ מאַיאָריטעט. אַבוואָהל לענין האָט גלייך נאָכדעם געגרינדעט אַן אייגענע געהיימע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעפיהרט די אַרבייט פון דער באָלשעוויסטישע פראַקציע, האָט ער אָבער אויך ניט אויפגעהערט פּלאַנעווען ווי אַזוי צו פאַרכאַפּען אין זיינע הענט דעם אַפּאַראַט פון דער גאַנצער פאַראייניגטער פּאַרטיי. דאָס האָט ער געקענט דורכפיהרען נאָר דורך אַ נייעם צוזאַמענפאָהר, אויף וועלכען ער זאָל האָבען אַ מאַיאָריטעט. ער האָט דעריבער געאַרבייט מיט אַלע כחות, אַז אַזאַ צוזאַמענפאָהר זאָל וואָס שנעלער איינבאַרופען ווערען און אין דער זעלבער צייט האָט ער אַרויסגעשיקט זיינע אַגענטען איבער גאַנץ רוסלאַנד, צוצוגרייטען אַ באָלשעוויסטישע מאַיאָריטעט אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר. און דאָס האָט זיך איהם אויך איינגעגעבען. אין אַ בראָשורע, וואָס ל. מאַרטאָוו האָט אַרויס־געלאָזט אין פּאַריז אין יאָהר 1911, מיט זעקס יאָהר פאַר דער רעוואָלוציע פון יאָהר 1917, האָט דער פאַרשטאָרבענער פיהרער פון די מענשעוויקעס געשריבען:

„די אַזוי גערופענע „מערהייט", וואָס די באָלשעוויקעס האָבען באַקומען אויפ׳ן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר, איז פאַבריצירט געוואָרען אויפ׳ן זעלבען שטייגער, ווי עס ווערט פאַבריצירט אַ „מער־הייט" אין די „פּאַרלאַמענטען" פון די ניט־קאָנסטיטוציאָנעלע לענ־דער. מיט דער הילף פון ריזיגע סומען געלט, וואָס די רעדאַקציע פון „פּראָלעטאַרי" (לענין און זיינע אַדיוטאַנטען) האָט אריינ־געקראָגען טיילווייז דורך עקספּראָפּריאַציעס און טיילווייז דורך

„קאָנפיסקירען” פאַר זיך געלדער, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען פאַר די צוועקען פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי, האָבען לעניניסטען אַגענטען אויף שנעל געשאַפען אין פילע שטעדט שטרויענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען באַקומען אַ רעכט צו שיקען אַ דעלעגאַט אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר. דער צוזאַמענפאָהר, צ. ב., איז געווען געצוואונגען אויפצופאָדערן דעם נייעם צענטראַל קאָמיטעט צו מאַכען אַן אונטערזוכונג וועגען דער באַדייטענדער סומע געלט, וואָס איז אין נאָמען פון דער פּאַרטיי אָפען געזאַמעלט געוואָרען אין אַמעריקאַ, און וועלכע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַן אָנגעזעהענעם מיטגליד פון „באָלשעוויסטישען צענטער” און איז שפּורלאָז פאַרשוואונדען”.*)

מיט דער הילף פון אָט די פאַלשע מאַנדאַטען האָט לענין באַקומען אַ מאַיאָריטעט אויפ׳ן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר. ער האָט דורכגעפיהרט די מערסטע פון זיינע רעזאָלוציעס און, די הויפּט־זאַך, ער האָט באַקומען אַ מערהייט אין דעם נייעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַראייניגטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

---

*) Л. Мартов. Спасители или упразднители? Париж, 1911 г. Стр. 3.

זיבעטער קאפיטעל.

אין דער באלשעוויסטישער אונטערוועלט.

דער „באלשעוויסטישער צענטער“ און די אפערע „חבר־וויקטאר“. — סטאלין, ליטווינאוו און קראסין. — די עקספראפריאציעס. — לענין ווידער אין עמיגראציע. — די שפאלטונג אין דער באלשעוויסטישער פראקציע. — אלע באלשעוויסטישע גדולים פארלאזען לענינ׳ען. — די דריי פארבליבענע געטרייע פריינד.

נאכ׳ן לאנדאנער צוזאמענפאהר האט לענין, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט ארייננעכאפט די צענטראלע קערפערשאפטען פון דער פאראייניגטער פארטיי, פונדעסטוועגען ניט אויפגעלייזט דעם „באלשעוויסטישען צענטער“, — א געהיימע, שטרענג־צענטראליזירטע גרופע, וואס איז פארמעל געווען פאראנטווארטליך פאר איהרע מעשים צו דער באלשעוויסטישער פראקציע, פאקטיש אבער צו קיינעם ניט, אויסער לענינ׳ען.

„וואס האט געטריבען לענינ׳ען צו שאפען אזא „אויבער־צענטער“? — פרעגט ל. מארטאוו אין זיין פריהער ציטירטער בראשורע, און ער ענטפערט:

ערשטענס, דער פאקט, וואס אין דעם פאראייניגטען צענטראל־קאמיטעט זיינען די באלשעוויקעס געווען אפהענגיג אן די פאליאקען און לאטישען, וועלכע זיינען געוועהנליך געגאנגען האנט אין האנט מיט זיי. אהן די פארשטעהער פון דער פוילישער און לעטישער סאציאל־דעמאקראטיע האבען די באלשעוויקעס ניט געהאט קיין מערהייט אין צענטראל־קאמיטעט.

צווייטענס, וואס אין צענטראל־קאמיטעט זיינען געווען אויך פארשטעהער פון דער אפאזיציע, מענשעוויקעס און בונדיסטען, וועלכע האבען געהאט א מעגליכקייט צו קאנטראלירען די טעטיגקייט פון צענטראל־קאמיטעט.

אָבער וואָרום האָבען די באָלשעוויקעס אַזוי געוואָלט באַפרייען זיך פון דעם קאָנטראָל ניט נאָר פון דער אָפּאָזיציע, נאָר אויך פון זייערע פריינד, די פּאָליאַקען און לאַטישען ? — פרעגט מארטאָוו, און ער ענטפערט :

„אין סוף פון יאהר 1907, אריינטרעטענדיג אין „מאכט",*) האָבען די באָלשעוויקעס זיך גענויטיגט אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואס זאָל זיין געהיים פון דער פּאַרטיי, ווייל אין אַ פראגע, וואָס איז פאַר זיי געווען זעהר וויכטיג, זיינען זיי אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר געבליבען אין אַ קליינער מינדערהייט. דער צוזאַמענפאָהר האָט נעמליך אָפּגעזאָגט זיך אוועקצושטעלען די פראגע וועגען „צוגרייטען אַ באוואפענטען אויפשטאַנד" (ווי לענין האָט עס געפאָדערט. — ד. ש.). ער האָט באַשלאָסען אויפצולייזען אַלע קאַמפּס־גרופּען און האָט שטרענג פאַרבאָטען צו מאַכען עקספּראָפּריאַציעס און פּאַרטיזאַנישע אָנפאַלען. דערמיט האָט דער צוזאַמענפאָהר געגעבען אַ שטאַרקען קלאַפּ דעם הויפּט „אני מאמין" פון דעם דאַמאָלסדיגען באָלשעוויזם. אין יאָהר 1907 האָבען די באָלשעוויקעס נאָך אַלץ „געגרייט זיך צו דעם באַלדיגען אויפשטאַנד", און זיי האָבען דעריבער געהאַלטען פאַר אַבסאָלוט נויטיג אָנצוהאַלטען די באוואפענטע קאַמפּס־גרופּען און מאַכען עקספּראָפּריאַציעס (באוואפענטע „האָלד אָפּס"), דעריבער האָבען די באָלשעוויקעס נויטיג געהאַט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע אויף דורכצופיהרען די „אונטערנעמונגען" פון דעם ספּעציעלען סאָרט און אויף צו זאַמלען דורך זיי ריזיגע סומען געלט אויף באוואפנונג. אָט וואָרום די באָלשעוויקעס האָבען נאָכ'ן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר געשאַפען אויף קאַווקאַז, אויפ'ן אוראַל און אין אַנדערע ערטער „אומפּאַרטייאישע" קאַמפּס־גרופּען פון די „שטאַרקע", וואָס זיינען נאָר וואָס „אַרויסגעטראָטען" פון דער פּאַרטיי. די דאָזיגע „אומפּאַרטייאישע" „שטאַרקע" זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען אין

*) פאַרכאַפּענדיג דעמאָלט בלויז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און ניט דאָס גאַנצע לאַנד, ווי אין 10 יאָהר אַרום. — ד. ש.

די נאָהענטסטע פארבינדונגען מיט די באָלשעוויסטישע לידערס, און די געלדער, וואָס דיזע „שטארקע" האָבען ארייגקראָגען (דורך עקספראָפריאציעס) אויף צוגרייטען אן אויפשטאנד, זיינען גע־גאנגען אין דער קאסע פון דעם „ב אָ ל ש ע ו ו י ס ט י ש ע ן צ ע נ ט ע ר". עס איז קלאָר, אז אזוינע אָפּעראציעס האָבען ניט געקענט דורכגעהן דורך דעם אפּאראט פון דער אלגעמיינער פאר־טיי". *)

אין גיכען אָבער נאָכ'ן לאָנדאָנער צוזאמענפאָהר, — דער־צעהלט ווייטער מארטאָוו אין זיין בראָשורע, — האָט לענין אויפ־געגעבען די האָפנונג אויף א באוואפענטען אויפשטאנד אין דער נאָהענטער צוקונפט און ער האָט אין דער באָלשעוויסטישער פראק־ציע דורכגעפיהרט א באשלוס, אז די פארטיי זאָל זיך באטייליגען אין די וואהלען צו דער דריטער דומא. דער „באָלשעוויסטישער צענטער" האָט אויפגעהערט איינצוקויפען געווער און גרייטען זיך צום אויפשטאנד. די קאמפס־גרופּען אָבער פון די „שטארקע" אָדער „באָיעוויקעס", ווי זיי האָבען זיך גערופען, האָבען אָנגע־פאנגען צו פארנעמען זיך מיט פּשוט'ען באנדיטיזם, אָפט פאר זייע־רע אייגענע פּערזענליכע צוועקען. אויפלייזען די „באָיעוויקעס" האָבען די באָלשעוויקעס ניט געקענט. אין דער זעלבער צייט האָבען די באָלשעוויקעס איצט, נאָך מעהר ווי פריהער, גענויטיגט זיך אין גרויסע סומען געלט, כדי צו קענען אויפהאלטען זייער אויטאָריטעט און די הערשאפט פון זייער פראקציע אין דער פארטיי. די צייט איז געוואָרען זעהר אונגינסטיג פאר'ן באָלשעוויזם. די „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען", וועלכע האָבען מיט זיך פאָר־געשטעלט די הויפט־קראפט פון באָלשעוויזם, האָבען גענומען פאר־לאָזען די אָרגאניזאציע. האָט לענין דעריבער באשלאָסען די אלע געלדער, וואָס דער „באָלשעוויסטישער צענטער" זאמעלט אויף צוגרייטען דעם באוואפענטען אויפשטאנד, פון איצט אָן אויסגעבען אויף צו פארפעסטיגען די הערשאפט פון דער באָלשעוויסטישער פראקציע אין דער פארטיי.

---

*) Л. Мартов. Спасители или упразднители? Париж, 1911 г. Стр. 17.

אין א משך פון דריי יאָהר צייט, פון לאָנדאָנער צוזאמענפאָהר ביז דעם יאָהר 1910, — דערצעהלט מארטאָוו, — האָט דער „באָלשעוויסטישער צענטער" געשטיצט דעם פעטערבורגער קאָמיטעט פון דער פארטיי, וועלכער איז קאָנטראָלירט געוואָרען פון די באָלשעוויקעס, מיט 1,000 רובעל א מאָנאט, און דעם מאָסקווער קאָמיטעט, וועלכער איז אויך געווען א באָלשעוויסטישער, מיט 500 רובעל א חודש, און דאָס איז געווען אין א צייט, ווען די איינגאַמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פארטיי זיינען געווען ניט מעהר ווי הונדערט (100) רובעל א מאָנאט.

אין דער זעלבער צייט האָט דער „באָלשעוויסטישער צענטער" זיך אנטזאָגט צו שטיצען פינאנציעל די סאציאל־דעמאָקראטישע וואהל־קאמפאניע אין פעטערבורג, וואס איז געפיהרט געווארען פון א באָלשעוויסטישען מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט.*)

ווי אַזוי לענין האָט אריינגעקראָגען אָט די אַלע ריזיגע סומען געלט, מיט וועלכע ער האָט געזוכט אָנצוהאַלטען די מאכט פון זיין פראקציע אין דער פארטיי, ווייסען מיר אויך טיילווייז פון דער זעלבער בראָשורע מארטאָוו'ס, ווי אויך טיילווייז פון די מעמואַרען, וואָס אייניגע באָלשעוויסטישע טוער פון יענער צייט האָבען פארעפענטליכט נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין די פארשיידענע סאָוועטישע צייט־שריפטען און ביכער.

נאָך פאר דער רעוואָלוציע האָט מען געוואוסט, אַז מאקסים גאָרקי, וועלכער האָט שטענדיג סימפאטיזירט מיט די באָלשעוויקעס, האָט געשטיצט לענינ'ען מיט גרויסע סומען געלט. א צווייטער רוסישער שריפטשטעלער, גארין־מיכאַילאָווסקי, איינער פון די רייכסטע אינזשענערען אין רוסלאנד, וועלכער האָט אויך סימפאטיזירט מיט די באָלשעוויקעס, האָט געשטיצט לענינ'ען מיט צעהנדליגע טויזענטער רובעל.

מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען דער באָלשעוויסטישער קאָמי־

*) Л. Мартов. Упразднители и разрушители. Париж 1911 г. Стр. 18.

סאר קראסין איז געשטאָרבען, האָט מאַקסים גאָרקי דערצעהלט אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" ווי אַזוי ער איז צוזאַמען מיט קראַסינ'ען געגאַנגען צו דעם באַריהמטען מאָסקווער מיליאָנער סאַווא מאָראָזאָוו בעטען געלט פאַר די באָלשעוויקעס און ווי מאָראָזאָוו האָט פאַרשפּראָכען קראַסינ'ען אַ יעהרליכע סובסידיע פון טויזענטער רובעל און מאָראָזאָוו האָט זיין וואָרט געהאַלטען.

דאָס איז געווען נאָר איין מיטעל צו קריגען געלט. אַ צוויי־טער מיטעל איז געווען דורך די שוין אויבענדערמאָנטע עקספּראָ־פּריאַציעס. די גרעסטע עקספּראָפּריאַציע, וואָס די באָלשעווים־טישע „באָיעוויקעס" האָבען דורכגעפיהרט, איז געווען די טיפליסער. די דאָזיגע עקספּראָפּריאַציע איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון דעם חבר „קאָבאַ", וועמעס אמת'ער נאָמען איז יאָסיף דזשוגאַשווילי און וועלכער איז איצט אונטער דעם נאָמען סטאַלין באַקאַנט איבער דער גאַנצער וועלט אַלס דער אַלמעכטיגער דיקטאַטאָר פון גאַנץ רוסלאַנד.

אָט וואָס די באָלשעוויקעס אַליין דערצעהלען אין זייערע מעמוארען, ווי אַזוי עס איז דורכגעפיהרט געוואָרען די עקספּראָפּ־ריאַציע אין טיפליס:

דאָס איז געווען אין יולי, אין יאָהר 1907. אַרום האַלב נאָך צעהן אַזייגער אין דער פריה איז פון פעטערבורג אָנגעקומען מיט דער פּאָסט אַ גרויסע סומע געלט, אַדרעסירט צום קאַסירער פון דער טיפליסער אָפּטיילונג פון דער רעגירונגס־באַנק, קוררויומאָוו, און צום בוכהאַלטער גאַלאָווניאַ. די סומע האָט באַטראָפען 250 טויזענט רובעל.

די צוויי בעאַמטע פון דער רעגירונגס־באַנק אין טיפליס האָבען די סומע פון דער פּאָסט אַוועקגעפיהרט אין באַנק אין אַ קעב. פון הינטען איז נאָכגעפאָהרען נאָך אַ קעב מיט צוויי באַוואַפענטע שיסער. ביידע קעבס זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ וואַך פון קאָזאַקען. אין רעכטען מיטען שטאָדט, ווען די פּאָדערשטע קאָזאַקען פון דער וואַך האָבען זיך פאַרקירעוועט פון איין גאַס אויף אַ צווייטער. איז פון אַ דאַך פון אַ הויז

אראָפּגעשליידערט געוואָרען א באָמבע מיט אזא שרעקליכען קראַך, אז אויף א מייל ארום זיינען אלע שויבען צושמעטערט געוואָרען. כמעט אין דער זעלבער צייט האָט מען פון די טראָטוארען געשליי־דערט אין די קאָזאַקען נאָך עטליכע באָמבעס, און עפּעס פאַרביי־געהער האָבען פּלוצלונג גענומען שיסען אויף די קאָזאַקען פון רעוואָלווערען. דער סקווער איז געווען פול מיט מענשען. עס איז געוואָרען א שרעקליכער געדראַנג, א געלאַף, מענשען זיינען געווארען משוגע פאַר שרעק. וואס פון דער סומע געלט איז גע־וואָרען האָט קיינער פון די עדות ניט געקאָנט זאָגען ביי דער אויספאָרשונג. די ערשטע באָמבע האָט ארויסגעשליידערט פון קעב דעם קאַסירער מיט דעם בוכהאַלטער. דער קעב איז ווי דורך עפּעס א נס געבליבען גאַנץ, און די פערד האָבען זיך ווילד געטראָגען מיט איהם. אויפ'ן אנדערען עק פון סקווער האָט עפּעס א הויכער פאַרבייגעהער זיך א וואָרף געטאָן אנטקעגען די פערד און האָט אונטער זייערע פיס א שליידער געטאָן א באָמבע. ווידער האָט זיך דערהערט א באַטויבענדער אויפרייס, און אלץ איז פאַרשוואונ־דען אין א וואָלקען פון רויך.

איינער פון די עדות האָט אָבער באַמערקט, ווי א מענש אין אן אָפיצערישען יוניפאָרם, וואָס איז דעמאָלט פאַרבייגעפאָהרען אין א דראָשקע, איז אראָפּגעשפרונגען, האָט זיך א וואָרף געטאָן צום צובראָכענעם קעב, וואָס האָט זיך געדרויכערט, האָט עפּעס פון דאָרטען א כאַפּ געטאָן און איז אנטלאָפען, שיסענדיג אין אלע זייטען פון א רעוואָלווער.

דאָס איז געווען די באַריהמטסטע עקספּראָפּריאַציע אין דער געשיכטע. עס זיינען געווען 50 דער'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע.

איצט ווייסען מיר, אז די באָלשעוויקעס האָבען פון דער הויפּט־שטאָדט נאָכגעשפּיאָנירט דעם געלט־טראַנספּאָרט. אין טיפליס ביי דער פּאָסט האָבען דעם קאַסירער נאָכגעשפּיאָנירט צוויי פרויען: פּאַזיאַ גאָלדאָווא און אניטא סולאַמידזע. זיי האָבען דאָס גע־געבען דעם סיגנאַל די עקספּראָפּריאַטאָרען, וועלכע האָבען געוואַרט אין א רעסטאָראַן.

דער מענש, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ווי אן אָפיצער, איז

געווען דער באריהמטער טער־פעטראסיאן, סטאלינ׳ס תלמיד אין ארויסהעלפער, וועלכער האט געהאט א צונאמען „קאמא״.

די גרויסע סומע געלט, וואס מען האט פארכאפט אין טיפליס, האט מען שפעטער טאקע אוועקגעפיהרט צו לענינ׳ען פאר פארטיי־צוועקען. ניט סטאלין און ניט קאמא האבען די עקספראפריאציעס ניט אויסגענוצט פאר זיך פערזענליך, און אין דעם זיינען זיי געווען גארניט ווי א סך אנדערע עקספראפריאטארען.

שפעטער האט מען אין בערלין דערקענט די 500־רובעלדיגע אסיגנאציעס. דער איצטיגער סאוועטישער דיפלאמאט, ליטוויר־נאוו, איז געכאפט געווארען אויסבייטענדיג יענע אסיגנאציעס, אין א בערלינער באנק און מען האט איהם ארעסטירט.

אין א ביכעל מיט׳ן נאמען „די העלדען פון דער רעוואלוציע״, וואס איז ערשינען אין סאוועט־רוסלאנד אין יאהר 1925, שרייבט ס. מעדוועדיעווא־טער־פעטראסיאן אט וואס: „פארקליידט אלס אפיצער, איז קאמא געקומען צופאהרען צו לענינ׳ען אין פינלאנד, און מיט געוועהר און אויפרייס־שטאפען איז ער אוועקגעפאהרען אויף קאווקאז״.

אין דעם זעלבען ביכעל ווערט ווייטער דערצעהלט, אז אין גיבען האט קאמא געמוזט אנטלויפען פון קאווקאז. ער איז אוועק קיין בערלין. דארטען האט ער זיך פארנומען מיט א נייעם גע־וואגטען פלאן. ער האט באשלאסען צו קומען אהיים צום באנקיר מענדעלסאן כדי איהם צו דער׳הרג׳ענען און בארויבען. עס פאר־שטעהט זיך, אז דאס האט געזאלט געטאן ווערען נאר פאר דער באלשעוויסטישער פארטיי.

אבער די פרייסישע פאליציי האט זיך באלד פאראינטערעסירט מיט דעם קאווקאזער גאסט, ווי נאר ער איז אנגעקומען אין דער דייטשער הויפט־שטאדט. מען האט געמאכט ביי איהם א הויז־זוכונג און מען האט ביי איהם געפונען א טשעמאדאן מיט באמ־בעס. דורך זיין אדוואקאט האט קראסין, וועלכער איז דאן געווען א מיטגליד פון באלשעוויסטישען צענטראל־קאמיטעט און לענינ׳ס נאהענטסטער מענש, איהם איבערגעשיקט א צעטעלע, אין וועלכען ער האט איהם געראטען צו פארשטעלען זיך פאר א ווילדען משוגע־

נעם. און קאמאָ האָט זיך געמאַכט ווילד און משוגע גאַנצע פיר יאָהר!

ענדליך האָבען די דייטשע באַאַמטע דעם משוגענעם ארויס־געגעבען צו דער רוסישער רעגירונג. די טיפליסער דאָקטוירים האָבען ערקלערט, אַז קאמאָ איז גייסטיג־קראַנק, און מען האָט איהם אריינגעזעצט אין אַ משוגעים־הויז. פון דאָרטען איז קאמאָ אַנט־לאָפען קיין פאַריז צו לענינ'ען.

„אין עטליכע מאָנאַטען ארום, — ווערט דערצעהלט אין דעם ביכעל „די העלדען פון דער רעוואָלוציע", — איז קאמאָ, מיט דער צושטימונג פון וולאַדימיר איליטש (לענין), אָפגעפאָהרען קיין רוס־לאַנד, כדי צו קריגען געלט פאַר דער פאַרטיי". דאָס מאָל האָט מען געפּלאַנט צו „קריגען געלט פאַר דער פאַרטיי" אויפ'ן קאַדזשאָ־רער שאָסיי, איבער וועלכען מען האָט דורכגעפירט די פּאָסט. די קאַדזשאָרער אונטערנעמונג איז געווען ניט אַזוי „נאַס", ווי די טיפליסער. די עקספּראָפּריאַטאָרען האָבען דער'הרג'עט איינגאַנצען זיבען מענשען. אָבער קאמאָ אַליין איז דערביי אריינגעפאַלען. די קאָזאַקען האָבען איהם געכאַפּט, און אַ קריגס־געריכט האָט איהם פאַראורטיילט צום טויט.

דער פּראָקוראָר פון געריכט, גאַליצינסקי, האָט דערפיהלט עפּעס אַ רחמנות צו דיזען פינסטערען פאַנאַטיקער. עס האָט אַנב דאַן געזאָלט פאָרקומען דער 300־יאָהריגער יובילעי פון דער ראָ־מאַנאָוו־דינאַסטיע. גאַליצינסקי האָט פאַרצויגען די הינריכטונג ביז צום צאַר'ס מאַניפעסט און דער אַמנעסטיע. קאמאָ'ס אורטייל איז פאַרביטען געוואָרען אויף 20 יאָהר קאַטאָרגע.*)

מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם האָט די בערלינער פּאָליציי אַנטדעקט אַ סקלאַד פון געוועהר און פון פּאַפּיר מיט אַ „וואַסער־צייכען" אויף צו דרוקען פאַלשע דריי־רובעלדיגע אַסיגנאַציעס. אין פאַרבינדונג מיט דעם זיינען אַרעסטירט געוואָרען אַ רייהע אָנגע־

*) נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט קאמאָ געאַר־בייט אין דער „טשעקאַ". ער איז צופעליג דער'הרג'עט געוואָרען אין טיפליס פון אַן אויטאָמאָביל.

זעהענע באָלשעוויקעס. ווי מארטאָוו האָט דערצעהלט אין דער שוין פריהער ציטירטער בראָשורע פון יאָהר 1911 און מיט יאָהרען שפּעטער אין אַן ארטיקעל אין „סאָציאַליסטיטשעסקי וויעסטניק" *) איז די זאַך פאָרגעקומען אזוי:

„לענין האָט דורך קראַסינ'ען געפּרואווט איינאָרדנען אין פּע־טערבורג אַ דרוקעריי פון פאַלשע פּאַפּיר־געלט, מיט דער הילף פון רעגירונגס־אַנגעשטעלטע, וואס האָבען געארבייט אין די געלט־דרו־קערייען. אין דער לעצטער מינוט אָבער האָבען זיך די רעגירונגס־בעאמטע אנטזאגט. לענין האָט דאַן איבערגעטראגען די אונטערנע־מונג אין אויסלאַנד און האָט די ארבייט אַנגעטרויט קראַסינ'ען. קיינער האָט וועגען דער געהיימער אונטערנעמונג גאָרנִיט געוואוסט. אָבער אין דיזער אונטערנעמונג איז קראַסין געווען ניט פּאַסיג. גענוג פאַר זיין ארבייט. די בערלינער געהיים־פּאָליציי האָט באלד אויפגעדעקט דעם גאַנצען פּלאַן, און עס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע סענסאַציע".

די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטען זיינען געווען זעהר שטארק אויפגעבראכט אויף די באָלשעוויקעס, ווייל די פּאַפּיר איז געווען געשיקט פון דער פאַבריק אויפ'ן נאָמען פון בערלינער „פאָרווערטס". די אַדמיניסטראַציע פון „פאָרווערטס" האָט, נאַטירליך, ניט געוואוסט, אַז דאָס איז פּאַפּיער אויף צו דרוקען פאַלשע געלט. אויך די מענשעוויקעס זיינען געווען שרעקליך אויפגעבראַכט פון דער געשיכטע. מארטאָוו האָט אין אַ בריעף צו אַקסעלראָד'ען געשריבען: „וויבאַלד אזוי, טאָ ווי קען מען זיין מיט די באָלשעוויקעס אין איין פּארטיי?" אויך פיעלע אַנגעזעהענע באָלשעוויקעס, וואָס האָבען ניט געוואוסט פון דעם גאַנצען פּלאַן, זיינען געווען עמפּערט און זיי האָבען פאַרלאַנגט אַז אַ גרינדליכע אונטערזוכונג זאָל געמאכט ווערען וועגען דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט. די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּארטיי האָבען באַשטימט טשיטשערינ'ען, וועלכער איז

*) “Социалистический Вестник” № 16, 1922 г.

דעמאָלט ניט געווען קיין באָלשעוויק, צו מאַכען די דאָזיגע אונטערזוכונג. לעניןָ איז געווען זיכער, אַז אַלץ איז פאַר־גלעט געוואָרען, און מען וועט גאָרניט אויסגעפינען. אָבער טשיטשערין האָט באַקומען די פאָטאָגראַפישע בילדער פון די אָנגע־זעהענע באָלשעוויקעס, און איז מיט זיי אַוועק צום דייטש, ביי וועמען מען האָט געהאַט באַשטעלט די פּאַפּיר אויף נאָכצומאַכען פּאַפּיר־געלט. און ווען מען האָט דעם פאַבריקאַנט געצייגט קראַסינ׳ס פאָטאָגראַפיע, האָט יענער באַלד דערקענט דעם מאַן וואָס איז צו איהם געקומען באַשטעלען די פּאַפּיר... ווען טשי־טשערינ׳ס אויספאָרשונג איז פאַרגאַנגען אַזוי ווייט, ביז אַזעלכע „איינצעלהייטען", האָט לענין זיך אַ כאַפּ געטהאָן און האָט אין צענטראַל קאָמיטעט, וואו ער האָט געהאַט אַ מעהרהייט, דורכגעפיהרט אַ באַשלוס, אַז מען זאָל איבערגעבען די אויס־פאָרשונג פון דער זאַך צו דער אויסלענדישער ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט. דאָרטען, פאַרשטעהט זיך, זיינען שוין באַגראָבען געוואָרען אַלע מאַטעריאַלען, וואָס טשיטשערין האָט אויסגעפונען.

אויף לענינ׳ס פאָדערונג האָט די באָלשעוויסטישע מאַיאָ־ריטעט פון צענטראַל קאָמיטעט אויך דורכגעפירט אַ באַשלוס אַריינצונעהמען צוריק אין דער פּאַרטיי סטאַלינ׳ען און די אַנדערע קאַווקאַזער „באַיעוויקעס", וועלכע זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פאַר באַטייליגען זיך אין דער עקספּראָפּריאַציע און אָנקלאָגען מאַרטאָוו׳ען פאַר אַ פּאַרטיי־געריכט דערפאַר, וואָס ער איז אויפגעטראָטען אַלס עדות געגען די אָנגעקלאָגטע באָלשעוויקעס פאַר דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי.*)

אַ גרויסען שטורם אין דער פּאַרטיי האָט אין יענער צייט אַרויסגערופען די „אַפּערע פון חבר וויקטאָר".

„אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט, שרייבט מאַרטאָוו אין זיין שוין פיל מאָל ציטירטער בראָשורע פון יאָהר 1911,

*) Л. Мартов. Спасители или упразднители? Париж, 1911 г. Стр. 23.

זיינען צווישען די מיטגלידער פון דער באָלשע־וויסטישער פראַקציע אַרומגעגאַנגען קלאַנגען וועגען דעם, אַז חבר וויקטאָר איז פּאָליטיש זעהר פאַרדעכטיגט. מען האָט גערעדט וועגען איהם ווי וועגען „אַ סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישען אזעף" (באריהמטער פּראָוואָקאַטאָר פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען), וועלכער שטעהט אויף דער שפּיץ פון „באָלשעוויסטישען צענטער" און פון צענטראַל־קאָמיטעט.

„ווען וויקטאָר האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער געפאָדערט פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַז מען זאָל איהם משפּט'ן. אַזוי שנעל ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָנגעפאַנגען צו אונטערזוכען די זאַך, האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז אין פאַרלויף פון דריי יאָהר צייט זיינען אין די באָלשע־וויסטישע קרייזען אַרומגעגאַנגען זעהר ניט קיין גינסטיגע קלאַנגען וועגען חבר וויקטאָר'ען און אַז זיינע נאָ־הענטסטע חברים האָבען ניט געמאַכט קיין פאַרזוך אויף דעם געוויינליכען פּאַרטיי־וועג צו אונטערזוכען גרינדליך אויף ווי וויים די קלאַנגען זיינען ריכטיג דערפאַר, וואָס די אַלע „אונ־טערנעהמונגען", אין וועלכע וויקטאָר האָט זיך באַטייליגט און צוליב וועלכע עס זיינען אַרויסגעקומען אָט די אַלע קלאַנגען, זיינען געווען „פאַרקאָנספּירירט" פון דער פּאַרטיי, ד. ה., אַז אויסער עטליכע באָלשעוויסטישע פיהרער האָט קיינער פון זיי ניט געוואוסט.

„אין יאָהר 1907 איז געגען וויקטאָר'ן אַרויסגעטראָטען מיט אַן אָפענער באַשולדיגונג איינער פון די דאַמאָלסדיגע באָלשע־וויסטישע פיהרער*) אין דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דער באָל־שעוויסטישער פראַקציע „פּראָלעטאַרי", וועלכער האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אין רוסלאַנד. די רעזולטאַטען פון דער אונטערזוכונג

*) דער עקאָנאָמיסט און פילאָסאָף א. א. באָגדאנאָוו, וועלכער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1927 אַלס אַ געגנער פון די באָל־שעוויקעס.—ד. ש.

זיינען קיינמאָל ניט פאַרעפענטליכט געוואָרען,*) און ניט קאָר־ קענדיג אויף דעם, וואָס וויקטאָר איז אויף אַ ריכטיגען אופן ניט ריינגעוואַשען געוואָרען, האָבען די באָלשעוויקעס זיך באַנוצט מיט׳ן פאָרמעלען רעכט, וואָס יעדע פראַקציע האָט באַקומען אויפ׳ן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר און האָבען איהם באַשטימט פאַר אַ מיטגליעד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און פאַר׳ן פיהרער פון דער אויסלענדישער ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט, און אין דער זעלבער צייט אויך פאַר׳ן פינאַנץ־אַגענט פון זייער „באָלשעוויסטישען צענטער״.

אַלס פינאַנץ־אַגענט פון „באָלשעוויסטישען צענטער״ האָט חבר וויקטאָר אַרויסגעוויזען גאָר מערקווירדיגע פעהיגקייטען. אָט וואָס מאַרטאָוו דערצעהלט ווייטער וועגען דעם:

„אַ געוויסע פערזאָן האָט באַקומען אַ באַדייטענדע סומע געלט**) פון אַ רייכען מאָסקווער סוחר, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און האָט דאָס געלט איבערגעלאָזען פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. איז צווישען אָט דעם פערזאָן און די באָלשעוויסטישע פיהרער ענטשטאַנען אַ סכסוך: וועמען דאַרף מען אָוועקגעבען די געלד. די באָלשעוויסטישע לידערס, מערקט אייך, אַלע אַליין מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט, באַשטעהען אויף דעם, אַז דאָס געלט זאָל געהן פאַר׳ן „באָלשע־וויסטישען צענטער״ (ניט פאַר דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַראייניגטער פאַרטיי). די דערמאָנטע פערזאָן אָבער האַלט, אַז דאָס געלט געהערט דעם צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער איז

---

*) נאָכדעם ווי מאַרטאָוו׳ס בראָשורע איז אַרויס, האָט קאָמעניעוו, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען איינער פון לענינ׳ס הויפּט־ליוטע־נאַנטען, אַרויסגעלאָזען אין פּאַריז אַ בראָשורע אונטער׳ן נאָמען „צוויי פּאַרטייען״, און אין דער בראָשורע האָט ער פאַרעפענטליכט די פּאַר־קירצטע פּראָטאָקאָלען פון דעם „משפּט איבער דעם חבר וויקטאָר״. די ריכטער האָבען געפונען, אַז די קלאַגען וועגען וויקטאָר׳ס פּראָוואָקאַציע זיינען ניט באַגרינדעט.—ד. ש.

**) דאכט זיך הונדערט טויזענט רובעל.—ד. ש.

דער איינציגער געזעצליכער פּאַרטיי־צענטער. עס קומט פאַר אַ באַראַטונג פון די פאָרשטעהער פון „באָלשעוויסטישען צענטער" (אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט) מיט יענער פערזאָן און זיינע באַפּאָלמעכטיגטע. אויף דיזער באַראַטונג באַקלאָגט זיך דער פערזאָן, אַז דער פאָרשטעהער פון „באָלשעוויסטישען צענטער", וויקטאָר, האָט דורך אונדערלאָזבאַרע ס ט ר אַ ש ו נ ק ע ס געזוכט אַרויסצוקריגען ביי איהם דאָס געלט פאַר'ן „באָלשעוויסטישען צענטער". די באַראַטונג באַשליסט אָפּצולייגען די פראַגע וועמען איבערצוגעבען דאָס געלט, ביז וואַנען מען וועט פאַרענדיגען אַלע אָפּעראַציעס פון רעאַליזירען דאָס גאַנצע אייגענטום. דעם פערזאָן פאַרשפּרעכען די פירער פון באָלשעוויסטישען צענטער אויסצופאָרשען וויקטאָר'ס האַנדלונגען.*)

די פאַרטרעטער פון די מענשעוויקעס און פון „בונד" אין צענטראַל־קאָמיטעט האָבען נאַטירליך פון דער גאַנצער געשיכטע ניט געוואוסט. צופעליג האָבען זיי זיך וועגען דעם דערוואוסט אין אַ צייט אַרום. זיי האָבען געמאַכט וועגען דעם אַן אינ־טערפּעלאַציע אין צענטראַל קאָמיטעט, האָבען די באָלשעוויקעס געענטפערט, אַז כל זמן דאָס געלט איז נאָך ניט רעאַליזירט געוואָרען, טאָר זיך, צוליב „קאָנספּיראַציע", קיינער ניט מישען אין דעם ענין. אין אַ יאָהר אַרום האָט אַ מיטגליד פון דער ב אָ ל ש ע וו י ס ט י ש ע ר פראַקציע אָנגעגעבען אַ קלאַגע אין צענטראַל קאָמיטעט, אַז וויקטאָר האָט שוין אַרויסבאַקומען אַ גרויסע סומע געלט פון דער ירושה פאַר'ן „באָלשעוויסטישען צענטער" און אַז ביים צוטיילען די ירושה צווישען דער פּאַרטיי און די דירעקטע יורשים פון דעם פאַרשטאָרבענעם, האָבען וויקטאָר און אַנדערע מיטגלידער פון „באָלשעוויסטישען צענטער" געסטראַשעט די יורשים מיט אָנשיקען אויף זיי די קאַווקאַזער „באָיעוויקעס", אויב זיי וועלען ניט אָפּגעבען וויקטאָר'ען די סומע וועלכע ער האָט געפאָדערט.

---

*) Л. Мартов. Спасители или упразднители? Париж, 1911 г. стр. 21.

וועגען דעם ווערט דערצעהלט אין מארטאָוו'ס בראָשורע, ווי אויך אין מארטאָוו'ס בריעף, וואס זיינען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק ארויס אין בערלין. אין דעם בריעף צו אַקסעלראָד'ען, אין יאָהר 1908, שרייבט מארטאָוו אזוי: „דיזער וויקטאָר האָט אונטער'ן שוץ פון לעניג'ען מיט אַלערליי שווינדלערייען ארויס־גֶעקראָגען פון מענשען געלט פאר די באָלשעוויקעס, און דערביי פלעגט ער סטראשען, אז ער וועט „אָראָפּברענגען די קאווקאזער באָיעוויקעס (שלעגער, „שטארקע")."*

אין די יאָהרען 1906—1907, דערצעהלט וויטער מארטאָוו, האָט אויף אורא̇ל אָפּערירט אַ חברה באנדיטען, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט איבער גאַנץ רוסלאַנד אונטער דעם נאָמען „לבאָווצעס" (זייער הויפּט־אַטאַמאַן איז געווען אַ באנדיט מיט'ן נאָמען לבאָוו). אין יאָהר 1907 האָט די אָרגאַניזאציע פון די לבאָווצעס געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט דער „מיליטעריש־טעכנישער ביוראָ" ביים צענטראַל קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבייטער פּארטיי, וועלכע איז באשטאַנען פון ב אָ ל ש ע ו ו י ק ע ס, וועגען צושטעלען זיי פאר עטליכע טויזענט רובעל געוועהר. די לבאָווצעס האָבען דאָס געלט איינגע־צאָהלט. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי האָט, נאַ־טירליך, וועגען דעם ניט געוואוסט, אָבוואָהל דער אָפּמאַך איז געווען אָנגעשריבען אויפ'ן אָפּיציעלען בלאַנק פון צענטראַל־קאָמיטעט. דער „באָלשעוויסטישער צענטער" האָט דאָס געלט צוגענומען, אָבער קיין געוועהר האָט ער די „לבאָווצעס" ניט צוגעשטעלט. דערוואוסט האָט מען זיך פון דער גאַנצער געשיכ־

---

*) ווי דער בארימטער רעוואָלוציאָנער, ל ע ו ו ד ײ ט ש, וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט אין יאָהר 1912 דערצעהלט דעם שרייבער פון דיזע שורות, האָט וויקטאָר כלומרשט תתונת געהאַט מיט איינער פון די יורש'טעס פון דעם מיליאָנער, האָט צוגענומען ביי איהר דעם גאַנצען פאַרמעגען און האָט איהר אַליין פארשפּארט אין אַ משוגעים הויז. אַן אַנצוהערעניש אויף דעם געפינען מיר אויך אין וולאַדימיר וואָיטינסקי'ס ערינערונגען, וועלכע ווערען ציטירט שפּעטער.

טע אויף דעם פאלגענדען אופן. איינער פון די „לבאוצעס“, א געוויסער „סאשא“, וועמען עס איז געלונגען צו ראטעווען זיך פון דער תליה אין רוסלאנד און אנטלויפען קיין פאריז, האט אין פאריז ארויסגעלאזען א פראקלאמאציע, באשולדיגענדיג דעם „באלשעוויסטישען צענטער“ אין צונעמען געלט, וואס געהערט די לבאוצעס. לענינ׳ס צייטונג „פראלעטארי“ האט ענטשידען ערקלעהרט, אז אין סאשא׳ס באהויפטונגען איז ניטא קיין איין ווארט אמת. האט סאשא דעמאלט געבראכט א קלאגע געגען די באלשעוויקעס צום צענטראל־קאמיטעט פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי. נאך אן אונטערזוכונג פון די אלע דאקומענטען, און נאכדעם ווי מען האט אויסגעפרעגט די מיט־גלידער פון „באלשעוויסטישען צענטער“, האט זיך ארויסגעצייגט, אז דער „פראלעטארי“ האט געזאגט א ליגען און אז „סאשא׳ס“ טענות זיינען געווען גערעכטע.*)

אין יאהר 1908 האבען די זשענעווער באלשעוויקעס באשולדיגט זייערען א חבר, א געוויסען ג ע ר צ י ק, אין פראוואקאציע. אן אלגעמיינער פארטיי־געריכט, וואס איז באשטימט געווארען פון אלע גרופען, האט געפונען, אז עס זיינען ניטא קיין באווייזען, אז גערציק איז א פראוואקאטאר, אבער, לויט זיינע מאראלישע אייגענשאפטען, קען ער ניט זיין קיין מיטגליד פון א רעוואלוציאנערער פארטיי.

אויף מארגען האט דער „באלשעוויסטישער אידעען־קרייזעל“ פארעפענטליכט אן אייגענעם באשלוס, אז גערציק איז יע א פראוואקאטאר. גערציק האט פראטעסטירט געגען דעם, וואס א פאר מענשען האבען זיך גענומען דאס רעכט מבטל צו זיין אן אורטייל פון א קאמפעטענטען פארטיי־געריכט. ער האט זיך מיט זיין פראטעסט געווענדעט צו לענינ׳ען און, ווי לענין האט באהויפטעט, האט גערציק איהם געסטראשעט, אז אויב די באל־שעוויקעס וועלען ניט צוריקרופען זייער פראקלאמאציע, וועט ער זיין געצוואונגען, אום צו איבערצייגען זיין אונשולד, צו דער־

*) Л. Мартов. Там-же. Стр. 27-28.

צעהלען דער פּאַרטיי דעם גאַנצען אמת וועגען דער טיפליסער עקספּראָפּריאַציע. די אויסלענדישע ביוראָ פון צענטראַל קאָמי־טעט האָט דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַן ערקלעהרונג, אין וועלכער זי האָט געוואָרענט די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי פון דעם „פּראָוואָקאַטאָר״ גערציק. גערציק האָט דאַן זיך געווענדעט מיט אַ קלאַגע צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ. אויך וולאַדימיר בורצעוו איז אַרויס מיט אַן ערקלערונג, אַז עס זיינען אַבסאָלוט ניטאָ קיינע פאַקטען, וואָס זאָלען באַ־שטעטיגען אַז גערציק איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. אויף דער זיצונג פון פאַראייניגטען צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז דער דאָקומענט פון דער אויסלענדישער ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט, אין וועל־כען גערציק איז ערקלערט געוואָרען פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר, איז געוועזן אַ פ אַ ל ש ע ר. לענין אַליין האָט צוגעגעבען, אַז דעם דאָקומענט האָט אַרויסגעגעבען וויקטאָר לויט זיין, לענינ׳ס, אָנ־ווייזונג, ווייל ער באַטראַכט גערציק׳ס האַנדלונג פאַר אַ „פאַרזוך פון שאַנטאַזש״ און ער האָט דעריבער פאָרגעלייגט וויקטאָר׳ען צו פּאַראַליזירען זיין טעטיגקייט.

מאַרטאָוו פאַרענדיגט זיין אָנקלאַגע געגען דעם „באָלשע־וויסטישען צענטער״ מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„נאָך דעם אַלעם וואָס איך האָב דאָ דערצעהלט, בלייבט מיר בלויז צו אינפאָרמירען די ניט־אינפאָרמירטע לעזער, אַז

1) נאַכדעם ווי די אַלע שעהנע מעשים זיינען אויפגעדעקט געוואָרען, איז לענין ניט פאַרברענט געוואָרען פאַר שאַנדע;

2) אַז ער האָט ניט געפאָדערט פון צענטראַל־קאָמיטעט צו באַשטימען אַן אומפּאַרטייאישען געריכט, וואָס זאָל פעסטשטעלען אויף וויפיל ער פערזענליך האָט געזינדיגט געגען דער פּאַרטיי;

3) אַז אָט דער נ. לענין, וועגען וועלכען עס רעדט זיך דאָ די גאַנצע צייט, איז דאָס דערזעלבער לענין, וועלכער שטעהט עס איצט אויף דער וואַך פון דער פּאַרטיי און באַשולדיגט אונז, מענשעוויקעס, אַז מיר זיינען „רענעגאַטען״ און „פאַררעטער״.

איך האַלט פאַר נויטיג דאָ נאָך אַמאָל צו באַטאָנען, אַז די

בראשורע ווענען די אלע קרימינעלע פארברעכענס פון דעם „באלשעוויסטישען צענטער“ האט מארטאוו פארעפענטליכט אין יאהר 1911, מיט זעקס יאהר פאר דער רעוואלוציע, ווען לענין איז פארמעל נאך געווען אין איין פארטיי מיט מארטאוו'ען, ווען די באלשעוויקעס זיינען נאך געווען מיטגלידער פון דער זעלבער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, און קיינעם האט זיך נאך ניט געחלומ'ט, אז זיי וועלען אמאל ווערען די הערשער פון רוסלאנד. די אלע פאקטען, וואס מארטאוו ברענגט אין דער בראשורע, זיינען קיינמאל ניט אפגעלייקענט געווארען פון די באלשעוויקעס. לענין אליין האט ביז'ן טויט באצויגען זיך מיט גרויס רעספעקט און זאגאר מיט ליבע צו מארטאוו'ען, טראצדעם, וואס אין זיינע צייטונגען האט מען כסדר געשריבען, אז מארטאוו איז א „רענעגאט“ און א „פאררעטער“. אין זיין בוך „וועגען לענינ'ען“ דערצעהלט טראצקי, אז אפילו נאך דער רעוואלוציע פון 1917 (אין מאי מאנאט) האט לענין נאך אלץ געהאפט צו ארבייטען צוזאמען מיט מארטאוו'ען און די אנדערע מענ־שעוויקעס־אינטערנאציאנאליסטען.*)

און מאקסים גארקי דערצעהלט אין זיינע ערינערונגען וועגען לענינ'ען, אז אין יאהר 1919, ווען לענין איז שוין געווען צוויי יאהר אין מאכט און ווען די מעהרסטע חברים מארטאוו'ס זיינען שוין אויף לענינ'ס באפעהל ארייננעזעצט געווארען אין די טורמעס, האט לענין איהם איינמאל געזאגט:

— סארא פארדרוס, וואס מארטאוו איז ניט מיט אונז. איהר ווייסט גאר ניט וואס פאר א חכם ער איז און וואס פאר א וואונדערבארער חבר!....

דער באוואוסטער סאציאל־דעמאקראט וולאדימיר וואיטינסקי, וועלכער איז ביז דער רעוואלוציע פון יאהר 1917 געווען אן אנגעזעהענער טוער פון דער באלשעוויסטי־שער פארטיי און איז א געוויסע צייט געווען נאהענט צו לענינ'ען

*) Л. Троцкий. О Ленине. Москва, Госуд. Издат., 1925 г., стр. 52.

דערצעהלט אין זיינע מעמוארען, אז לענין פלעגט נאך אין יענע יאהרען (1905—1908) כסדר אריינ'טענה'ן מיט זיינע חברים, אז אן אמת'ער רעוואלוציאנער דארף פון זיך ארונטערוואַרפען אלע „ליבעראלע אבערגלויבענס".

ער ברענגט די פאלגענדע כאראקטעריסטישע ווערטער, וואס ער האט ניט איינמאל געהערט פון לענינ'ען:

„א רעוואלוציע איז א שווערער ענין. א רעוואלוציע קען מען ניט מאכען מיט הענדשקעס, מיט ווייסינקע הענטלאך"... אדער:

„א פארטיי איז ניט קיין פאנסיאן פאר גאטספארכטיגע מוידען. פארטיי־טוער טאר מען ניט מעסטען מיט דער שמאָלינקער מאס פון קליינבירגערליכער מאראל. אמאל איז א לומפּ אין אונזער פארטיי טאקע מיט דעם נוצליך פאר אונז, וואס ער איז א לומפּ".

„ווען מען פלעגט אין לענינ'ס אנוועזענהייט, שרייבט וואַטינסקי, אנפאנגען רעדען, אז דער אדער יענער באלשעוויק פיהרט זיך אויף זעהר מיאוס, פלעגט לענין איראניש באמערקען:

— עס מאכט ניט אויס. מיר פיהרען א גרויסע באלעבאַטישקייט, און אין א גרויסער באלעבאטישקייט קומט יעדע שמאטע צוניץ....

„ראזשקאוו*) האט מיר דערצעהלט, אז איינמאל האט ער אנגעצייגט לענינ'ען אויף דער שענדליכער אויפפיהרונג פון איינעם א מאסקווער באלשעוויק, וועלכען מ'האט כאראקטעריזירט אלס א געפערליכען אויסוואורף. לענין האט אויף דעם געענטפערט מיט א געלעכטער:

— דערמיט איז ער טאקע ניצליך פאר אונז, וואס ער שטעלט זיך פאר קיין זאך ניט אפּ. אט, א שטייגער, זאגט

---

*) פראפעסאר ניקאלאי ראזשקאוו, באוואוסטער היסטאריקער, וועלכער איז אין די יאהרען 1905—1910 געווען איינער פון די וויכטיגסטע פיהרער פון דער באלשעוויסטישער פארטיי. געשטארבען אין יאהר 1927 אלס א געגנער פון די באלשעוויקעס. — ד. ש.

מיר אָפענהערציג, וואָלט איהר געקענט פאַר געלט געהן לעבען מיט א מאָסקוועער סוחר'טע, אז זי זאָל אייך אויסהאַלטען? ניין, האַ? איך אַליין וואָלט עס אויך ניט געקענט פועלן ביי זיך. איך וואָלט ניט געקענט זיך בייקומען. אָבער וויקטאָר איז יע געגאַנגען, איז ער דעריבער אַן אויסערגעוועהנליך נוצליכער מענש, וואָס קיינער קען איהם ניט פאַרבייטען.

„לענין האָט ניט נאָר מוחל געווען זיינע חברים אַזוינע „שוואַכקייטען" ווי שיכרות, געשלעכטליכע צולאָזענקייט און קרימינעלע פאַרברעכענס, נאָר ער האָט אויף איינפאַכע קרימינעלע פאַרברעכער אויך געקוקט ווי אויף א רעוואָלוציאָנערען עלע־מענט".*)

וואָיטינסקי דערצעהלט אַגב, ווי אַזוי לענין האָט שוין אין יענע יאָהרען (1907) געקליבען זיך אָפצורעכענען מיט זיינע סאָציאַליסטישע געגנער.

„איך געדענק, שרייבט וואָיטינסקי, ווי איינמאָל, זיצענדיג ביי לענינ'ען אין צימער, אין קואָקאַלאַ (פינלאַנד), איז געקומען צו רייד וועגען ד א נ ' ע ן, וועלכער איז געווען דער פיהרער פון די מענשעוויקעס אין דעם פאַראייניגטען צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. איך האָב אין שפּאַס א פרעג געטהאָן ביי לענינ'ען:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, אויב די רעוואָלוציע וועט זיגען און איהר וועט זיצען אין דער צייטווייליגער רעגירונג, וועט איהר אַוועקשיקען ד א נ ' ע ן אויף דער גיליאָטינע?

לענין האָט לאַכענדיג געענטפערט:

— נו, אויף דער גיליאָטינע וועלען מיר איהם ניט שיקען, אָבער אין טורמע אריינזעצען איהם וועט אונז וואַרשיינליך אויסקומען."**)

ווי שוין אויבען געזאָגט, איז צום סוף פון יאָהר 1907

*) Вл. Войтинский. — Годы побед и поражений. Том II, стр. 102-103.

**) Там-же, стр. 105.

אויך פאר לענינ׳ען שוין קלאָהר געווארען, אז די רעוואָלוציע איז אינגאנצען באזיגט און אז עס נישטאָ מעהר וואָס צו ווארטען אויף א באוואפענטען אויפשטאנד. אין גאנצען לאנד איז אריינ־געטראָטען א מורא׳דיגע רעאקציע. די רעוואָלוציאָנערע פאר־טייען זיינען זיך צופאלען, די אינטעליגענץ האָט אינגאנצען פאר־לאָזען די רעוואָלוציאָנערע רייהען און די ארבייטער מאסען האָבען זיך געפיהלט ענטוישט און פארביטערט.

לענין איז אוועק צוריק אין אויסלאנד. ער האָט זיך באזעצט אין פאריז, וואו ער האָט זיך פארנומען מיט רעדאקטירען פארשידענע באָלשעוויסטישע אויסגאבען, אָבער הויפטזעכליך פלעגט ער פארברענגען זיין צייט אין דער פאריזער ביבליאָטעק. ווי זינאָוויעוו דערצעהלט, פלעגט לענין אָפזיצען 15 שטונדען א טאָג אין דער ביבליאָטעק.

פארשטעהט זיך, אז אין עמיגראציע האָט זיך לענין געפיהלט ווי א לייב אין א שטייג, ער האָט ניט געהאַט אויף וואָס צו פארשווענדען זיין ריזיגע אונערשעפליכע ענערגיע. די באָלשע־וויסטישע פראקציע, פון וועלכער לענין איז אין משך פון יאָהרען געוועזען דער אייזערנער דיקטאטאָר, איז זיך אויך אינגאנצען צופאלען. אפילו די וואָס זיינען פארבליבען באָלשעוויקעס, לויט זייערע טעאָרעטישע אנזיכטען, האָבען אויך אָנגעפאנגען רע־וואָלטירען געגען לענינ׳ען און זיין „צענטער".

אזוי האָבען זיך פון לענינ׳ס פראקציע אָפגעשפאָלטען די וויכטיגסטע באָלשעוויסטישע טעאָרעטיקער און פראקטישע טוער. עס האָבען איהם דאַן פארלאָזען אזוינע באָלשעוויסטישע גדולים ווי די איצטיגע קאָמיסארען לונאטשארסקי און פראָפ. פאָקראָווסקי, ווי אויך פראָפ. ראָזשקאָוו, וו. באזאראָוו, א. א. באָדאנאָוו, דער געוועזענער דעפוטאט פון דער צווייטער דומא, אלעקסינסקי אין פילע אנדערע, וואָס זיינען די גאנצע צייט געשטאנען מיט לענינ׳ען. די אָפגעשפאָלטענע האָבען באשולדיגט לענינ׳ען, אז ער רעכענט זיך ניט מיט דעם ווילען פון דער פראקציע, אז ער האָט אויף אַן אומגעזעצליכען אופן, מיט דער הילף פון א

פאַר פון זיינע אַדיוטאַנטען, פאַרכאַפּט די פּאַרטיי־קאַסע און די פּאַרטיי־פּרעסע און דערלאָזט קיינעם ניט אויסצודריקען אַ מיינונג, וואָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט זיינע מיינונגען.

ווי שוין דערמאָהנט, האָבען באָגדאַנאָוו, לונאַטשאַרסקי און אַנדערע אָנגעזעהענע באָלשעוויסטישע פיהרער, באַשולדיגט לענינ׳ס רעכטע האַנט, דעם „חבר וויקטאָר“, אין פּראָוואָקאַציע. לענין איז געשטאַנען שטאָהל און אייזען פאר איהם און האָט אין אָנפאַנג ניט געוואָלט דערלאָזען צו אַ משפּט איבער זיין פריינד. אָבער סוף כל סוף האָבען זיינע געגנער אויסגעפיהרט, אַז אַ פּאַרטיי־געריכט זאָל משפּט׳ען וויקטאָר׳ען. דער געריכט האָט גע׳פּסק׳נט, אַז הגם עס איז ניט באַוויזען געוואָרען אַז וויקטאָר איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, דאָך ווערט ער אויפגעפאָדערט צו באַזייטיגען זיך פון יעדער פּאַרטיי־ארבייט. מיט אַנדערע ווערטער, די פארטיי האָט איהם געגעבען דעם וועג.*)

די געשיכטע מיט די עקספּראָפּריאַציעס און דער סקאַנדאַל מיט וויקטאָר׳ען האָבען אינגאַנצען דיסקרעדיטירט לענינ׳ען מיט זיין „צענטער“. אַלע האָבען איהם פאַרלאָזען. ער איז פאַרבליבען ארומגערינגעלט בלויז פון דריי געטרייע פריינד, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו און דר. סעמאַשקא.

אַזוי האָט ער געלעבט כמעט איינזאַם און אַליין ביז דעם

---

*) נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז וויקטאַר, אונטער דעם נאָמען חבר טאַראַטוטאַ, ווידער געוואָרען אַן אָנגעזעהענער מענש ביי די באָלשעוויקעס. א געוויסע צייט איז ער געווען דער פארטרעטער פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל אין פראַנקרייך. דערנאָך איז ער גע־ווען איינער פון די העכסטע באַאמטע אין דעם העכסטען עקאָנאָמישען ראַטה פון דער סאָוועטען־רעגירונג. ער איז געשטאָרבען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק אין מאָסקווע. דער פאַקט, וואָס די קאָמוניסטישע פּרעסע, די „פּראַוודאַ“ און די „איזוועסטיאַ“, האָבען נאָך זיין טויט אַזוי וועניג גע־שריבען וועגען זיינע „גרויסע פארדינסטען פאר דער רעוואָלוציע און פאר׳ן פּראָלעטאַריאַט“, מאַכט צו דענקען, אַז וויקטאָר האָט טאַקע געמוזט זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַז די באָלשעוויקעס האָבען עס אויסגעפונען נאָך דער רעוואלוציע, נאָר זיי האָבען געמאכט וועגען דעם א שוויג, כדי ניט צו דיסקרעדיטירען זייער פּאַרטיי.

יאָהר 1912, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע אויפלעבונג אין רוסלאַנד. לענין האָט זיך דאַן באַזעצט אין קראָקוי, כדי צו קענען זיין נאָהענט פון רוסלאַנד און פון דאָרט אָנפיהרען די באָלשעוויסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט, צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אויפלעבונג אין לאַנד, ווידער אָנגעפאַנגען אויפצולעבען.

אכטער קאַפּיטעל.

די עפּאָכע פון דער לעגאַלער ארבייטער באַוועגונג.

די אויפלעבונג פון דער לעגאַלער ארבייטער־באַוועגונג אין פּעטערבורג און אין די אַנדערע שטעדט. — לענין אין קאַמף געגען דער ארבייטער־באַוועגונג. — זיין שטאַב אָהן אַן אַרמעע. — די גרינדונג פון דער פּעטערבורגער „פּראַוודא“ און לענינ׳ס קאַמף געגען דער סָציאַל־דעמאָקראַטישער דומע־פראַקציע. — דער דעפּוטאַט מאַלינאָווסקי און די שפּאַלטונג פון דער פראַקציע. — מאַלינאָווסקי און טשאָרנאָמאַזאָוו, צוויי באַלשעוויסטישע פיהרער. — לענין און מאַלינאָווסקי. — א געשיכטע וואָס קלינגט ווי א מעשה פון טויזענט און איין נאַכט.

ווי שוין פריהער געזאָגט, האָט זיך אין די יאָהרען 1911—1912 ווידער אָנגעפאנגען אַן אויפלעבונג אין לאַנד. די רעאַקציע איז, אמת, נאָך אַלץ געזעסען פעסט אין זאָטעל, אָבער די ארבייטער מאַסען האָבען שוין ביסלאַכווייז אָנגעהויבען קומען צו זיך, נאָך דער מפּלה וואָס זיי האָבען געליטען אין די יאָהרען 1906—1907. איבער׳ן גאַנצען לאַנד האָבען אויסגעבראָכען ריזיגע סטרייקס. די סטרייקס האָבען, אין אָנפאנג געטראגען א ריין־עקאָנאָמישען כאַראַקטער, אָבער די רעגירונג האָט, דורך איהרע פאַרפאָלגונגען פון די סטרייקער, שוין געזאָרגט פאַר דעם, אַז די סטרייק־באַוועגונג זאָל סוף־כל־סוף אָננעהמען א פּאָליטישען כאַראַקטער. די רעוואָלוציע פון 1905 איז געווען אינגאנצען אונטערדריקט, אָבער די רוסלאַנד פון נאָך דער רעוואָלוציע האָט שוין געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים, ווי די רוסלאַנד פון פאַר 1905. די פּרעסע איז געווען א סך פרייער און פון צייט צו צייט פלעגען זאָגאַר ארויסגעהן אָפען טעגליכע סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלען. די רעגירונג פלעגט פאַרבאָטען איין

צייטונג, אָבער אויף מאָרגען פלעגט דיזעלבע צייטונג ערשיינען אונטער אַן אַנדער נאָמען. די ארבייטער האָבען אויך באַקומען דאָס רעכט צו אָרגאַניזירען זיך אין פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען (טרייד־יוניאָנס), אין זעלבסטבילדונג־פאראיינען און אין פאר־שידענע געזעלשאַפטען פאר געגענזייטיגער הילף. די רעגירונג האָט נאָר שטרענג אויפגעפּאַסט, אַז די דאָזיגע יוניאָנס און פאר־איינען זאָלען זיך ניט פארנעמען מיט פּאָליטישער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. פּאָליטיק, ד. ה. רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע פּאָליטיק — קיין אַנדער פּאָליטיק האָט אין רוסלאַנד דעמאָלט ניט עקזיסטירט — איז געוועזען שטרענג פארבאָטען; ווען די פּאָליציי פלעגט זיך דערוויסען, אַז אַ געוויסער פאראיין אָדער ארבייטער יוניאָן, פארהאַנדעלט אויף די מיטינגען ריין־פּאָליטישע פראַגען פלעגט דער פאראיין גלייך געשלאָסען ווערען און די אַקטיווע מיטגלידער, די אַזוי גערופענע „אַגיטאַטאָרס“ פלעגט מען אַרעסטירען און אַרויסשיקען אין די ווייטע מקומות.

עס פארשטעהט זיך, אַז די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער האָ־בען ברייט אויסגענוצט אָט־די דאָזיגע רעכט צו אָרגאַניזירען זיך אין לעגאַלע פאראיינען, וואָס זיי האָבען פאר זיך אויסגע־קעמפּט. די אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען כמעט אינגאַנצען אויפגעהערט צו עקזיסטירען. וואו ניט וואו האָבען זיך נאָך אַרומגעדרעהט אַ פּאָר „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנע־רען“, וועלכע פלעגען פון צייט צו צייט אַרויסלאָזען אַ פּראָ־קלאַמאַציע אין נאָמען פון דער „רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער ארבייטער פּאַרטיי“. אין דער אמת׳ען איז שוין אָבער די פריהערדיגע פּאַרטיי געווען טויט, זי האָט עקזיסטירט בלויז אויפ׳ן פּאַפּיר.

די מענשעוויקעס האָבען פון ערשטען טאָג אָן, וואָס די ארבייטער האָבען נאָר באַקומען אַ רעכט צו אָרגאַניזירען זיך אין לעגאַלע פאראיינען, גלייך אַ נעם געטאָן זיך צו גרינדען איבעראַל אַזעלכע פאראיינען און זיי האָבען מיט לייב און לעבען אריינגעוואָרפען זיך אין דער ארבייט פון אָט־די לעגאַלע פאר־איינען. לענין אָבער האָט אין אָנפאַנג שטאַרק באַקעמפּט די

לעגאלע פאראיינען. ער האָט געֿטענה'ט, אַז זיי זיינען נאָר אַ פּאַסטקע פון דער רעגירונג. ער האָט געקוקט אויף דער לעגאַלער ארבייטער באַוועגונג ווי אויף אַ קאָנקורענט צו דער אומלעגאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. שפּעטער אָבער, ווען די לעגאַלע באַוועגונג האָט זיך ברייט צעוואַקסען איבער'ן גאַנצען לאַנד און זי איז געוואָרען אַ גרויסע מאכט, האָט ער אָנגעפאַנגען אַ קאַמף צו פאַרכאַפּען, צו „קעפּטשורען" די לעגאַלע פאַראיינען, ארויסטרייבען פון דאָרט די מענשעוויקעס, וואָס זיינען געזעסען אין די פּאַרוואַלטונגען און אריינזעצען דאָרט זיינע אייגענע מענשען.

די סאָציאַליסטיש־געזאָנענע ארבייטער האָבען ניט געוואָלט געהן אין דער אומלעגאַלער פּאַרטיי. זיי האָבען געֿטענה'ט, אַז די פּאַרטיי אין איהר אַלטער פאָרם, די פּאַרטיי פון די „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען", האָט שוין אָפּגעלעבט איהר צייט און קען מעהר ניט פּרעטענדירען צו זיין די אָנפיהרערין פון דער רוסישער ארבייטער באַוועגונג. אין בעסטען פאַל קען זי נאָר דינען אַלס אַ געהילפס־אַפּאַראַט פאַר דער לעגאַלער ארבייטער באַוועגונג.

לענין איז ארויסגעטראָטען ענטשידען געגען אָט־דער טאַקטיק און ער האָט באַשולדיגט די מענשעוויקעס אין פאַרראַט צום סאָציאַליזם און צו דער רעוואָלוציע. ער האָט אויפגעהויבען אַ געשריי, אַז די מענשעוויקעס זוכען צו ליקווידירען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און דאָס וואָרט „ליקווידאַטאָר" איז רענסטמאָל ביי איהם געווען פּונקט אַזאַ זידעל־וואָרט, ווי שפּעטער דאָס וואָרט „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער". לענין האָט ניט אַנדערש געוואָלט אַז די לעגאַלע ארבייטער באַוועגונג זאָל זיך אינגאַנצען אונטערוואַרפען צו דער פּאַרטיי, ד. ה., אין אַנדערע ווערטער, אַז די אָנפיהרערשאַפט און לייטונג פון דער גאַנצער ארבייטער באַוועגונג זאָל ליגען אין די הענט פון די „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען", איבער וועלכע ער האָט געהערשט דורך זיין „באָלשעוויסטישען צענטער".

אָבער די ארבייטער־מאַסען, אפילו די יענע עלעמענטען

פון ארבייטער קלאס, וואס זיינען אין די יאהרען פון דער רעוואלו־ציע פון 1905 געגאנגען נאך לענינ'ען, האבען ניט געוואלט הערען פון אונטערוואַרפען זיך פרייוויליג אונטער דער דיקטאטור פון א גרופע „פראפעסיאנעלע רעוואלוציאנערען", דאס רוב אינ־טעליגענטען. אויף אלע רייד פון לענינ'ס אגענטען פלעגען זיי ענטפערען: „איהר ווילט דינען די אינטערעסען פון דער אר־בייטער באוועגונג? גוט. קומט אין אונזערע לעגאלע פאר־איינען און ארבייט צוזאמען מיט אונז פאר'ן וואוילזיין פון ארבייטער קלאס. אבער שלאגט זיך ארויס פון'ם קאפ דעם געדאנק, אז איהר זענט די סמעטענע פון דער רעוואלוציאנערער ארבייטער באוועגונג און אז איהר קענט אונז פון דרויסען דיקטירען ווי אזוי מיר זאלען זיך אויפפיהרען. מיר זיינען שוין מעהר ניט קיין בלינדע סטאדע, וואס נויטיגט זיך אין אייער אנפיהרערשאפט. ווילט איהר עהרליך דינען דער אר־בייטער באוועגונג, זייט איהר ווילקאמען, אויב ניט, געהט אייך געזונטערהייט".

לענין איז פארבליבען מיט א קליינעם שטאב פון עטליכע געטרייע אנהענגער אהן אן ארמעע. ניט נאר די ארבייטער מאסען, נאר אויך די גאנצע רעוואלוציאנערע סאציאל־דעמאקרא־טישע אינטעליגענץ האט זיך פון איהם אפגעקעהרט, האט פארלא־זען די אונלעגאלע פארטיי און איז אוועק אין דער לעגאלער ארביי־טער באוועגונג. אזוי אבער ווי דער באלשעוויסטישער „צענטער", ד. ה., לענין מיט זינאוויעוו'ען, קאמעניעוו'ען און נאך א פאר פון זיינע חסידים, האבען פארמאגט א סך געלט און די לעגאלע מעגליכקייטען אין רוסלאנד זיינען געווארען פיל גרעסער, און מען האט שוין ווידער געקענט אפען ארויסגעבען סאציאליסטישע ביכער, זשורנאלען און צייטונגען, האט לענין מיט דער הילף פון זיינע אגענטען אין רוסלאנד, אנגעפאנגען ארויסצוגעבען אין פעטערבורג פריהער א גרויסע וואכענבלאט און דערנאך א טעג־ליכע צייטונג, אונטער'ן נאמען „פראוודא" (דער אמת).

די מענשעוויקעס ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס כמעט די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג איז דעמאלט געווען

אויף זייער זייט, האָבען אפילו ניט געקענט חלום'ען וועגען ארויסגעבען אַ טעגליכע צייטונג, ווייל דאָס איז געווען פארבונדען מיט אומגעהייערע גרויסע הוצאות. זיי האָבען קוים מיט צרות געקענט אויסהאַלטען זייער וואכענבלאַט. לענין אָבער האָט ניט נאָר פארמאָגט אַ טעגליכע צייטונג, נאָר ער האָט אויך געהאַט גענוג מיטלען אויפצוהאַלטען אין רוסלאַנד אַ גרויסע צאָהל פון זיינע אגענטען, וועלכע האָבען געלעבט אויף דעם רעכענונג פון זיין פארטיי.

אין יאָהר 1912 איז לענין, צוזאַמען מיט זינאָוויעוו'ען און קאַמעניעוו'ען, אריבערגעפאָהרען פון פאריז קיין גאַליציען, לעבען קראַקוי, כדי דאָרט צו רעדאַקטירען די „פּראַוודאַ", וועלכע איז ארויסגעגאַנגען אין פעטערבורג, און בכלל צו קענען פון דער נאָהענט אָנפיהרען די גאַנצע באָלשעוויסטישע ארבייט אין רוסלאַנד. די מעהרסטע לייט־ארטיקלען און די ארטיקלען וועגען פּראָגראַם און טאַקטיק, פלעגט לענין צושיקען פון קראַקוי קיין פעטערבורג. דער אָפיציעלער ארויסגעבער פון דער „פּראַוודאַ" איז געווען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דומאַ־דעפּוטאַט, מאַלינאָווסקי, אַ מאָסקווער ארבייטער, און דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר אַ געוויסער טשאָרנאָמאַזאָוו, אַ מיטגליעד פון באָלשעוויסטישען צענטראַל־קאָמיטעט.

די „פּראַוודאַ", זייענדיג די איינציגע טעגליכע ארבייטער צייטונג אין רוסלאַנד, האָט גלייך ווי זי האָט נאָר אָנגעפאַנגען צו ערשיינען, ערוואָרבען פאר זיך אַ גרויסען לעזער־קרייז. די ארבייטער מאַסען האָבען געדורשט נאָך אַ פרייען וואָרט. זיי האָבען זיך גענויטיגט אין אַ צייטונג, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען זייער לעבען און קאַמף און וואָס זאָל ענערגיש פארטיידיגען זייערע אינטערעסען. און די „פּראַוודאַ" האָט אויסגעפילט אָט דעם ליידיגען פּלאַץ. זי האָט געדרוקט קאָרעספּאָנדענצען און בריעף פון יעדער פאַבריק; זי האָט באַריכטעט וועגען יעדען ארבייטער קאָנפליקט, וואָס איז פאָרגעקומען אין שטאָדט. זי פלעגט כסדר איבערדרוקען די סטענאָגראַפישע באַריכטען פון די רעדעס, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען פלעגען האַלטען

אין דער דומא. קורץ, דער דורכשניטליכער ארבייטער האָט אין דער „פּראַוודאַ“ געפונען אַלץ, וואָס ער האָט געזוכט, און וואָס איהם האָט אינטערעסירט. די ערשטע צייט האָט די „פּראַוודאַ“ אויסגעמידען צו פּאָלעמיזירען מיט די אַנדערע סאָציאַליסטען. זי האָט זיך געהאַלטען זעהר קאָרעקט און אָט אַ דאַנק דעם איז זי געוואָרען באַליבט אפילו ביי די אַרבייטער עלעמענטען, וואָס זיינען לכתחילה געווען פיינדליך־געשטימט צום באָלשעוויזם.

ערשט דעמאָלט ווען די „פּראַוודאַ“ איז, ווי מען זאָגט, „שטאַרק אַריין אין מאַרק“ און האָט געקראָגען אַ גרויסען איינפלוס אויף די מאַסען, האָט לענין געעפענט די קאָרטען און האָט אָנגעפאַנגען צו באָמבאַרדירען זיינע געגנער מיט שווערער באָלשעוויסטישער אַרטילעריע. צוערשט האָט ער אָנגעפאַנגען צו באַשיסען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע פון דער פערטער דומא. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דומא־פראַקציע האָט געצעהלט סך הכל 14 מיטגלידער. פון זיי זיינען 8 געווען מענשעוויקעס, 5 באָלשעוויקעס און איינער אַ נייטראַלער. דער פיהרער פון דער פראַקציע איז געווען ניקאָלאַי טשכעאידזע, וועלכער איז שוין געווען אַ דעפּוטאַט אויך אין דער דריטער דומא. אין אַלע פריהערדיגע דומאס פלעגט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע כסדר אַרויסטרעטען אַלס אַ פאַראייניגטע פראַקציע און עס איז ניט געווען קיין צוטיילונג אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. אַלע אַרויסטרעטונגען פון דער פראַקציע פלעגען באַשלאָסען ווערען מיט אַ מערהייט שטימען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע, זייענדיג די איינציגע לעגאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קערפּערשאַפט, וואָס האָט געהאַט די מעגליכקייט אָפען אַרויסצוטרעטען פון דער דומא־טריבונע געגען דער רעגירונג און אויפדעקען אַלע איהרע פינסטערע מעשים, איז דעריבער געווען זעהר שטאַרק פּאָפּולער צווישען די אַרבייטער אין רוסלאַנד. לענינ׳ס נאָמען איז געווען באַקאַנט נאָר צו אַ זעהר קליינעם קרייז אַרבייטער, בעת טשכעאידזע׳ס נאָמען האָט געקלונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אזוי ווי די פראַקציע איז באַשטאַנען פון אַ מערהייט מענשעוויקעס, האָט זי זיך געוועהנליך אין איהרע עפענטליכע אַרויסטרעטונגען געהאַלטען אָן דער מענשעוויסטישער ליניע. לענין האָט נישט אַנדערש געוואָלט, אַז די פראַקציע זאָל זיך אונטערוואַרפען צו דעם ווילען פון דער פּאַרטיי, ד. ה. צו דעם פאַרבליבענעם שטאַב פון די „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען“, וואו ער האָט געהאַט אַ מעהרהייט. די פראַקציע אָבער האָט זיך גערעכענט בלויז מיט דעם ווילען פון די טוער פון דער לעגאַלער אַרבייטער באַוועגונג, האָט לענין דעריבער געגעבען אַ באַפעהל זיין הויפּט־ליוטענאַנט, דעם דומאַ־דעפּוטאַט מאַלינאָווסקי, אַז ער זאָל זיך אָפּשפּאַלטען פון דער פראַקציע און גרינדען אַן אייגענע באָלשעוויסטישע דומאַ־פראַקציע. מאַלינאָווסקי האָט דעם באַפעהל פּינקטליך אויסגעפיהרט. צוזאַמען מיט פיער אַנדערע דעפּוטאַטען, וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט לענינ׳ס טאַקטיק, האָט ער געגרינדעט אַ באַזונדערע באָלשעוויסטישע פראַקציע אין דער דומאַ.

גלייך נאָכדעם האָבען די „פּראַוודאַ“ און באַזונדערס מאַלינאָווסקי, אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּאַניע צו דיסקרעדיטירען טשכעאידזע׳ן און די אַנדערע מענשעוויסטישע דומאַ־דעפּוטאַטען אין די אויגען פון די אַרבייטער־מאַסען. אויף די שפּאַלטען פון דער „פּראַוודאַ“ האָט מען יעדען טאָג געגאָסען פּאָמוניצעס אויף זייערע קעפּ. מען האָט זיי באַשולדיגט אין אַלערליי חטאים, ביז פאַרראַט צום סאָציאַליזם און צו דער אַרבייטער באַוועגונג. לענין האָט פאַר טשכעאידזע׳ן און די אַנדערע מענשעוויסטישע דומאַ־דעפּוטאַטען קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי די „פאַרשטעהער פון סטאָליפּינ׳ס אַרבייטער־פּאַרטיי“.

אזוי ווי דער איינפלוס פון די מענשעוויסטישע דומאַ דעפּוטאַטען אויף די אַרבייטער מאַסען, און באַזונדערס אויף די אָרגאַניזירטע אַרבייטער איז געווען זעהר גרויס, האָט די „פּראַוודאַ“ גלייכצייטיג אָנגעפאַנגען אויך אַ העצקאַמפּאַניע געגען די פאַרוואַלטונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען און פון די אַנדערע לעגאַלע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס,

וואָס זיינען דאָס רוב באַשטאַנען פון מענשעוויקעס. מאַלינאָווסקי און די איבעריגע לעניג'ס אַגענטען האָבען אין דער פּרעסע און אויף די אַרבייטער־פאַרזאַמלונגען געהאַלטען אין איין באַשימפּען און אַטאַקירען די פיהרער פון דער לעגאַלער אַרבייטער באַוועגונג. זיי האָבען זיי באַשולדיגט, אַז זיי פאַרטיידיגען כלומרשט ניט גענוג ענערגיש די אַרבייטער אינטערעסען, אַז זיי האַנדלען ווי פייגלינגע און האָבען מורא אַרויסצוטרעטען אָפען מיט אַ רעוואָלוציאָנערען וואָרט צו די מאַסען, אַז זיי זוכען זיך צו־צופּאַסען צו דער צאַרישער רעאַקציע א. אז. וו.

אין דומאַ גופא האָט מאַלינאָווסקי געהאַלטען די פייערדיג־סטע רעוואָלוציאָנערע רעדעס, אין וועלכע ער האָט באַשולדיגט די גאַנצע אָפּאָזיציע פון דער דומאַ אין פּחדנות און פאַר־ראַט צום פאָלק. אַזוי אַרום איז די באָלשעוויקעס געלונגען צו קריגען די אויבערהאַנט אין אַ גאַנצער רייהע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַנדערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט אָנגעפאַנגען מיט אַמאָל צו אַרעס־טירען און אַרויסשיקען פון די הויפּט־שטעדט איינער נאָך דעם אַנדערען די אַלע מענשעוויסטישע אַקטיווע טהוער פון דער לעגאַלער אַרבייטער באַוועגונג.

בשעת מעשה האָט עס אויסגעזעהען ווי אַן איינפאַכער צופאַל. שפּעטער אָבער איז די זאַך קלאָהר געוואָרען. אין דעם האָט געשטעקט אַ טייפעלשער פּלאַן פון דער צאַרישער רעגירונג.

מאַלינאָווסקי'ס אַרויסטרעטונגען אין דער דומאַ, און באַ־זונדערס זיינע דעמאַגאָגישע רעדעס אויף די אַרבייטער־פאַרזאַמ־לונגען, האָבען איהם געשאַפען אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישען די אַרבייטער־מאַסען. ער איז ניט נאָר געווען אַ מיטגליעד פון באָלשעוויסטישען צענטראַל־קאָמיטעט, נאָר לענין האָט איהם אויך געגעבען די פולע מאַכט צו באַשטימען אַלס מיטגלידער פון דעם רוסישען באָלשעוויסטישען צענטראַל־קאָמיטעט, וועמען ער וועט נאָך געפינען פאַר נויטיג. מאַלינאָווסקי און טשערנאָמאַזאָוו, דער רעדאַקטאָר פון פּעטערבורגער „פּראַוודאַ“, פלעגען אָפט

פֿאַהרען קיין קראָקוי צו קריגען פֿון לענינ׳ען אינסטרוקציעס, ווי אזוי ווייטער אָנצוגעהן מיט דער ארבייט אין רוסלאַנד. מאַלי־נאָווסקי איז פֿאַקטיש און אויך אָפֿיציעל געווען לענינ׳ס שטעל־פֿאַרטרעטער אין רוסלאַנד. דורך מאַלינאָווסקי׳ן און טשאָרנאָ־מאַזאָוו׳ען האָט לענין אָנגעפֿיהרט די גאַנצע באָלשעוויסטישע פֿאַרטיי־ארבייט אין רוסלאַנד.

לונאַטשאַרסקי, פּאָקראָווסקי, אַלעקסינסקי, באַזאַראָוו, באָג־דאַנאָוו, ראָזשקאָוו, מאַנואילסקי, קראַסין, ליטווינאָוו, מענזשינסקי און די אַנדערע פּראָמינענטע באָלשעוויקעס, וואָס זיינען ביז׳ן יאָהר 1908 געשטאַנען מיט לענינ׳ען, זיינען אינגאַנצען געווען אַוועק פֿון איהם און האָבען מעהרסטענס געלעבט אין אויסלאַנד. זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבען געלעבט צוזאַמען מיט לענינ׳ען אין קראָקוי. ריקאָוו, סטאַלין, סווערדלאָוו, דזשערזשינסקי און די אַנדערע קלענערע באָלשעוויסטישע שטערען זיינען געווען פֿאַרשיקט אין סיביר. טראָצקי, טשיטשערין, מאַדאַם קאָלאָנטאַי און לאַרין זיינען געווען מענשעוויקעס. מאַלינאָווסקי איז, אַלזאָ, געווען דער איינציגער באָלשעוויסטישער פֿיהרער, וואָס האָט געקענט פֿאַרטרעטען לענינ׳ען אין רוסלאַנד.

ווען דער באַוואוסטער רעוואָלוציאָנער וולאַדימיר בורצעוו, וועלכער האָט אויפֿגעדעקט אַ רייהע פּראָוואָקאַטאָרס, וואָס האָבען געארבייט אין די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, איז ארויסגעקומען מיט אַ באשולדיגונג געגען דר. זשיטאָמירסקי, לענינ׳ס פּאַריזער פֿאַרטרעטער, אַז ער איז אַן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר, האָט לענין געשיקט מאַלינאָווסקי׳ן קיין פּאַריז אויסצוגעפֿינען פֿון בורצעוו׳ען פֿון וואַנען ער האָט געקראָגען זיינע באַווייזע געגען דר. זשי־טאָמירסקי׳ן. בורצעוו האָט אינסטינקטיוו דערפֿיהלט, אַז מאַ־לינאָווסקי פֿאַרדינט ניט קיין שטאַרקען צוטרויען און ער האָט זיך אַנטזאָגט איהם צו געבען די אויסקינפֿטע, וועלכע ער האָט פֿאַרלאַנגט פֿון איהם.

אין אַ קורצע צייט אַרום, נאָך אַ גרויסען סקאַנדאַל, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער דומאַ טאָקע צוליב זיינער אַ רעדע, האָט מאַלינאָווסקי אויפֿגעפֿאָדערט אַלע ראַדיקאַלע דעפּוטאַטען,

אז זיי זאָלען רעזיגנירען פון דער דומא, וואָרים מיט זייער זיצען אין דער דומא „פאַרשטאַרקען זיי בלויז דעם פּרעסטיזש פון דער רעאַקציאָנערער דומא און פון דער רעגירונג“, און ווען די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען האָבען ניט אָנגענומען זיין פאָרשלאַג, האָט ער אַליין, נישט באַראַטענדיג זיך אַפילו מיט זיינע אייגענע פראַקציאָנס־חברים, פלוצלונג דערלאַנגט אַ מעלדונג צו ראָדזיאַנקאָ׳ן, דעם דומא פאָרזיצענדען, אַז ער רעזיגנירט פון דער דומא און ער איז גלייך פאַרשוואונדען פון פעטערבורג.

מאַלינאָווסקי׳ס פלוצלונגער פאַרשווינדען האָט פאַראורזאַכט אַ גרויסע סענזאַציע אין גאַנץ רוסלאַנד. די גאַנצע מעשה האָט אויסגעקוקט צו זיין זעהר פאַרדעכטיג. זיינע פריינד האָבען עס געזוכט צו ערקלעהרען דערמיט, וואָס ער האָט זיך די לעצטע צייט געפונען אין אַ זעהר נערוועזען צושטאַנד און זיי האָבען פאַרזיכערט, אַז ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין אויסלאַנד היילען זיך.

אין די קולואַרען פון דער דומא אָבער האָט מען געשמועסט, אַז ראָדזיאַנקאָ, דער פּרעזידענט פון דער דומא, האָט אין אַ געשפּרעך מיט אַ פּראָמינענטען דעפּוטאַט זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָט געקראָגען אויסקינפטע פון אַ פאַרטרויענסווערטע קוועלע, אַז מאַלינאָווסקי איז די גאַנצע צייט געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַן איינפאַכער אַגענט פון דער רעגירונג. פאַר די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען האָט זיך אָבער ראָדזיאַנקאָ שפּעטער אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיגען אָדער אָפּצולייקענען דעם קלאַנג.

די מענשעוויקעס האָבען גלייך אָנגעפאַנגען חוקר ודורש זיין מאַלינאָווסקי׳ס גאַנצען פּאָליטישען רעקאָרד, זיין גאַנצע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, און זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען אויף אומצווייפעלהאַפטע באַווייזע, אַז מאַלינאָווסקי איז טאַקע אַ פּראָוואָקאַטאָר שוין פון יאָהרען לאַנג. די טעגליכע מענשעוויסטישע צייטונג, וואָס איז דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען אין פּעטערבורג, איז אַרויסגעקומען מיט אַ לייט־אַרטיקעל, פאָדערענדיג פון מאַלינאָווסקי׳ן, אַז אַזוי ווי געגען איהם ווערט געמאַכט אַזאַ שווערע באַשולדיגונג, זאָל ער זיך שטעלען פאַר אַן עהרען־געריכט און ריינוואַשען זיך פון די קלאַגען. דאָס געריכט, האָ־

בען די מענשעוויסטישע פיהרער געפאָדערט, זאָל באשטעהן פון פארטרעטער פון אלע רעוואָלוציאָנערע פארטייען. מאלינאָווסקי אליין האָט אויף דער אויפפאָדערונג ניט געענטפערט. די „פראוודא" אָבער האָט פארעפענטליכט אַן ערקלעהרונג אונטערגעשריבען פון לענין, זינאָוויעוו און קאמעניעוו, אין וועלכער די מענשעוויקעס זיינען פארדאמט געוואָרען אלס פארלוימדער און פייגלינגע, וועלכע האָבען מורא אפילו אָפען ארויסצוקומען מיט א באשולדיגונג געגען מאלינאָווסקי'ן, נאָר זוכען בלויז פון הינטער ארום אריינצושטעכען א מעסער אין זייט איהם און דער גאנצער באָלשעוויסטישער פארטיי.

די צוויי מענשעוויסטישע הויפט־פיהרער, ל. מארטאָוו און פ. דאן, וועלכע האָבען דעמאָלט געוואוינט אין פעטערבורג, זיינען דארום אויף מאָרגען ארויסגעקומען אין זייער צייטונג מיט אַן אונטערגעשריבענער ערקלעהרונג, אין וועלכער זיי האָבען איבערגע'חזר'ט זייער באשולדיגונג געגען מאלינאָווסקי'ן און האָבען פארלאנגט, אז מאלינאָווסקי זאָל גלייך געשטעלט ווערען פאר א רעוואָלוציאָנערען געריכט.

אויפדעקען א פראָוואָקאטאָר איז אין רוסלאנד געווען א פארברעכען, פאר וועלכען די רעגירונג פלעגט שווער באשטראָפען. מארטאָוו און דאן האָבען, אלזאָ, ריזיקירט מיט זייער פרייהייט, ארויסטרעטענדיג אָפען אלס מאלינאָווסקי'ס באשולדיגער.

לענין, זינאָוויעוו און קאמעניעוו האָבען ערקלעהרט אין דער „פראוודא", אז זיי וועלען בשום אופן נישט איינגעהן אויף דעם, אז פארשידענע „סאָציאל־פאררעטער" (דעמאָלט האָט עס נאָך געהייסען „ליקווידאטאָרס", „פארשטעהער פון סטאָליפין'ס ארבייטער פארטיי" א. אז. וו.) זאָלען משפט'ען א פיהרער פון'ם „רעוואָלוציאָנערען פראָלעטאריאט".

די מענשעוויסטישע צייטונג „ראבאָטשאיא גאזעטא" האָט יעדען טאָג געדרוקט מאסען רעזאָלוציעס פון פארשידענע ארבייטער־אָרגאניזאציעס און איינצעלנע פערזאָנען מיט דער פאָדערונג צו שטעלען מאלינאָווסקי'ן פאר אַן אומפארטייאישען

רעוואָלוציאָנערען געריכט. די „פּראַוודאַ“ אָבער פּלעגט יעדען טאָג ענטפּערען אויף דעם מיט זידלערייען, און זי האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו באַווייזען אַז מאַלינאָווסקי איז אומשולדיג און אַז אויב משפּט'ען, דאַרף מען משפּט'ען זיינע פאַרלוימדער, מאַרטאָוו'ען און דאַנ'ען, וועלכע שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר די שענדליכסטע מיטלען אום נאָר צו דיסקרעדיטירען די „פּראָלעטאַרישע פיהרער“. קענטיג אָבער, אַז לענין אליין האָט ענדליך דערפיהלט, אַז אוועקמאַכען מיט'ן האַנט די גאַנצע געשיכטע קען מען ניט, אַז מען מוז געפינען אַן אויסוועג ווי אַזוי ריינצואוואַשען זיך כאָטש לפּנים וועגען פון דער שווערער באַשולדיגונג. און אָט איז איין פריהמאָרגען אין דער „פּראַוודאַ“ ערשינען אַן ערקלעהרונג, אונטערגעשריבען פון לענינ'ען, זינאָוויעוו'ען און קאַמעניעוו'ען, אַז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט גרינדליך אונטערזוכט די אַלע קלאַגען געגען מאַלינאָווסקי'ן און אַז אַ פּאַרטיי־געריכט האָט געפונען, אַז ער איז אומשולדיג און אַז מאַרטאָוו און דאַן דאַרפען פון יעדען באַוואוסט־זיניגען ארבייטער געשטעמפעלט ווערען „אַלס שמוציגע פאַרלוימדער און ליגנער, וועלכע דאַרפען אויף אימער פאַרטריבען ווערען פון דער ארבייטער באַוועגונג“.

די געשיכטע איז פאָרגעקומען [illegible]

אינגיכען האָט אויסגעבראָכען די וועלט־מלחמה, אַלע סאָציאַליס־טישע צייטונגען זיינען צוגעמאַכט געוואָרען פון דער רעגירונג. די שטימונג צווישען די ארבייטער־מאַסען האָט זיך אינגאַנצען געענדערט. לענין איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון קראַקוי און האָט זיך באַזעצט אין דער שווייץ, אָפּגעריסען פון רוסלאַנד און פון זיינע פריינד. אינגיכען האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מאַלינאָווסקי איז דער'הרג'עט געוואָרען ערגעץ אין דער מלחמה. אין דער בלעטעל „דער סאָציאַל־דעמאָקראַט“, וועלכע לענין האָט אַרויסגעגעבען אין דער שווייץ, איז ערשינען אַ פייערליכער נע־

קראלאָג, אין וועלכען די רעדאקציע האָט באווינט מיט ביטערע טרערען דעם פריהצייטיג „פארשטאָרבענעם“ גרויסען פראָלעטאַרישען פיהרער מאלינאָווסקי, וועמען לעניז האָט באטראכט פאר א מין רוסישען אויגוסט בעבעל. שפעטער אָבער האָט זיך ארויסגעוויזען, אז מאלינאָווסקי לעבט גאָר און אז לעניז האָט איהם אוועקגעשיקט קיין דייטשלאנד פיהרען דארטען די באָלשעוויסטישע פראָפאגאנדע צווישען די רוסישע קריגס-געפאנגענע.

ווי גרויס איז אָבער געווען די איבערראשונג, ווען אויף מאָרגען נאָך דעם זיג פון דער מערץ-רעוואָלוציע, אין יאָהר 1917, האָט מען פון די ארכיוועז פון פאָליציי-דעפארטאמענט אויסגעפונען, אז מאלינאָווסקי איז אין משך פון פערצעהן יאהר צייט געווען א פראָוואָקאטאָר, אז ער האָט געדינט דעם פאָליציי-דעפארטאמענט פונקט אזוי געטריי ווי לעניג'ען. די רעדעס, וואס ער האָט געהאלטען אין דער דומא, פלעגען געשריבען ווערען פון לעניג'ען און זינאָוויעוו'ען און פלעגען רעדאקטירט ווערען פון וויסאריאנאָוו'ען, דעם וויצע-דירעקטאָר פון פאָליציי-דעפארטאמענט, וועלכער פלעגט מאכען אין זיי אזוינע ענדערונגען, וואָס ער פלעגט נאָר געפינען פאר נויטיג.*)

לעניז האָט ארויסגעשטעלט מאלינאָווסקי'ן אלס קאנדידאט פאר דער דומא. אָבער מאלינאָווסקי האָט איינגעוויליגט צו „לויפען“ ערשט נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגען די ערלויבעניש אויף דעם פון פאָליציי-דעפארטאמענט. אזוי ווי דער פאָליציי-דעפארטאמענט איז ניט געווען זיכער, אז די מאָסקווער ארבייטער וועלען גראָד שטימען פאר מאלינאָווסקי'ן און ניט פאר קיין מענשעוויסטישען קאנדידאט, האָט די פאָליציי פאר די וואלען ארויסגעשיקט פון מאָסקווע אלע מאלינאָווסקי'ס מעגליכע געגנער און אויף אזא אופן דורכגעפיהרט איהם אין דער דומא. אין די ארכיוועז פון פאָליציי-דעפארטאמענט האָט מען

*) Большевики. Документы по истории большевизма, бывшего Московского Охранного Отделения. Том первый. Москва, 1918 г., стр. 14.

געפונען קאָפּיעס פון צוויי טעלעגראַמעס, איינע איז געווען אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע פון לענינ׳ס פּרוי צו מאַלינאָווסקי׳ן נאָך זיין ערוועהלונג אַלס דעפּוטאַט און די צווייטע טעלעגראַמע איז געווען פון דעם נאַטשאַלניק פון דער מאָסקווער געהיים־פּאָליציי צום דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, בעלעצקי, אין וועל־כער ער האָט איהם באַגריסט מיט דעם גרויסען זיעג, וואָס דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט אָפּגעהאַלטען דורך דער ערוועהלונג פון מאַלינאָווסקי׳ן אַלס דעפּוטאַט. דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט אויך געהעכערט מאַלינאָווסקי׳ן די שכירות ביז 500 רובעל אַ מאָנאַט, נאָכדעם ווי ער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַט.

עס האָט זיך אויך אַרויסגעשטעלט, אַז די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע האָט מאַלינאָווסקי דורכ־געפיהרט לויט די דירעקטיווען פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און אַז די גאַנצע קאַמפּאַניע, וואָס מאַלינאָווסקי האָט אָנגעפיהרט געגען טשכעאידזע׳ן און די אַנדערע פיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער דומאַ־פראַקציע, ווי אויך פון דער איבעריגער לעגאַלער אַרבייטער באַוועגונג, איז געווען אויסגעפּלאַנעוועט פון דער צארישער געהיים־פּאָליציי. די לעגאַלע אַרבייטער באַוועגונג איז מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און האָט אָנגעפאַנגען צו ווערען געפעהרליך פאַר דער צארישער אָרדנונג, האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט דעריבער בכיון געהאָלפען די עקסטרימיסטען צו קריגען די אויבערהאַנט אין דער אַרבייטער באַוועגונג כדי צו פּראָוואָצירען די אַרבייטער צו אַ פריהצייטיגען אויפשטאַנד, אום נאָכדעם שנעל צו דערטרינקען דעם אויפשטאַנד אין בלוט און פארטיג ווערען איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייטער באַוועגונג.

לענינ׳ס כונה איז, פאַרשטעהט זיך, געווען אַ גאַנץ אַנדערע, אָבער זיין טאַקטיק איז געווען ווי געוואונשען פאַר דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, און דערפאַר איז מעגליך געווען, אַז מאַלינאָווסקי זאָל אין משך פון יאָהרען זיין לענינ׳ס שטעל־פאַרטרעטער אין רוסלאַנד, דער קאָפּ פון דער גאַנצער רוסישער באָלשעוויסטישער

באוועגונג און אין דערזעלבער צייט די רעכטע האנט פון דעם פאליציי־דעפארטאמענט, אהן וועמענס וויסען ער האט קיין איינ־ציגען שריט ניט געמאכט.

מאלינאווסקי איז אבער ניט געוועזן דער איינציגער באל־שעוויסטישער פירער, וואס האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין א פראוואקאטאר. אויך טשארנאמאזאוו, דער רע־דאקטאר פון דער „פראוודא“, איז געוועזן א פראוואקאטאר, און הגם פארמעל איז די „פראוודא“ רעדאקטירט געווארען פון לענינ׳ען און זינאוויעוו׳ען, איז דער פאקטישער רעדאקטאר פון דער „פראוודא“ געוועזן בעלעצקי, דער דירעקטאר פון פאליציי־דעפארטאמענט. ער פלעגט צושרייבען דאס וואס ער פלעגט נאר געפינען פאר נויטיג אין דער צייטונג און אויסמעקען דאס, וואס איהם איז ניט געפעלען געווארען. טשארנאמאזאוו פלעגט איהם יעדען טאג צושטעלען א קאפיע פון דער צייטונג, איידער זי פלעגט געהן אין דרוק.

מאלינאווסקי׳ס רעזיגנאציע פון דער דומא איז פארגעקומען אויף דעם פאלגענדען אופן. אין יאהר 1914 איז אויף בעלעצקי׳ס פלאץ באשטימט געווארען גענעראל דזשונקאווסקי. ער האט ניט געוואוסט דערפון, אז דער דומא־דעפוטאט מאלינאווסקי, וואס האלט אזוינע פייערדיגע רעוואלוציאנערע רעדעס און איז דער הויפט־אנפירער פון דער באלשעוויסטישער פראפאגאנדע אין לאנד, איז אין דער אמת׳ן גאר אן אגענט פון דער פאליציי. ווען ער האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער געווארען אן אנגעצונ־דענער. ער האט מורא געהאט, אז ווען די דומא זאל זיך וועגען דעם דערוויסען, וועט עס פיהרען צו אן אונערהערטען סקאנדאל, וואס וועט שרעקליך קאמפראמעטירען די רעגירונג אין די אויגען פון דער גאנצער וועלט. האט ער דעריבער געשיקט רופען מאלינאווסקי׳ן און האט איהם אויפגעפאדערט תיכף צו רעזיגנירען אלס דעפוטאט. און מאלינאווסקי האט אויסגעפאלגט דעם באפעהל פון זיין באלעבאס. ווען מאלינאווסקי איז געפאהרען צו בורצעוו׳ען אלס לענינ׳ס שליח אויסצוגעפינען ביי איהם וועגען דעם פראוואקאטאר, דר. זשיטאמירסקי, האט ער עס אויך

געטהאָן אויף דער אויפפאָדערונג פון בעלעצקי'ן, וועלכער האָט געוואָלט אויסגעפינען ביי בורצעוו'ען, וועד עס שטעלט איהם צו די אַלע ידיעות וועגען די שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס אין די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אָבער בורצעוו האָט, ווי שוין געזאָגט, זיך ענטזאָגט איהם אָנצורופען די דאָזיגע קוועלען.

דער אָנגעזעהענער באָלשעוויסטישער טוער, א. א. טראָיאַנאָווסקי, האָט גלייך ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען פון די פּאָליציי־אַרכיווען, אַז מאַלינאָווסקי איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר, טעלעגראַפירט פון דער שווייץ צו פּלעכאַנאָוו'ס ציטונג אין פּעטערבורג:

„נאָך אין זומער פון יאָהר 1913 האָבען פילע חברים געפאָדערט, אַז מען זאָל מאַכען אַן אונטערזוכונג וועגען מאַלינאָווסקי'ס אויפפיהרונג. לענין אָבער און זינאָוויעוו האָבען צוריקגעוויזען דיזע פאָדערונג און האָבען גענומען אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרטליכקייט. די איינצעלהייטען זיינען איינפאַך שוידערליכע".*)

טשערנאָמאַזאָוו איז נאָך דער רעוואָלוציע אַרעסטירט געוואָרען און האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט די גאַנצע צייט געדינט אין דער „אָכראַנקע" און אין אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין פּעטערבורגער טורמע.

פון מאַלינאָווסקי'ן האָט מען אַ צייט ניט געהערט. ער איז ווי אין וואַסער אריין. אין יאָהר 1919 איז ער אָבער פּלוצלונג געקומען קיין מאָסקווע און פאַרלאַנגט, אַז דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל זאָל איהם משפּט'ען. אויפ'ן געריכט האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער איז 14 יאָהר ווי אין וואַסער אריין. אין יאָהר 1919 איז ער אָבער פּלוצלונג געקומען קיין מאָסקווע און פאַרלאַנגט, אַז דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל זאָל איהם משפּט'ען. אויפ'ן געריכט האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער איז 14 יאָהר

*) איבערגעדרוקט פון פּלעכאַנאָוו'ס צייטונג „יעדינסטוואָ" אין דער־פּעטערבורגער צייטונג „רוסקאַיאַ וואָליאַ" פון 24טען אַפּריל, 1917.

כסדר געווען אַן אַגענט פון דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי. ער האָט ערקלעהרט, אַז ער האָט חרטה אויף זיינע זינד און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל רופען לענינ׳ען און זינאָוויעוו׳ען אַלס עדות, אַז ער איז ניט געווען סתם אַ פּראָוואָקאַטאָר, נאָר אַז ער האָט דער רעוואָלוציע געהאָלפען מעהר ווי דער צאַרישער רעגירונג. ווי ער האָט באַהויפּטעט, האָט לענין שוין לאַנג געוואוסט, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. ער האָט איהם אָבער מוחל געווען זיינע אַמאָליגע זינד און האָט זיך ווייטער באַנוצט מיט זיינע דינסטען. לענין האָט איהם אַוועקגעשיקט אין דייטשלאַנד אָנפיהרען די ארבייט צווישען די קריגס־געפאַנגענע שוין נאָכדעם, ווי ער האָט געוואוסט זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. דאָס געריכט האָט, פאַרשטעהט זיך, לענינ׳ען ניט גע־רופען אַלס עדות, און מאַלינאָווסקי איז פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט.*)

*) די מאָסקווער „איזוועסטיאַ" האָט אויף מאָרגען געמעלדעט, אַז מאַלינאָווסקי איז טאַקע אין דערזעלבער נאַכט דערשאָסען געוואָרען. אָבער יש אומרים, אַז ער ארבייט ערגעץ אין אויסלאַנד אונטער אַן אַנדער נאָמען אַלס אַ פאָרשטעהער פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. וועגען דער טעטיגקייט פון מאַלינאָווסקי׳ן און די גרויסע ראָלע, וואָס אַנדערע פּראָוואָקאַטאָרס האָבען געשפּילט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, זעה דעם זעהר אינטערעסאַנטען בוך "Большевики. Документы по истории большевизма с 1903 по 1916 год бывшего Московского Охранного Отделения. С предисловием М. А. Цявловского. Том первый. Москва, 1918 года".

נ י י נ ט ע ר ק אַ פּ י ט ע ל.

אין די מלחמה־יאָהרען.

די וועלט־מלחמה. — —לענין ווידער אין דער שווייץ. — זיין אַגיטאַציע פאַר אַ מיליטערישער נידערלאַגע פון רוסלאנד און פון איהרע פאַר־בינדעטע. — זיין באַציהונג צו דייטשלאַנד. — דער אַרעסט פון דער באָלשעוויסטישער דומאַ־פראַקציע. — קאמעניעוו. — די ציממערוואַלדער קאָנפערענץ. — די מערץ־רעוואָלוציע פון יאהר 1917. — קערענסקי.

זיצענדיג אין אויסלאַנד, האָט לענין זיינע אויגען אויסגעקוקט אויף אַ נייער מלחמה. אין אָנהויב פון יאָהר 1913 האָט ער געשריבען אין אַ בריעף צו מאַקסים גאָרקי'ן:

„אַ מלחמה צווישען עסטרייך און רוסלאַנד וואָלט געווען זעהר אַ נ ו צ ל י כ ע ז אַ ך פאַר אַ רעוואָלוציע (אין מזרח־איירָאפּא). עס איז אָבער שווער צו גלויבען, אַז פראַנץ יאָזעף און ניקאָלאַי זאָלען אונז פאַרשאַפען אַ ז אַ פ אַ ר־ג ע נ י ג ע ן.“*)

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, האָט זיך לענין געפונען אין קראַקוי. די עסטרייכישע רעגירונג האָט איהם, צוזאַמען מיט זינאָוויעוו'ען, אַלס רוסישע בירגער, אַרעסטירט און אַרויס־געשיקט פון לאַנד. ער איז אַוועקגעפאָהרען אין דער שווייץ און האָט זיך באַזעצט אין ציריך. דאָרט האָט ער גלייך פון אָנפאַנג אָן פאַרנומען אַ פיינדליכע שטעלונג צו די עלאַים (רוסלאנד, פראַנקרייך און ענגלאנד). אָפיציעל האָט עס געהייסען, אַז ער

*) דיזער בריעף איז אָפּגעדרוקט אין ערשטען נומער פון „לענינסקי סבאָרניק“ (לענינ'ס זאַמעלבוך), וואָס איז אַרויס אין סאָוועט־רוסלאנד.

פארדאמט ביידע קריגס־פיהרענדע צדדים, סאי די עלאים, סאי די דייטשען און עסטרייכער, און פאדערט אויף די ארבייטער פון אלע קריגס־פיהרענדע לענדער צו פארוואנדלען די מלחמה אין א בירגער־קריג, ד. ה. אז אנשטאט מלחמה צו האלטען מיט'ן אויס־לענדישען שונא, זאלען די ארבייטער פון יעדען לאנד בעסער ערקלעהרען קריג זייערע אייגענע קאפיטאליסטען און שטירצען די בורזשואזע ארדנונג ביי זיך אין לאנד. פאקטיש אבער האט ער כסדר אטאקירט נאר די אליאירטע לענדער. די דייטשען פלעגט ער נאר פארבייגעהענדיג א שטאך טהאן, און ווען מען פלעגט איהם צודריקען צום וואנט, פלעגט ער צוגעבען, אז ער האלט רוסלאנד, פראנקרייך און ענגלאנד פאראנטווארטליך פאר'ן קריג.

דעם 11טען נאוועמבער, 1914, האט ער געשריבען אין זיין צייטונג „סאציאל־דעמאקראט":

„מלחמה איז ניט קיין צופאל און אויך ניט קיין זינד, ווי די קריסטליכע פאפסטען דענקען (זיי, ווי אלע אפארטוניסטען, פרעדיגען פאטריאטיזם, הומאניזם און פאסיפיזם). די מלחמה איז אן אומפארמיידליכער טייל פון קאפיטאליזם, פונקט אזא געזעצליכע פארם פון קאפיטא־ליסטישען לעבען ווי פרידען. „קאנשיענשאוס־אבדזשעקשאנס", סטרייקס געגען מלחמה און נאך אזעלכע מיטלען פון דעם סארט, זיינען ניט מעהר ווי מיזעראבלע, פחדנ'ישע פוסטע חלומות! וועלכער אידיאט גלויבט עס, אז א באוואפענטע בורזשואזיע קען געשטירצט ווערען אהן א קאמף? עס איז איינפאך א משוגעת צו ריידען וועגען אפשאפען דעם קאפיטאליזם אהן א שרעקליכען בירגער־קריג, אדער אהן א גאנצער סעריע פון בירגער־קריגען! די פליכט פון די סאציאליסטען איז בעסער צו אגיטירען פאר'ן קלאסען־קאמף דורך דער צייט פון דער מלחמה. די איינציגע אויפגאבע פון די סאציאליסטען אין דער צייט ווען עס ברעכט אויס אן אימפעריאליסטישע מלחמה צווישען דער בורזשאזיע פון פארשידענע נאציאנען, דארף זיין צו פארוואנדלען די מלחמה צווישען פעלקער אין א מלחמה צווישען קלאסען. נידער מיט

דעם סענטימענטאַלען, היפּאָקריטישען אויסגעשריי „פרידען אום יעדען פּרייז!“ „לעבען זאָל דער בירגער־קריג“.*)

וואָס איז שייך דער פראַגע ווער עס איז שולדיג אין דער מלחמה, האָט לענין אין פעברואַר 1915 געשריבען אין זיין צייטונג „סאָציאַל־דעמאָקראַט“:

„מיר ווייסען, אַז אין משך פון צעהנדליגער יאָהרען האָבען די דריי באַנדיטען (די בורזשואַזיע און די רעגירונגען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד) געהאַלטען אין צוגרייטען אַן אַטאַקע אויף דייטשלאַנד. זאָלען מיר דען נתפעל ווערען דערפון וואָס צוויי באַנדיטען האָבען אָנגעפאַנגען די אַטאַקע, איידער די דריי האָבען באַקומען זייערע מעסערס, וואָס זיי האָבען באַשטעלט?“

דייטשלאַנד און עסטרייך זיינען, הייסט עס, גאָט די נשמה שולדיג. ער רופט זיי אַפילו אויך מיט דעם נאָמען „באַנדיטען“, אָבער די דאָזיגע „באַנדיטען“ זיינען דאָך אין דעם פאַל ניט מעהר ווי אַ קרבן. זיי פיהרען אַ פּ אַ ר ט י י ד י ג ו נ ג ס־ק ר י ג, וועלכען מען האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען.**)

---

*) פון אָט־דער ציטאַטע פון לענינ׳ס אַרטיקעל, וואָס ער האָט געשריבען נאָך אין 1914, זיינען קלאָהר צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז לענין איז אימער געווען אַן ענטשידענער געגנער פון פאַסיפיזם, אַז ער האָט גערעדט מיט פאַראַכטונג פון די וואָס פאָדערען גאָר „פרידען אום יעדען פּרייז“. ער האָט געוואָלט מלחמה און ניט קיין פרידען, ווי מאַנכע אַמעריקאַנער נאַאיווע פאַסיפיסטען האָבען זיך איינגערעדט. צווייטענס, אַז דער בירגער־קריג אין רוסלאַנד, פונקט ווי דער „רויטער טעראָר“, איז ניט געקומען כלומרשט אַלס רעזולטאַט פון דער אויסלענדישער אינטערווענציע, נאָר אַז לענין האָט איינפאַך שפּעטער דורכגעפיהרט די פּראָגראַם, וועלכע ער האָט אויסגעאַרבייט נאָך אין יאָהר 1914, זיצענדיג אין ציוריך. לענין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג: „לעבען זאָל דער בירגער־קריג“.

**) איצט גיבען שוין צו אפילו די דויטשע און עסטרייכישע סאָציאַליסטען און דעמאָקראַטען, וואָס האָבען אין דער צייט פון דער מלחמה אונטערשטיצט זייערע רעגירונגען, אַז די עסטרייכישע רעגירונג,

לענין האָט חוזק געמאַכט פון די פאַסיפיסטען און האָט ערקלעהרט פאַר פאַררעטער אַלע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון ענטוואַפנונג.

„אין אַ גאַנצער רייהע לענדער, האָט לענין געשריבען אין דעצעמבער, 1916, איבערהויפּט אין די קליינע לענדער, וואָס שטעהען אָן אַ זייט פון דער איצטיגער מלחמה, ווי אין שוועדען, נאָרוועגיע, האָלאַנד און שווייץ, הערען זיך שטימען צו גונסטען פון דעם, אַז מען זאָל פאַרבייטען די אַלטע פאָדערונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם־מינימום: „די באַוואַפנונג פון פאָלק" אויף אַ נייער פאָדערונג: „ענטוואַפנונג".

„די וואָס פאַרטיידיגען אַזאַ פאָדערונג זאָגען געוועהנליך: מיר זיינען געגען מלחמה, געגען מלחמה אין אַלגעמיין, און דעריבער פאָדערען מיר ענטוואַפנונג.

„איך האָב שוין איינמאָל אָנגעוויזען ווי פאַלש אַזאַ שטאַנדפונקט איז. סאָציאַליסטען קענען נים זיין געגען יעדער מלחמה, אַזוי לאַנג ווי זיי הערען נים אויף צו זיין סאָציאַליסטען. מען דאַרף זיך נים לאָזען פאַרבלענדען די אויגען פון דער איצטיגער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. עס זיינען מעגליך אויך דעמאָקראַטישע מלחמות און אויפשטאַנדען, צ. ב. פון אונטערדריקטע פעלקער געגען זייערע אונטערדריקער. עס זיינען אומפאַרמיידליך בירגער־קריגען פון פּראָלעטאַריאַט געגען דער בורזשואַזיע פאַר'ן סאָציאַליזם. עס זיינען מעגליך מלחמות פון דעם סאָציאַליזם, וואָס האָט געזיגט אין איין לאַנד געגען די אַנדערע בורזשואַזע אָדער רעאַקציאָנערע לענדער.

„דער אידעאַל פון סאָציאַליזם איז ענטוואַפנונג. אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלען קיין מלחמות נים זיין, פאָלגליך וועט פאַרווירקליכט ווערען די ענטוואַפנונג. א ב ע ר

צוזאַמען מיט'ן דייטשען קייזער און זיין הויף־קאַמאַריליע, זיינען מעהר ווי עמיצער אַנדערש פאַראַנטוואָרטליך געווען פאַר דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה. די באָלשעוויקעס זיינען די איינציגע, וואָס ווילען עס נאָך עד היום נים צוגעבען.

דער איז ניט קיין סאציאליסט, ווער עס ערווארטעט די פארווירקליכונג פון סאציאליזם אהן א סאציאלער רעוואלוציע און א דיקטאטור פון פראלעטאריאט. דיקטאטור איז מלוכה־מאכט, וואס שטיצט זיך דירעקט אויף גוואלד. און גוואלד איז אין 20טען יאהרהונדערט ניט קיין דובינע און ניט קיין פויסט, נאר אן ארמיי. ארייגשטעלען אין פראגראם די פאדערונג פון „ענטוואפנונג“ מיינט איינפאך זאגען: מיר זיינען „געגען געברויכען געוועהר. און דאס איז פונקט אזוי ניט מארקסיסטיש, ווי זאגען, אז מיר זיינען געגען אנווענדען גוואלד־מיטלען! פאדערען ענטוואפנונג איז דאס זעלבע ווי פאלשטענדיג אפזאגען זיך פון דעם שטאנדפונקט פון קלאסען־קאמף, ווי פארווארפען יעדען געדאנק וועגען א רעוואלוציע“.*)

את אזא „פאסיפיסט“ איז עס לענין געווען!

לענין׳ס אידעע איז, ווי געזאגט, געווען צו פארוואנדלען די וועלט־מלחמה אין א בירגער־קריג גלייכצייטיג אין אלע לענדער מיט׳ן צוועק איינצופיהרען דעם סאציאליזם. אבער דערווייל האט ער זיך צופרידענגעשטעלט מיט א נידערלאגע פון רוסלאנד. פאר אזא נידערלאגע האט ער די גאנצע צייט אגיטירט.

גלייך ווי די מלחמה האט אויסגעבראכען, האט לענין אוועקגעשיקט קאמעניעוו׳ען אין פעטערבורג צו ווירקען, אז די באלשעוויסטישע דומא־פראקציע זאל ארויסטרעטען מיט אזא דעקלאראציע אין דער דומא, ד. ה. אז זי זאל ערקלעהרען פון דער דומא־טריבונע, אז דער ארבייטער קלאס ווינשט רוסלאנד א מפלה אין קריג און אז עס איז די פליכט פון יעדען באוואוסטזיניגען ארבייטער, פון יעדען באוואוסטזיניגען סאציאליסט צו העלפען פארוואנדלען די מלחמה מיט דייטשלאנד אין א בירגער־קריג אין רוסלאנד גופא.

---

*) Г. Зиновьев и Н. Ленин. Против течения. Сборник статей из “Социалдемократа”. Ленинград, 1925 г., стр. 521-522.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אין אַ דאָרף לעבען פּעטערבורג אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ געהיימע קאָנפערענץ פון דער באָלשע־וויסטישער אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט די באָלשעוויסטישע דומאַ־דעפּוטאַטען, אויף וועלכער קאַמעניעוו האָט פאָרגעלייגט פאַר דער פראַקציע דעם פּראָיעקט פון דער אַנטי־מלחמה דע־קלאַראַציע, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון באָלשעוויסטי־שען צענטראַל־קאָמיטעט (ד. ה. פון לענינ'ען). קאַמעניעוו האָט פאַרלאַנגט, אַז איינער פון די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטען זאָל אין נאָמען פון דער גאַנצער פראַקציע און פון דעם באַוואוסטזי־ניגען אַרבייטער קלאַס פאָרלעזען אין דומאַ דיזע דעקלאַראַציע.

די באָלשעוויסטישע דומאַ־דעפּוטאַטען זיינען אָבער ניט געווען איינשטימיג מיט דעם אינהאַלט פון דער פאָרגעשלאָגענער דעקלאַראַציע. די רוסישע אַרבייטער־מאַסען, פּונקט ווי די אינ־טעליגענץ, זיינען אין אָנפאַנג פון קריג אין זייער ריזיגער מערהייט געווען פּאַטריאָטיש געשטימט. זיי האָבען געהאַלטען, אַז אַ זיג פון דייטשען מיליטאַריזם וועט זיין אַ גרויסער אומגליק פאַר דער גאַנצער וועלט, און ספּעציעל פאַר רוסלאַנד, מחמת אַזאַ זיעג וועט פיהרען צו דעם, אַז רוסלאַנד זאָל פּאַקטיש פאַרוואַנ־דעלט ווערען אין אַ מין דייטשער קאָלאָניע און אַ חוץ דעם וועט אַ זיעג פון דייטשען קייזער איבער די פרייע לענדער פון איירא͏ָפּע פאַראייביגען די הערשאַפט פון דער פינסטערער רעאַקציע אין רוסלאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער.

די ריזיגע מערהייט פון די רוסישע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען אין צייט פון דער מלחמה געלעבט אין רוסלאַנד גופא, זיינען געשטאַנען אויף אָט דעם שטאַנדפּונקט. נאָר איינצעלנע געצעהלטע מענשען זיינען געווען פון אָנפאַנג אָן געגען דעם, אַז די אַרבייטער זאָלען אויף אירגענד וועלכען אופן העלפען דער רעגירונג פיהרען דעם קריג געגען דייטשלאַנד. אָבער קיין איינציגער אפילו פון די באָלשעוויקעס, וואָס איז פאַרבליבען אין רוסלאַנד, איז ניט געגאַנגען אַזוי ווייט צו פּרעדיגען, אַז די רוסישע אַרבייטער זאָלען העלפען ברענגען אַ מפלה פאַר רוסלאַנד. ווי דאָס האָט געפּרעדיגט לענין.

אין רעכטען מימען פון די דעבאטען אויף דער קאָנפערענץ, ווען קאמעניעוו האָט געהאַלטען אין אריינטענה'ן מיט די דומאַ־דעפוטאטען, אַז זיי זאָלען אָננעהמען לענינ'ס דעקלאַראַציע, איז די פּאָליציי באַפאַלען די קאָנפערענץ און האָט ארעסטירט אַלע איהרע אנטייל־נעהמער. ווי עס האָט זיך שפּעטער, נאָך דער רעוואָלוציע, ארויסגעוויזען, זיינען, ווי געוועהנליך, צווישען די דעלעגאטען פון דער דאָזיגער קאָנפערענץ געווען אַ פּאָר פּראָוואָקאטאָרען, וועלכע האָבען אין פאָראויס געלאָזט וויסען דער פּאָליציי וועגען דער קאָנפערענץ.

די רעגירונג האָט, פאַרשטעהט זיך, אַלע אנטייל־נעהמער פון דער קאָנפערענץ, די פיער באָלשעוויסטישע דומאַ־דעפוטאטען אריינגערעכענט, אָנגעקלאָגט אין פאררעאט צום לאנד און אַ ספּעציעלער געריכט האָט זיי פאראורטיילט צו פארשידענע טער־מינען סיביר. כאראַקטעריסטיש איז, וואס קאמעניעוו, דער פּאָרשטעהער פון צענטראל־קאָמיטעט, וואָס האָט אויף דער קאָנ־פערענץ געבראַכט לענינ'ס דעקלאַראַציע און האָט געזוכט צו ווירקען אויף די דעפּוטאטען, אַז זיי זאָלען איהר אָננעהמען, האָט אויפ'ן געריכט געלייקענט שטיין און ביין, אַז ער האָט געהאַט איר־גענד וועלכען שייכות צו דער דעקלאַראַציע, און ער האָט פּאַרלאַנגט, אַז דאָס געריכט זאָל ארויסרופען אַלס עדות דעם רעדאַקטאָר פון דעם פעטערבורגער מאַרקסיסטישען זשורנאַל „סאָוורעמעני מיר“, נ י ק אָ ל אַ י י אָ ר ד אַ נ ס ק י, וועלכער קען כלומרשט באַשטעטיגען, אַז ער, קאמעניעוו, איז גאָר אַ פאַרברענטער פּאַטריאָט. לענין האָט דעמאָלט אין זיין ציריכער „סאָציאַל־דעמאָקראט“ שטארק פאַרדאַמט דערפאַר קאמעניעוו'ען.

ווי געזאָגט, האָט לענינ'ס פּראָפּאַגאַנדע ניט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג אין רוסלאַנד. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט אנהענגער צווישען אַ טייל פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע, וועלכע האָט געהאָפט, אַז אַ מפּלה פון די רוסישע אַרמייען אין דער מלחמה וועט פיהרען צו אַ רעוואָלוציע אין לאַנד. פיעלע זיינען סתם געווען געגנער פון קריג, און אַזוי ווי לענין האָט גערופען די ארבייטער־מאַסען, אַז זיי זאָלען

מאַכען אַ סוף צו דער מלחמה, האָבען זיי איהם באַטראַכט פאַר אַ פרידענס־משיח און פאַר אַן אמת'ען אינטערנאַציאָנאַליסט. זיין רוף צו פאַרוואַנדלען די מלחמה אין אַ בירגער־קריג אין יעדען איינציגען לאַנד באַזונדער האָט געקלונגען אַזוי פאַנטאַסטיש, אַז קיינער האָט זיין פאָזיטיווע, אַזוי צו זאָגען, פּראָגראַם, ניט גענומען ערנסט.

די ארבייטער און די סאָציאַליסטען פון די אַנדערע קריגס־פיהרענדע לענדער האָבען, ווי באַוואוסט, אין זייער גרויסער מעהרהייט אונטערשטיצט זייערע רעגירונגען אין צייט פון דער מלחמה. די סאָציאַליסטען פון אַלע לענדער האָבען ביז דער לעצטער מינוט געארבייט מיט אַלע זייערע כחות ניט צו דערלאַזען, אַז דער קריג זאָל אויסברעכען. די כחות פון די מאָנאַרכיסטישע דינאַסטיעס און פון די מיליטאַריסטען האָבען זיך אָבער ארויסגעוויזען אַ סך שטאַרקער, ווי די מאַכט פון די סאָציאַליסטען און די מלחמה האָט דאָך אויסגעבראָכען. די סאָציאַליסטען פון יעדען לאַנד האָבען געוואוסט, אַז די מלחמה איז אַ קאַמף אויף לעבען און טויט, אַז וועלכען צד עס זאָל ניט ארויס דער זיגער, וועט ער זוכען דעם צווייטען צו דערשטיקען און אַז אַ מפּלה פון זייער לאַנד וועט ברענגען הונגער, נויט און ליידען קודם כל פאַר די ארבייטער מאַסען פון זייער לאַנד. דעריבער האָבען זיי געהאַלטען, אַז די ארבייטער דאַרפען פאַרטיידיגען זייער לאַנד געגען איהרע שונאים. אין יעדער פון די קריגס־פיהרענדיגע לענדער זיינען אָבער געווען קליינע גרופּען סאָציאַליסטען, וואָס זיינען ניט געווען צופרידען מיט דער שטעלונג פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען צום קריג. עס זיינען געווען צווישען זיי אַזוינע, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז די ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט דאַרפען זיך אַריינמישען און דורך רעוואָלוציאָנערע מיטלען אָפּשטעלען דעם קריג. זיי האָבען געדענקט, אַז די ארבייטער דאַרפען צוריק אויפשטעלען זייער סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז מיט'ן אויסברוך פון קריג פאַרניכטעט געוואָרען, און דורך דעם אינטערנאַציאָנאַל אויסאיבען אַ דרוק סאַי אויף די רעגירונגען און סאַי אויף די פעלקער, אַז זיי זאָלען שליסען אַ

שלום, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף יושר און גערעכטיגקייט און וואָס זאָל זיין אָננעהמבאר פאר אַלע צדדים. און עס זיינען אויך געווען אַזוינע ווי לענין און זיינע חברים, וואָס האָבען אין דער אמת'ען גאָר ניט געוואָלט, אַז די מלחמה זאָל וואָס שנעלער אָפּגעשטעלט ווערען, נאָר וואָס האָבען געהאַלטען, אַז איצט איז געקומען די צייט צו פּאַראייניגען אַלע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען אין איין אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיין אויפגאַבע זאָל זיין „צו פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ בירגער־קריג אין יעדען לאַנד".

דעם 5טען סעפּטעמבער, 1915, איז אין דער קליינער שווייצאַרישער שטעדטעל צימערוואַלד פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַט די אַלע סאָציאַליסטישע אַנטי־מלחמה גרופּען, וואָס האָבען זיך גערופען „אינטערנאַציאָנאַליסטען".

די קאָנפערענץ האָט ארויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט צו די פּראָלעטאַריער פון אייראָפּא, אין וועלכען זי האָט גערופען די ארבייטער צום קאַמף פאַר שלום אָהן אַנעקסיעס און אָהן קאָנטריבוציעס אויפ'ן באַדען פון זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער. די קאָנפערענץ האָט געשאַפען די אַזוי גערופענע צימערוואַלדער פאַראייניגונג, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז'ן 1919טען יאָהר, ווען עס איז באַשאַפען געוואָרען דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל. אין דער פראַגע וועגען שלום האָבען ניט אַלע מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ געהאַט איין מיינונג.

אין צימערוואַלד, און שפּעטער אויף דער קאָנפערענץ אין קינטאַל (אויך אין שווייץ), אין יאָהר 1916, האָט לענין פאַרטראָטען דעם לינקסטען שטאַנדפּונקט. די מעהרסטע פון די איבעריגע דעלעגאַטען זיינען געווען פאַראינטערעסירט הויפּטזעכליך אין דעם צו ברענגען אַ שנעלען פרידען. די „לינקע" סאָציאַליסטען פון דייטשלאַנד, איטאַליען און פראַנקרייך זיינען געווען נאָר דאַפיר, אַז די סאָציאַליסטען זאָלען מעהר ניט אונטערשטיצען זייערע רעגירונגען און צווינגען זיי מיט געוואַלד צו פאַרענדיגען דעם קריג. לענין אָבער, צוזאַמען מיט אַ פּאָר פון זיינע אָנהענגער, האָבען זיך וויינינגער ווי אַלץ געקימערט וועגען פרידען. זיי

זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין אַרויסרופען איבעראַל אַ בירגער־קריג און אויב פאַר דעם וואָלט נויטיג געווען פאָרטזעצען די מלחמה נאָך אַ פאָר יאָהר, וואָלט עס זיי זעהר ווייניג געאַרט. זיי זיינען, אָבער, ווי געזאָגט, געווען אין אַ מינדערהייט אויף דער קאָנפערענץ.

„פאַר דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ, — דערצעהלט דער באַוואוסטער דייטשער סאָציאַליסט, עדואַרד בערנשטיין, — איז אין בערן פאָרגעקומען אַ באַראַטהונג פון איינינגע דעלעגאַטען. ווי מערהיים, איינער פון די פראַנצויזישע לינקע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין דער באַראַטונג, האָט שפּעטער באַשריבען, האָט לענין שוין דעמאָלט געפאָדערט, אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך, ערשטענס, קאָנסטיטואירען אַלס אַ דריטער אינטערנאַציאָנאַל, און, צווייטענס, אַז זי זאָל גלייך אַרויסלאָזען אַן אויפרוף צו די ארבייטער מאַסען און סאָלדאַטען פון אַלע לענדער, אַז זיי זאָלען ערקלעהרען אַ גענעראַל־סטרייק געגען קריג. שוין אויף דיזער באַראַטהונג האָט מערהיים אָנגעצייגט לענינ׳ען, אַז אַזאַ אויפרוף קען ניט ברענגען קיינע ממשות־דיגע רעזולטאַטען ביי דער שטימונג, וואָס עס הערשט צווישען די מאַסען פון אַלע לענדער. לענין און זיינע פריינד האָבען זיך אָבער ניט געלאָזט איבערצייגען. די דעבאַטע וועגען דער פראַגע האָט געדויערט אַכט שטונדען צייט. דיזעלבע סצענע האָט זיך שפּעטער ווידערהאָלט אין דער רעזאָלוציאָנס־קאָמיסיע פון דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. דאָרט איז עס געקומען צו אַ שאַרפען צוזאַמענשטויס צווישען דעם פאָרשטעהער פון די לינקע סאָציאַליסטען פון דייטשלאַנד, געאָרג לעדעבור, און לענינ׳ען. פונקט ווי מערהיים, האָט אויך לעדעבור באַקעמפט לענינ׳ס פאָדערונג אַלס אַ צוועקלאָזע, און דערביי האָט ער אויך אָנגעוויזען, אַז פאַר די דעלעגאַטען, וואָס דאַרפען נאָך דער קאָנפערענץ צוריקקעהרען זיך אין זייערע לענדער, וואָלט דער אָננעהמען פון אַזאַ רעזאָלוציע געמיינט אַ צוועקלאָזע זעלבסט־אויפאָפּפערונג. זיי וואָלטען, קומענדיג אַהיים, גלייך געשטעלט גע־

וואָרען צו אַ קריגס־געריכט, וואָלטען דערשאָסען געוואָרען, און וואָלטען מיט זייער טויט פּאַקטיש קיין זאַך ניט אויפגעטאָן.

„לענין, וועלכער איז די גאַנצע צייט פון דער דעבאַטע געזעסען אויסגעשפּרייט אויף אַ ווייכען דיוואַן, האָט ניט אַרויסגעוויזען דעם מינדעסטען אינטערעס צו די אַרגומענטען פון זיינע געגנער. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט געענטפערט אויף די רעדע פון אַ געגנער, האָט ער גערעדט אַליין מיט אַ מעהר באַליידיגענדען און סאַרקאַסטישען טאָן, און ווען ניט די אַריינמישונג פון דעם רוסיש־רומענישען סאָציאַליסט ראַקאָווסקי, וואָלט די קאָנפערענץ אינגאַנצען אָפּגעבראָכען געוואָרען, ווייל סאַי די פראַנצויזישע און סאַי די דייטשע דעלעגאַטען האָבען זיך ענטשידען ענטזאַגט אָנצונעהמען לענינ׳ס משוגענעם פאָרשלאָג. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע. לענין אָבער האָט אי אין דער קאָמיסיע און אי אויף דער קאָנפערענץ גופא געשטימט געגען דער רעזאָלוציע.

„אין מיטען פון דער ווערטער־שלאַכט צווישען לענינ׳ס און לעדעבור׳ען, דערצעהלט מערהיים, האָט לעדערבור, ענטפערענדיג אויף לענינ׳ס אַ סאַרקאַסטישע באַמערקונג, אויסגערופען, אַז ער, לעדעבור, פאַרלאַנגט ניט פון לענינ׳ען, אַז ער זאָל פאָהרען אין רוסלאַנד און דאָרט אַרויסטרעטען אין זין פון דער רעזאָלוציע, וואָס ער שלאָגט דאָ פאָר, ווייל דאָס מיינט אַ זיכערער טויט דורך דערשיסען. לענין אָבער פאַרלאַנגט פון איהם, אַז ער, לעדעבור, זאָל אויפאָפּפערען זיין אייגענעם לעבען, בעת ער, לענין, וועט זיך בלייבען רוהיג לעבען אין דער שווייץ.*)

„לענין, — שרייבט בערנשטיין, — איז ווירקליך פאַרבליבען אין דער שווייץ און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין רוסלאַנד צוזאַמען מיט זיינע פריינד ערשט נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע האָט שוין געזיגט“.

---

*) זעה עדואַרד בערנשטיין, „איין דונקעלעס געשיכטע“, בערלינער „פאָרווערטס“ פון 14טען יאַנואַר, 1921.

רעדענדיג וועגען דער צימערוואלדער קאנפערענץ, איז נויטיג צו באמערקען, אז קיינע איינציגע פון די גרויסע סאציאליסטישע פארטייען פון דער וועלט איז דארט ניט געווען פארטראטען. ניט נאר די סאציאליסטען פון די קריגס־פיהרענדע לענדער, נאר אפילו אויך פון די נייטראלע לענדער, האבען זיך באצויגען נעגאטיוו צו דער קאנפערענץ און צו די רעזאלוציעס, וואס זיינען דארט געפאסט געווארען. די איינציגע באדייטענדע סאציאליסטישע פארטיי, וואס האט געשיקט פארטרעטער צו דער דאזיגער קאנ־פערענץ, איז געווען די איטאליענישע סאציאליסטישע פארטיי. די דעלעגאטען פון אלע איבעריגע לענדער האבען רעפרעזענטירט אדער זיך אליין אדער די שיריים פון די סאציאליסטישע גרופען פון איניגע לענדער.

א גרויסער טייל פון די דעלעגאטען זיינען געווען רוסישע רעוואלוציאנערע עמיגראנטען, וואס האבען פארטראטען נאר זייערע אייגענע קליינע גרופקעס. ראדעק און גאנעצקי (דער ערשטער א גאליציאנער איד און דער צווייטער א פוילישער איד) האבען פארטראטען פוילען, ד. ה. ווידער אמאל א קליינע גרופע עקסטרימיסטישע עמיגראנטען, וואס האבען אמאל געהאט א שייכות צו פוילען. ראקאווסקי, דער שפעטערדיגער פרעמיער פון סאוועט־אוקראינע, האט פארטראטען רומעניע, א. א. וו. מיט אייןווארט, דאס איז געווען א קאנפערענץ פון א שטאב אהן אן ארמיי. עס איז שווער צו זאגען באשטימט אויף ווי ווייט עס איז ריכטיג די באהויפטונג, וואס איניגע סאציאליסטען האבען שפעטער געמאכט, אז די קייזערליכע רעגירונג פון דייטשלאנד האט געהאט א האנד אין צוזאמענרופען די צימערוואלדער קאנ־פערענץ. דייטשלאנד האט זיך דאן ווירקליך גענויטיגט אין א פרידען. דייטשלאנד און עסטרייך זיינען דעמאלט געווען די זיגער. זיי האבען געהאט פארנומען גאנץ בעלגיען, א גרויסען טייל פון פראנקרייך, גאנץ פוילען און ליטע, סערביען און מאנטענעגרא, א. א. וו. די עלאיס האבען געהאלטען אין איין פארלירען און דייטשלאנד האט געוואלט שנעלער שליסען פרידען. א פרידען דאן וואלט געמיינט א פאלקאמענער זיג פאר דייטש־

לאנד. עס לייגט זיך דארום אויפ'ן שכל, אַז דער דייטשער גענעראַל־שטאַב איז אָהן צווייפעל געווען אין סימפּאַטיע מיט אַזאַ באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס איהר אויפגאַבע צו צווינגען די רעגירונגען צו מאַכען שלום. פון דער אַנדערער זייט זיינען ראַדעק און גאַנעצקי די גאַנצע צייט באַשולדיגט געוואָרען פון פיעלע רוסישע סאָציאַליסטען און שפּעטער פון קער־רענסקי'ס רעגירונג, אַז זיי זיינען דייטשע אַגענטען. די באַ־שולדיגונג געגען זיי איז געווען אַזאַ ערנסטע, אַז זיי ביידע האָבען ניט געוואַגט צו קומען קיין רוסלאַנד, ביז נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש.

ראַדעק און גאַנעצקי, באַזונדערס ראַדעק, האָבען געשפּילט זעהר אַן אָנגעזעהענע ראָלע אויף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. ער איז געווען „דהי מען בעהאַינד די סטיידזש" פון דער קאָנפע־רענץ. דעם גאַנצען אמת וועגען דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ וועט מען זיך פיליייכט דערוויסען אין יאָהרען אַרום. פאָרלויפיג איז אָבער איין זאַך קלאָהר, אַז די אַגיטאַציע פון די צימערוואַלדער האָט שפּעטער פיעל געהאָלפען דייטשלאַנד צו פאַרניכטען די רוסישע אַרמיי און צווינגען רוסלאַנד אונטערצושרייבען דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידען.

וולאַדימיר בורצעוו, אין וועמענס פערזענליכער עהר־ליכקייט קיינער צווייפעלט ניט, אָפּגעזעהן פון דעם צי איינער איז מסכים מיט זיין איצטיגער פּאָליטישער טעטיגקייט אדער ניט, באַהויפּטעט, אַז נאָך זייענדיג אין דער שווייץ, אין דער צייט פון דער מלחמה, איז לענין געווען פאַרבונדען מיט דער דאָרטיגער דייטשער אַמבאַסאַדע און האָט פון דאָרט כסדר באַקומען רעגעל־מעסיגע שטיצע אויף אָנצופיהרען זיין רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַ־גאַנדע. בורצעוו גיט אָן נעמען און דאַטען, ווי אַזוי לענין האָט נעקראָגען די שטיצע און ווער עס זיינען געווען די פאַרמיטלער צווישען איהם און דער דייטשער רעגירונג.

אין מערץ פון יאָהר 1917 איז פאָרגעקומען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ווי אַזוי די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען איז

נאָך ביז היינט צו טאָג ניט קלאָהר. אָנגעפאנגען האָט זיך עס מיט אַ סטרייק אויף די פעטערבורגער פאַבריקען.

דער סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע זיינען פארשפּרייט געוואָרען אויף די פּעטערבורגער פאַבריקען און אין די ארבייטער קוואַרטאַלען. אָבער ווער עס האָט דיזע פּראָקלאַמאַציעס ארויסגעגעבען און פאַרשפּרייט, ווייס מען נאָך עד היום ניט. די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען האָבען דאַן ערקלעהרט, אַז זיי האָבען אין דעם קיין האַנט ניט געהאַט. ביי פילע איז געווען אַ פאַרדאַכט, אַז די דאָזיגע פּראָקלאַמאַציעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וועלכער האָט געוואָלט פּראָוואָצירען די ארבייטער צו אַ סטרייק און דערטרינקען דעם סטרייק אין בלוט, כּדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרמיידען שפּעטער אַ רעוואָלוציע.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דער סטרייק איז געקומען אונערוואַרטעט פאַר די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען, הגם אין דער לופטען האָט שוין לאַנג געשמעקט מיט רעוואָלוציע. אייניגע דעפּוטאַטען פון דער דומא, צוזאַמען מיט אַ רייהע פּראָגרעסיווע גענעראַלען, האָבען נאָך מיט מאָנאַטען פריער, איידער די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, געפּלאַנעוועט דורכצופירען אַ הויף־איבערקעהרעניש, ד. ה., ארעסטירען און, אויב נויטיג אפילו ערמאָרדען דעם צאַר און די צאַרינע און מאַכען זיין ברודער מיכאַיל פאַר דעם קאָנסטיטוציאָנעלען מאָנאַרך פון רוסלאַנד. אין דיזער פאַרשווערונג זיינען געווען פאַרמישט אפילו אייניגע גרויספירשטען אויך.

באַלד ווי די מלחמה האָט זיך נאָר אָנגעפאַנגען און די רוסישע ארמיי האָט גענומען קריגען קלעפּ נאָך קלעפּ, האָבען אַלע ערליכע רוסישע פּאַטריאָטען אפילו פון דעם קאָנסערוואַטיווען און פון רעאַקציאָנערען לאַגער איינגעזען, אַז רוסלאַנד'ס אומגליקען קומען פון דעם, וואָס צאַר ניקאָלאַי האָט זיך ארומגערינגעלט מיט די אונפעהיגסטע שאַרלאַטאַנעס, וועלכע געוועלטיגען איבער'ן לאַנד, טוען וואָס זייער האַרץ געלוסט, קימערען זיך ניט פאַר דער צוקונפט פון דעם רוסישען פאָלק און זיינען צו קיינעם ניט

פאראנטוואָרטליך, אויסער צו דער צאַרינע, וועלכע איז געוואַרען די פאקטישע הערשערין פון לאַנד און וועלכע אַלע האָבען באַ־שולדיגט, אַז זי איז פריינדליך צו דייטשלאַנד און האָט פיינט דעם רוסישען פאָלק.

נאָך מיט אַ יאָהר צוריק פאַר דער רעוואָלוציע, ווען דער צאַר האָט באַזוכט די דומא, האָט דער פרעזידענט פון דער דומא, מ י כ אַ א י ל ר אַ ד ז י אַ נ ק אָ, אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען ער איז געבליבען מיט ניקאָלאַי'ען אויג אויף אויג, און ער האָט זיך צו אים געווענדעט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„אייער מאַיעסטעט! באַנוצט זיך מיט דיזען ליכטיגען מאָמענט און ערקלערט גלייך דאָ אויפ'ן פלאַץ, אַז איר שענקט אַ פאַראַנטוואָרטליכען מיניסטעריום. איהר קענט זיך גאַר ניט פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ גרויסע טאַט דאָס וועט זיין פון אייער זייט. דאָס וועט ווירקען צום גוטען. דאָס לאַנד וועט זיך באַ־רוהיגען און די מלחמה וועט זיך ענדיגען מיט אַ זיג. איר וועט דערמיט איינשרייבען אַ גלענצענדען קאַפּיטעל אין דער געשיכ־טע פון אייער קעניגען איבער'ן לאַנד".

ניקאָלאַי האָט געשוויגען אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער גע־ענטפערט

„איך וועל וועגען דעם אַ טראַכט טאָן".

וואָס ווייטער איז אָבער פאַר אַלע עהרליכע רוסישע פּאַט־ריאָטען אַלץ מעהר קלאָהרער געוואָרען, אַז אַלע פאַרזוכען און באַ־מיהונגען צו ווירקען מיט גוטען אויפ'ן צאַר אַז ער זאָל נאָכ־געבען דעם פאָלק, זיינען אַרויסגעוואָרפען.

דער צאַר האָט זיך געפונען אין דער מיליטערישער הויפּט־קוואַרטיר, אין מאָהילעוו, און די אמת'ע הערשערין איבער'ן לאַנד איז געווען די צאַרינא אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ. זי האָט אין דעם צאַר'ס נאָמען באַשטימט און אַרונטערגעזעצט מיניס־טאָרען. צו איר פלעגען די מיניסטאָרען קומען מיט זייערע באַריכטען, און אויף איהר פאַרלאַנג האָט דער צאַר עטליכע מאָל פאַנאַנדערגעלאָזען די דומא.

דער געדאַנק, אַז עס איז נויטיג מיט גוואַלד צו צווינגען

דעם צאר, ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון טראָן, האָט וואָס ווייטער ארומגעכאפּט אלץ ברייטערע און ברייטערע קרייזען פון דער רוסישער געזעלשאפט און זאָגאר פון דער העכערער אריסטאָקראטיע. פון אַלע זייטען, דערצעהלט אין זיינע מעמוארען מיכאאיל ראָדזיאנקאָ, דער געוועזענער פאָרזיצענדער פון דער לעצטער דומא, האָט מען זיך צו אים געווענדעט מיט דער פאָדערונג אז די דומא זאָל נעמען אויף זיך דיזע פאראנטוואָרטליכקייט און ראטעווען די ארמיי און רוסלאַנד. ראָדזיאנקא פלעגט אָבער אויף דעם געוועהנליך ענטפערען: „געזעצגעבענדע קערפערשאפטען קאָנען זיך ניט באשעפטיגען מיט רעוואלוציעס אין דעם קייזערליכען הויף; און אויפהויבען דעם פאָלק געגען צאר האָב איך נישט קיין חשק און אויך ניט קיין מעגליכקייט".

„אָנפאנג יאנואר, 1917 — שרייבט ראָדזיאנקאָ, — איז געקומען צו פאהרען פון פראָנט דער גענעראל ק ר י מ אָ ו ו, און ער האָט געבעטען מען זאָל איהם געבען א מעגליכקייט אויף א ניט-אָפיציעלען שטייגער צו דערצעהלען פאר די מיטגלידער פון דער דומא, אין וואָס פארא שרעקליכער לאגע עס געפינט זיך די ארמיי און וועגען דער שטימונג וואָס עס הערשט אין איהר. ביי מיר אין הויז האָבען זיך פארזאמעלט פילע דעפוטאַטען פון דער דומא, פון גאָסודארסטווענני סאָוועט (די העכערע געזעצגעבענדע קערפערשאפט) ווי אויך די מיטגלידער פון די פארשידענע האנדעלס-מיליטערישע קאָמיסיעס, וואס האָבען זיך פארנומען מיט צושטעלען די אמוניציע און דעם פראָוויאנט פאר דער ארמיי. דער באריכט פון דעם גענעראל האָט אויף אונז געמאכט א גוואלדיגען איינדרוק. קרימאָוו האָט ערקלערט, אז כל זמן עס וועט זיך ניט אויסלייטערען דער פּאָליטישער הימעל, כל זמן די רעגירונג וועט ניט אננעמען קיין אנדער פּאָליטיק, כל זמן עס וועט ניט זיין קיין אנדער רעגירונג, צו וועלכער מען זאָל האָבען צוטרויען, זיינען ניטאָ קיינע האָפענונגען אויף א זיג. די רעגירונג שטערט אָהן צווייפעל די מלחמה, און אלע אונזערע מיליטערישע ערפאָלגען אויפ'ן פראָנט ווערען שפּעטער פארניכטעט פון דער רעגירונג.

פאַרענדיגט האָט קרימאָוו אומגעפעהר מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„די שטימונג אין דער אַרמיי איז אַזאַ, אַז אַלע וועלען מיט פרייד באַגריסען די נייעס וועגען אַן איבערקערעניש; אַן איבערקערעניש איז אומפאַרמיידליך און אויפ'ן פראָנט פיהלט מען עס. אויב איהר וועט זיך באַשליסען אויף אַזאַ שריט, וועלען מיר, גענעראַלען, אייך אונטערשטיצען. עס איז קלאָר, אַז קיין אַנדערע מיטלען זיינען ניטאַ. אַלץ איז שוין אויסגעפּרובירט געוואָרען פון אייך, ווי אויך פון פילע אַנדערע, אָבער די שעדליכע ווירקונג פון דער ווייב (די צאַרינאַ) איז שטאַרקער פון די אַלע עהרליכע ווערטער, וואָס מען האָט געזאָגט דעם צאַר. מען טאָר מעהר קיין צייט ניט פאַרלירען".*)

קרימאָוו איז אַנטשוויגען געוואָרען. עטליכע סעקונדען צייט זיינען אַלע געבליבען זיצען ווי געפּלעפטע אין אַ שרעקליך געדריקטער שטימונג. דער ערשטער האָט איבערגעריסען די שטילקייט שינגאַריאָוו.**)

— דער גענעראַל איז גערעכט. אַן איבערקערעניש איז נויטיג. אָבער ווער קען זיך אויף דעם ענטשליסען?

שידלאָווסקי (אַ זעהר מעסיגער ליבעראַלער דעפּוטאַט פון דער דומאַ) האָט מיט כעס אויסגערופען:

---

*) דער גענעראַל קרימאָוו האָט שפּעטער ערב דעם קאָרנילאָוו אויפשטאַנד געזוכט צו ווירקען אויף קערענסקי'ן, אַז ער זאָל געהן האַנד אין האַנד מיט קאָרנילאָוו'ן און אונטערדריקען מיט אַן אייזערנער האַנד די וואַקסענדע אַנאַרכיע. ווען קערענסקי האָט זיך ענטזאָגט האָט ער זיך אויפ'ן שטעל ביי קערענסקי'ן אין קאַבינעט אַריינגעשאָסען אַ קויל אין קאָפּ און איז געפאַלען אַ טויטער.

**) שינגאַריאָוו אייגער פון די נאָבעלסטע און פעהיגסטע פיהרער פון די רוסישע קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען אין דער דומאַ. שפּעטער איז ער געווען אַ מיניסטער פון קערענסקי'ס רעגירונג. אין יאַנואַר, 1918, איז ער ערמאָרדעט געוואָרען אין אַ האָספּיטאַל פון באָלשעוויסטישע מאַטראָזען. — ד. ש.

— שאַנעווען איהם און רחמנות האָבען אויף איהם (אויף דעם צאַר) איז ניטאָ וואָס, ווען ער פיהרט רוסלאַנד צום אָפּגרונט...

פיעלע דעפּוטאַטען פון דער דומאַ האָבען איינגעשטימט מיט שינגאַריאָוו'ען און שידלאָווסקי'ן. עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען היציגע דעבאַטען. דאָ אויפ'ן שטעל האָט איינער גלייך געבראַכט ברוסילאָוו'ס ווערטער: „אויב מיר וועט אויסקומען אויסצוקלייבען צווישען דעם צאַר און רוסלאַנד, וועל איך געהן מיט רוסלאַנד.*)

די שאַרפסטע רעדע האָט געהאַלטען טערעשטשינקאָ.**) זיין רעדע האָט מיך זעהר שטאַרק אויפגערעגט. איך האָב איהם אונטערבראָכען און געזאָגט:

— איהר רעכענט ניט אויס וואָס עס וועט פאָרקומען נאָכדעם ווי דער צאַר וועט אַראָפּ פון טהראָן. איך וועל קיינמאָל ניט איינגעהן אויף אַן איבערקעהרעניש. איך האָב געגעבען אַ שבועה. איך בעט אייך אין מיין הויז וועגען דעם נישט צו ריידען. אויב די אַרמיי קען אויספיהרען אַז דער צאַר זאָל אָפּדאַנקען, זאָל זי דאָס טהאָן דורך איהרע קאָמאַנדירען, אָבער איך וועל ביז דער לעצטער מינוט זוכען צו ווירקען דורך איבערצייגונגען, אָבער ניט דורך געוואַלד־מיטלען.

„פיעל און לאַנג האָט מען נאָך יענעם אָוונט גערעדט ביי מיר אין הויז. עס האָט זיך געפיהלט דער אָנקומענדער שטורעם און דער שרעק פאַר דער צוקונפט. עס האָט זיך געדוכט, עפּעס אַזוי ווי דער שרעקליכער שיקזאַל שטויסט דאָס לאַנד אין דעם אומפאַרמיידליכען אָפּגרונט אַריין.

אומגעפעהר אין דערזעלבער צייט האָב איך געהאַט אַ גאַנץ זאָנדערבאַרע באַגעגעניש מיט דער גרויספירסטין, מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ.

---

*) גענעראַל ברוסילאָוו איז צו יענער צייט געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע הויפּט־קאָמאַנדירען פון דער רוסישער אַרמיי אויפ'ן פראָנט. — ד. ש.

**) אַ רייכער ליבעראַלער פאַבריקאַנט שפּעטער איינער פון די מיניסטאָרען פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. — ד. ש.

איינמאָל, שפּעט אין אָווענט, אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט, האָט די גרויספּירסטין מיר אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן:

— מיכאַאיל וולאַדימיראָוויטש, קענט איהר אפשר, פיליכט, איצט אַריבערקומען צו מיר?

— אייער האָכהייט, — האָב איך געענטפערט — איך פיהל זיך אין אַ שטיקעל פאַרלעגענהייט, צי איז עס באַקוועם אין אַזאַ שפּעטער שטונדע? איך קלייב זיך שוין גאָר צו געהן לעגען שלאָפען....

— איך מוז אייך זעהן וועגען אַ זעהר וויכטיגען ענין; איך וועל גלייך שיקען נאָך אייך מיין אָטאָמאָביל, איך בעט אייך זעהר גלייך צו קומען....

איך האָב נישט געקענט פאַרשטעהן, וואָס דאָס זאָל באַדייטען, און איך האָב געבעטען ביי איהר ערלויבניש צו געבען איהר אָן ענטפער אין אַ פערטעל שטונדע אַרום. שוין צו־פיל פאַרדעכטיגט וואָלט געקאָנט אויסקומען די רייזע פון דעם פאָרזיצענדען פון דער דומא צו דער גרויספּירסטין איינס אַזייגער ביינאַכט. דאָס וואָלט דאָך ווירקליך אויסגעזעהען ווי אַ פאַרשווערונג. פּונקט אין אַ פערטעל שטונדע אַרום קלינגט ווייטער דער טעלעפאָן, און איך הער ווייטער די שטימע פון דער גרויספּירסטין:

— נו, וואָס, איהר וועט קומען?

— ניין, אייער האָכהייט, איך קאָן צו אייך היינט ניט פאָהרען.

— נו, קומט מאָרגען צו פרישטיק!

— גוט. איך וועל קומען.

אויף מאָרגען אין דערפריה האָב איך ביים פרישטיק ביי דער גרויספּירסטין געטראָפען איהר צוזאַמען מיט איהרע זיהן, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך אַלע פאַרזאַמעלט אויף אַ פאַמיליען־באַראַטונג. זיי זיינען אַלע געווען זעהר העפליך. אָבער וועגען דעם „וויכטיגען ענין“ איז קיין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרען. ענדליך, ווען אַלע זיינען אַריבער אין קאַבינעט און ווען דער געשפּרעך איז נאָך אַלץ געפיהרט געוואָרען אין אַ שפּאַסיגען

טאָן וועגן דאָס און יענעס, האָט דער גרויספירסט קיריל וולאַ־דימיראָוויטש זיך געווענדעט צו דער מוטער און געזאָגט: „פּאַרוואָס־זשע רעדסט איהר ניט וועגן דעם?"

די גרויספירסטין האָט אָנגעפאַנגען רעדען וועגן דער לאַגע וואָס האָט זיך געשאַפען אין לאַנד, וועגן דער אונפעהיגקייט פון דער רעגירונג, וועגן דעם מיניסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו'ען און וועגן דער צאַרינע. דערמאָנענדיג איהר נאָמען, איז זי געוואָרען אויפ־געערעגט נאָך מעהר. זי האָט ערקלעהרט, אַז די צאַרינע האָט אַ זעהר שעדליכען איינפלוס אויפ'ן לאַנד, אַז זי פיהרט דאָס לאַנד צו אַן אומגליק, און אַז אַ דאַנק איהר איז דער צאַר און די גאַנצע צאַרישע פאַמיליע אין געפאַהר.

אַזאַ לאַגע, האָט זי געזאָגט, קאָן ווייטער ניט געדולדעט ווערען. מען מוז גלייך ענדערען, באַזייטיגען, פאַרניכטען.

וועלענדיג זיך קלאָר מאַכען, וואָס אייגענטליך זי וויל זאָגען, האָב איך געפרעגט:

— וואָס מיינט איהר באַזייטיגען?

— איך ווייס ניט, מען דאַרף עפּעס אונטערנעהמען, עפּעס צוטראַכטען... איהר פאַרשטעהט דאָך אַליין, די דומאַ מוז עפּעס טהאָן, מען מוז איהר פאַרניכטען...

— וועמען?

— די צאַרינע!...

— אייער האָכהייט, — האָב איך איהר געענטפערט, — ערלויבט מיר באַטראַכטען דיזען געשפּרעך אונזערען פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט פאָרגעקומען, וואָרום אויב איהר ווענדעט זיך צו מיר אַלס צו דעם פּרעזידענט פון דער דומאַ, דאַרף איך, לויט דער פליכט פון דער שבועה, וואָס איך האָב אָפּגעגעבען, גלייך געהן צום קיסר און דערצעהלען איהם, אַז די גרויספירסטין מאַריאַ פּאַוולאָווגאַ האָט מיר ערקלערט, אַז מען מוז פאַרניכטען די צאַרינע...

דעם 8טען יאַנואַר איז צו מיר אין הויז, גאַנץ אומערוואַר־טעט געקומען צופאַהרען דער גרויספירסט מ י כ אַ א י ל אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אָ װ י ט ש (צאַר ניקאָלאַי'ס ברודער).

— איך מוז זיך מיט אייך דורכריידען וועגען דעם, וואס עס קומט פאר און באראטען זיך מיט אייך ווי אזוי צו האנדלען. מיר פארשטעהען זעהר גוט די לאגע, — האט דער גרויספירסט געזאגט.

—יא, אייער עקסעלענץ, די לאגע איז אויף אזוי פיל ערנסט, אז מען טאר קיין מינוט ניט פארלירען און מען מוז גלייך זעהן ראטעווען רוסלאנד, — האב איך באמערקט.

— איהר דענקט, אז עס וועט זיין א רעוואלוציע? — האט מיכאאיל אלעקסאנדראוויטש געפרעגט.

— אזוי לאנג ווי די מלחמה דויערט פארשטעהט דאס פאלק, אז א רעוואלוציע וואלט געווען א טויט-קלאפ פאר דער ארמיי; אבער די געפאהר איז גאר פון אן אנדער זייט. די רעגירונג און די צארינע אלעקסאנדרא פיאדאראוונא פיהרען רוסלאנד צו א סעפעראטען פרידען, צו שאנדע, און זיי גיבען אונז איבער אין די הענט פון דייטשלאנד. דאס וועט די נאציאן ניט קענען אריבערטראגען. ווען דאס זאל זיך באשטעטיגען — און גענוג איז, אז וועגען דעם טראגען זיך ארום קלאנגען — וועט אויסברעכען די שרעקליכסטע רעוואלוציע, וועלכע וועט אראפשווענקען דעם טהראן, די גאנצע קייזערליכע משפחה און אייך אלעמען. איצט איז נאך דא צייט צו ראטעווען רוסלאנד; און אפילו איצט נאך קאן אייער ברודער אויף אייביג זיך מאכען באריהמט אין דער געשיכטע. אבער פאר דעם איז נויטיג צו ענדערען די גאנצע פאליטיק פון דער רעגירונג. מען דארף באשטימען אזוינע מיניסטארען, צו וועלכע דאס לאנד האט צוטרויען, אזוינע, וועלכע זאלען ניט באליידיגען די געפיהלען פון פאלק. צום באדויערען דארף איך אייך זאגען, אז דאס קען דערגרייכט ווערען נאר דאן, ווען מען וועט באזייטיגען די צארינע. זי האט א שעדליכען איינפלוס אויף אלע באשטימונגען וואס דער צאר מאכט. איהר און דעם צאר רינגלען ארום פינ־סטערע טאלאנטלאזע טויגעניכצען. אלעקסאנדרא פיאדאראוונא האסט מען מיט א ביטערען האס איבעראל און פון אלע קרייזען פאדערט מען זי זאל באזייטיגט ווערען. כל זמן זי וועט שטעהן

ביי דער מאַכט, וועלען מיר זיך מוזען קייקלען אין אָפּגרונט אַריין.

— שטעלט זיך פאָר, — האָט מיכאַאיל אַלעקסאַנדראָוויטש געענטפערט, דאָס זעלבע האָט סער ביוקענען*) געזאָגט מיין ברודער. די גאַנצע משפחה זעהט איין, ווי ווייט שעדליך אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ איז. דער ברודער און זי זיינען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען נאָר מיט פאַררעטער. אַלע אַנשטענדיגע מענשען זיינען אַוועק... אָבער וואָס, וואָס קאָן מען טהאָן אין דעם פאַל?

—איהר, אייער עקסעלענץ, אַלס דער איינציגער ברודער פון צאַר, מוזט געהן צו איהם און זאָגען דעם גאַנצען אמת; אָנצייגען איהם אויף דער שעדליכער ראָלע פון אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ, וועלכע ווערט פון גאַנצען פאָלק באַטראַכט פאַר אַ פריינד פון דייטשלאַנד, ווען די אינטערעסען פון רוסלאַנד זיינען פרעמד.

דער געשפּרעך האָט געדויערט מעהר ווי אַ שטונדע. דער גרויספירסט האָט אין אַלעם איינגעשטימט מיט מיר און ער האָט פאַרשפּראָכען מיטצוהעלפען."

ווייטער באַשרייבט ראַדזיאַנקאָ זיין געשפּרעך מיט'ן צאַר אַליין, מיט ניקאָלאַי דעם צווייטען, אין יאַנואַר 1917, מיט קאַרגע צוויי מאָנאַט פאַר דער רעוואָלוציע.

„איך בין איבערגעגאַנגען צו מיין באַריכט, — דערצעהלט ראַדזיאַנקאָ. — פון מיין באַריכט, — האָב איך געזאָגט, — קאָן אייער מאַיעסטעט זעהן, אַז איך באַטראַכט די לאַגע אין לאַנד פאַר געפעהרליכער און קריטישער ווי ווען עס איז פריהער. די שטימונג אין גאַנצען לאַנד איז אַזאַ, אַז מען קאָן ערוואַרטען זעהר ערנסטע אויפטרייסלונגען. קיין פאַרטייען זיינען שוין מעהר ניטאָ; איצט האָט זיך גאַנץ רוסלאַנד פאַראייניגט אין איין פאָדערונג, אַז מען זאָל בייטען די רעגירונג און באַשטימען אַ פאַראַנטוואָרטליכען פרעמיער־מיניסטער, צו וועלכען דאָס פאָלק זאָל האָבען צוטרויען. צו אונזער שאַנדע האָט זיך אין די טעג

*) דער דאַמאָלסדיגער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד.—ד. ש.

פון מלחמה ארויסגעצייגט, אז די גאנצע סיסטעם איז פארפוילט; קיין רעגירונג איז ניטאָ; און קיין סיסטעם אויך ניט. וואו מען גיט א קוק, זעהט מען נאָר אומאָרדנונג און הפקרות. דאָס שטענדיגע בייטען מיניסטאָרען רופט ארויס פריהער א פארלאָרענקייט און דערנאָך א גלייכגילטיגקייט ביי אלע באַאמטע פון אויבען ביז ארונטער. דאָס פאָלק פיהלט, אז איהר האָט באַזייטיגט פון דער רעגירונג אלע פערזאָנען צו וועלכע די דומא און די געזעלשאפטליכע קרייזען האָבען געהאַט צוטרויען, און איהר האָט זיי פארביטען אויף אומפעהיגע און אומעהרליכע מענשען. אלץ ווערט געטהאָן פונקט אזוי ווי בכיון, צו שעדיגען רוסלאַנד און העלפען איהרע שונאים. ניט־ווילענדיג ווערען געבוירען די ווילדסטע קלאַנגען וועגען דעם, אז הינטער דעם רוקען פון דער ארמיי איז באַשאַפען געוואָרען א נעסט פון פאַרראַטה און שפּיאָנאַזש. ארום אייך איז ניט פארבליבען קיין איין עהרליכער מענש, אויף וועלכען מען זאָל זיך קענען פארלאָזען. אלע בעסטע מענשען זיינען באַזייטיגט געוואָרען, אָדער זיי זיינען אליין אוועקגעגאַנגען. פארבליבען זיינען נאָר די וואָס האָבען א שלעכטע רעפּוטאַציע. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אז די צארינע גיט אָהן אייער ווייסען פארשידענע באַפעהלען. די מיניסטאָרען פאָהרען צו איהר מיט באַריכטען און אויף איהר פארלאַנג ווערען אלע די, וואָס געפינען ניט קיין חן אין איהרע אויגען, ארונטערגעזעצט פון זייערע עמטער. זיי ווערען פארביטען אויף מענשען, וועלכע זיינען דורכאויס ניט צוגעגרייט פאַר זייערע עמטער. אין לאַנד וואַקסט דער צאָרען געגען דער צארינע און דער האַס צו איהר. מען באַטראַכט איהר פאַר אַן אָנהענגערין פון דייטשלאַנד, וועמעס אינטערעסען זי באַשיצט. וועגען דעם רעדט מען שוין זאָגאר אויך צווישען דעם פּראָסטען פאָלק.

— גיט פאַקטען, — האָט דער צאַר געענטפערט. — קיין פאַקטען וואָס זאָלען באַשטעטיגען אייערע ווערטער זיינען ניטאָ.

— קיין פאַקטען זיינען ניטאָ. אָבער די גאַנצע ריכטונג פון דער פּאָליטיק, וועלכע ווערט געפיהרט פון דער צארינע,

פיהרט דערצו, אַז אין די מוחות פון פאָלק זאָל געבוירען ווערען דיזער געדאַנק. אום צו ראַטעווען אייער פאַמיליע, מוזט איהר געפינען אַ מיטעל צו באַזייטיגען די צאַרינע, אַז זי זאָל ניט ווירקען אויף דער פּאָליטיק פון לאַנד. דאָס הארץ פון יעדען רוס ווערט צוריסען אויף שטיקער פון דעם פאָרגעפיהל, אַז עס קומען אָן שרעקליכע פּאַסירונגען. דאָס פאָלק קעהרט זיך אָפּ פון זיין קיסר, ווייל נאָך אַזוי פיעל קרבנות און ליידען; נאָך די אַלע טייכען בלוט, וואָס זיינען פאַרגאָסען געוואָרען, זעהט דאָס פאָלק, אַז עס גרייטען זיך נאָך פאַר איהם צו נייע אומגליקען....

— דערפיהרט ניט צו אַזאַ לאַגע, — האָב איך געזאָגט, אַז דאָס פאָלק זאָל דאַרפען אויסקלייבען צווישען אייך און דעם גליק פון לאַנד. ביז איצט זיינען די באַגריפען פון צאַר און פאַטערלאַנד געווען איינס און דאָס זעלבע. די לעצטע צייט פאַנגט מען זיי אָן אָפּצוטיילען איינע פון די אַנדערע.

דער צאַר האָט מיט ביידע הענט צוזאַמענגעדריקט דעם קאָפּ און האָט דערנאָך אויסגערופען

— ניט שוין־זשע האָב איך צוויי און צוואַנציג יאָהר זיך געסטאַרעט, אַז אַלץ זאָל זיין בעסער; און צוויי און צוואַנציג יאָהר האָב איך כסדר געמאַכט טעות'ען?

עס איז געווען אַ שווערער מאָמענט. ענדליך האָב איך זיך גובר געווען און געענטפערט:

— יאַ, אייער מאַיעסטעט, צוויי און צוואַנציג יאהר זייט איהר געגאַנגען אויף אַ פאַלשען וועג.

ניט קוקענדיג אויף מיינע אָפענהערציגע ווערטער, וועלכע זיינען זיכער ניט געווען אַנגענעם דעם קיסר, האָט ער זיך מיט מיר געזעגענט זעהר פריינדליך און האָט ניט ארויסגעצייגט קיין סימן פון כעס אָדער אומצופרידענהייט.“

די לעצטע באַגעגעניש מיט'ן צאַר האָט ראָדזיאַנקאָ געהאַט דעם 10טען פעברואַר, 1917, אַ פּאָר וואָכען פאַר דער רעוואָלוציע. דער צאַר איז דעם מאָל געווען צוטראָגען און ער האָט

זעהר קאלט אויפגענומען דעם פרעזידענט פון דער דומא. ווען ראדזיאנקא האט איהם אנגעציינט אויף דער געפעהרליכער אויפ־רעגונג אין לאנד און אויף דער מעגליכקייט פון א רעוואלו־ציע, האט דער צאר איהם אונטערבראכען:

— מיינע ידיעות זיינען פונקט פארקעהרטע, און וואס אנ־באלאנגט די שטימונג פון דער דומא, איז אויב די דומא וועט זיך ערלויבען אזוינע שארפע ארויסטרעטונגען ווי פאריגען מאל, וועט זי אויפגעלייזט ווערען.

די לעצטע ווערטער ראדזיאנקא'ס זיינען געוועזן: „איך האלט פאר מיין פליכט ארויסצוזאגען אייך מיין פערזענליכען גע־פיהל און מיין איבערצייגונג, אז דיזער באזוך מיינער ביי אייך איז דער לעצטער."

— פאר וואס? — האט דער צאר געפרעגט.

— ווייל די דומא וועט צוטריבען ווערען און די ריכטונג אין וועלכער עס געהט די רעגירונג, וועט קיין גוטעס ניט ברענגען. עס איז נאך דא צייט און א מעגליכקייט איינצופיהרען א מי־ניסטעריום, וואס זאל זיין פאראנטווארטליך צו די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען. אבער דאס, ווי עס זעהט אויס, וועט ניט גע־טאן ווערען. אייער מאיעסטעט איז מיט מיר ניט איינפאר־שטאנען, און אלעס וועט בלייבען ביים אלטען. דער רעזולטאט פון דעם וועט, נאך מיין מיינונג, זיין א רעוואלוציע און אזא אנארכיע, וואס קיינער וועט ניט קענען איינהאלטען.

דער צאר האט גארנישט געענטפערט און ער האט זיך זעהר קאלט מיט מיר געזעגענט."

דער צאר איז געבליבען איינגע'עקשנ'ט ביז דעם לעצטען מא־מענט. די „רעוואלוציע פון אויבען", וואס האט געזאלט דורכ־געפיהרט ווערען פון איינינע מיטגלידער פון דער דומא מיט דער הילף פון דער העכערער מיליטערישער מאכט און מיט דער צו־שטימונג כמעט פון דער גאנצער משפחה פון צאר, האט זיך פארשפעטיגט אויף א פאר וואכען. עס האט אויסגעבראכען דער סטרייק פון די פעטערבורגער ארבייטער. דער רעאקציא־נערער מיניסטער פראטאפאפאוו האט געפלאנעוועט דעם סטרייק

צו דערטרינקען אין בלוט, אָבער די סאָלדאַטען האָבען זיך אָפּ־געזאָגט צו שיסען אויף די סטרייקער. איינינגע רעגימענטען האָ־בען רעוואָלטירט און האָבען אוועקגעמאַרשירט מיט רויטע פאָהנען צו דעם דומא פּאַלאַץ.

דורך אַן אוקאַז פון צאַר איז די דומא מיט אַ טאָג פריהער אויפגעלייזט געוואָרען. די מיטגלידער פון דער דומא האָבען זיך פאַרזאַמעלט צו דיסקוטירען די פראַגע, וואָס מען זאָל ווייטער טהאָן. די ראַדיקאַלע דעפּוטאַטען, איבערהויפּט אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ק ע ר ע נ ס ק י, דער פיהרער פון דער ראַדיקאַלער פּויערים־פּראַקציע, און נ י ק אָ ל אַ י מ ש כ ע א י ד ז ע, דער פיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פראַקציע, האָבען געזוכט צו באַאיינפלוסען די איב־בעריגע דעפּוטאַטען, אַז מען זאָל ניט פאָלגען דעם צאַר'ס באַפעהל און אַז די דומא זאָל זיך ערקלעהרען אַלס די געזעצליכע מאַכט פון לאַנד. גלייכצייטיג האָט זיך אויך אָרגאַניזירט אַ סאָוועט פון אַרבייטער דעפּוטאַטען פון אַלע פּעטראָגראַדער פאַבריקען, לויט דעם מוסטער פון דעם באַריהמטען פּעטערבורגער סאָוועט פון אַרבייטער־דעפּוטאַטען פון יאָהר 1905. טשכעאידזע איז איינשטימיג ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט און קע־רענסקי אַלס וויים־פּרעזידענט פון סאָוועט. צו דער דומא האָבען אָנגעפאַנגען קומען דעפּוטאַציעס פון די אַרבייטער און אויך איינינגע רעגימענטען סאָלדאַטען, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די אַרבייטער. די לאַגע איז נאָך דאַן געווען אומבאַשטימט. מען האָט ערוואַרט, אַז יעדע מינוט זאָלען אָנקומען אַנדערע סאָלדאַ־טען, וואָס זיינען געטריי דעם צאַר, און זאָלען דערטרינקען דעם אויפשטאַנד אין בלוט.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס האָט געשמעקט מיט אַ זיכערען טויט, טאָמער וועט זיך די רעוואָלוציע ניט איינגעבען, זיינען קערענסקי, טשכעאידזע און אַ פּאָר פון די אַנדערע סאָ־ציאַליסטישע דעפּוטאַטען, אַרויס אויפ'ן גאַס צו די סאָלדאַטען און האָבען זיי אויפגעפאָדערט צו שטעהן מיט'ן פאָלק און אַרונטערוואַרפען דעם צאַר מיט זיין גאַנצער כאַליאַסטרע.

דאָס האָט ענטשידען דעם שיקזאַל פון דעם אויפשטאַנד.

קערענסקי און טשכעאידזע, וועלכע זיינען שוין איצט געווען ניט בלויז דעפוטאַטען פון דער דומאַ, נאָר אויך די ערוועהלטע פאָרשטעהער פון די אויפגעשטאַנענע ארבייטער און סאָלדאַטען, האָבען געווירקט אויף דער קאָנסערוואַטיווער מאַיאָריטעט פון דער דומאַ, אַז זיי זאָלען ערוועהלען אַן עקזעקוטיוו קאָמיטעט, וואָס זאָל איבערנעהמען די רעגירונג. ביידע, אי קערענסקי, אי טשכעאידזע, זיינען אריין אַלס מיטגלידער אין דעם דאָזיגען קאָמיטעט פון דער דומאַ, וועלכער האָט זיך געשטעלט אויף דער שפּיץ פון דעם אויפגעשטאַנענעם פאָלק, און האָט אויף אַזא אופן פאַרוואַנדעלט דעם „בונט" פון די פעטראָגראַדער ארבייטער און פון אַ טייל סאָלדאַטען אין אַ נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע.

דער דומאַ־קאָמיטעט, צוזאמען מיט דער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון סאָוועט, האָבען באַשטימט די נייע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, אין וועלכער קערענסקי איז, מיט דער ערלויבניש פון סאָוועט, אריינגעטראָטען אַלס יוסטיץ־מיניסטער.

אין אַ פּאָר טעג ארום האָט די רעוואָלוציע געזיגט איבער'ן גאַנצען לאַנד, און רוסלאַנד האָט זיך באַפרייט פון דער 300 יעהריגער הערשאַפט פון די פינסטערע ראָמאַנאָווס. קערענסקי איז געוואָרען דער ליבלינג פון גאַנצען פאָלק. כאָטש ער איז געוועזן דער איינציגער סאָציאַליסט אין דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, האָט ער אָבער געהאַט דעם שטאַרקסטען איינפלוּ אויף דער רעגירונג, ווייל ער איז געווען דער פאָרשטעהער פון סאָוועט פון די ארבייטער און סאָלדאַטען, — די איינציגע אָרגאַניזירטע מאַכט, וואָס איז געשאַפען געוואָרען נאָך דער צופאַלונג פון דער אַלטער צאַריסטישער אָרדנונג.

קערענסקי'ס נאָמען איז נאָך מיט אַ צייט פאַר דער רעוואָלוציע געווען פּאָפּולער אין רוסלאַנד. נאָך איידער ער איז אין יאָהר 1912 ערוועהלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַט אין דער דומאַ, איז ער שוין געווען באַוואוסט אַלס איינער פון די טאַלאַנטפולע פאַרטיידיגער אין די פאַרשידענע פּאָליטישע פּראָ־

צעסען, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט כסדר געפיהרט געגען די סאָציאַליסטען און ראַדיקאַלען.

מיט א קורצער צייט פאַר די וואהלען צו דער פערטער דומא, איז קערענסקי אַלס אַדוואָקאַט געפאָהרען אונטערזוכען די בלוט-באָד, וואס די צאַרישע זשאַנדאַרען האָבען געמאכט אויף די סטרייקענדע ארבייטער פון די לענא גאָלד-מינען. גאַנץ רוסלאַנד האָט דעמאָלט געקאָכט מיט דער לענאַ בלוט-באָד און אזוי ווי קערענסקי איז געווען דער, וואָס האָט אונטערזוכט די זאַך אויפ'ן אָרט און האָט אויפגעדעקט פאַר דער וועלט דעם שוידערליכען פאַרברעכען פון די צאַרישע אַגענטען, איז ער געוואָרען באַריהמט אין אַלע אָפּאָזיציאָנעלע קרייזען פון רוס-לאַנד. קערענסקי איז געווען א מיטגליד פון דער פאַרטיי סאָ-ציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען. אַזוי אָבער ווי די סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך אין די וואהלען צו דער פערטער דומא ניט געקענט באַטייליגען צוליב די שרעקליכע פאַרפאָל-גונגען פון דער רעגירונג, איז קערענסקי דעריבער געוועהלט געוואָרען אלס דעפּוטאַט אויף דעם צעטעל פון די „טרודאָוויקעס“ (די ארבייטס-גרופּע), וועלכע איז געווען א לעגאַלע פאַרטיי און איז אין אַלגעמיין געווען זעהר נאָהענט, לויט איהר פּראָגראַם, צו די סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען.

קערענסקי איז, אַלזאָ, אריינגעטראָטען אין דער דומא שוין מיט א פאַרטיגער רעפּוטאַציע אַלס א רעוואָלוציאָנער און אי-בערגעבענער קעמפער פאַר די אינטערעסען פון די ארבייטענדע מאַסען. און באַלד ווי די דומא האָט זיך געעפענט, איז קערענסקי געוואָרען איינער פון די פיהרער פון דעם רעוואָלוציאָ-נערען, סאָציאַליסטישען פליגעל פון דער דומא.

אַדאַנק זיינע ארויסטרעטונגען אין דער דומא, איז קערענ-סקי, נאָך מיט א צייט פאַר דער רעוואָלוציע, געוואָרען איינער פון די סאמע פּאָפּולערסטע פערזאָנען אין רוסלאַנד. אויף איהם האָט מען געקוקט ווי אויף דער לעבעדיגער פאַרקערפּערונג פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער פרייהייטס-ליבענדער רוסלאַנד.

דערמיט ערקלעהרט זיך די אויסערגעוועהנליכע ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אין דער רעוואָלוציע.

אַזוי ווי די דומאַ איז ניט געווען איבעריגס באַליבט ביים פאָלק, ווייל איהר מעהרהייט איז באַשטאַנען פון רעאַקציאָנערען און די אַלע עלעמענטען, אויף וועלכע די דומאַ האָט זיך פריהער געשטיצט, זיינען נאָך דער רעוואָלוציע אָפּגעשטויסען געוואָרען אָן אַ זייט, איז פאַקטיש די איינציגע אָרגאַניזירטע קראַפט אין לאַנד געוואָרען דער סאָוועט; ריכטיגער, דער פּעטראָגראַדער סאָוועט פון ארבייטער און סאָלדאַטען דעפּוטאַטען, וועלכער האָט קאָנטראָלירט דעם פּעטראָגראַדער מיליטערישען גארניזאָן. די ערשטע צייטווייליגע רעגירונג, וואָס איז אין איהר מעהרהייט באַשטאַנען פון ליבעראַלען, האָט זיך געמוזט בויגען פאַר דעם ווילען פון סאָוועט, אין וועלכען עס האָבען געהאַט אַ מערהייט די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען.

די רעגירונג איז, ווי פּראָפעסאָר מיליוקאָוו האָט זיך אויסגעדריקט, פאַקטיש געווען אַ געפאַנגענע ביים סאָוועט. צוליב דעם זיינען פאָרגעקומען שטענדיגע צוזאַמענשטויסען צווישען דער ליבעראַלער רעגירונג און דעם סאָציאַליסטישען סאָוועט.

קערענסקי האָט אָבער די ערשטע צייט פאַראייניגט אַרום זיך אַלע עלעמענטען פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד. די ערשטע פיער־פינף מאָנאַטען איז ער געווען דער אָפּגאָט פון גאַנץ רוסלאַנד.

אָט זיינען אַ פּאָר אויסצוגען פון די רעדעס, וואָס קערענסקי האָט דאַן געהאַלטען אין פאַרשידענע שטעדט פון רוסלאַנד:

„איך זעה, — האָט ער געזאָגט אויף אַ צוזאַמענפאָהר פון דער אַרמיי אין אָדעס, — דעם גוואַלדיגען ענטוזיאַזם, וואָס האָט ארומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד; איך פיהל די גרויסע באַגייסטערונג, וואָס קומט ניט אָפּט. אַזוינע נסים, ווי די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס פאַרוואַנדעלט קנעכט אין פרייע מענשען, קומען פאָר איינמאָל אין יאָהרהונדערטע.

„מיר האָבען זיך גוט אָנגעליטען, און די הערצער פון אַלע

פעלקער פון רוסלאנד שלאָגען איצט מיט איין געפיהל. טאָ לאָמיר זיך אַלע אריינוואַרפען אין קאמף פאר דעם פרידען פון דער גאַנצער וועלט, מיט אַ גלויבען אינ'ם גליק און אין דער ליכטיגער צוקונפט פון אַלע פעלקער.

„אונזער שלאַג־וואָרט דאַרף זיין: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. אין נאָמען פון דעם האָט פאסירט אָט דער גרויסער נס, וואָס איז געשאפען געוואָרען דורך דעם בלוט און ליידען פון גאַנצע דורות. מיר האָבען איצט געשאַפען די פרייסטע אָרדנונג, מיר האָבען געשניטען דאָס, וואָס עס האָבען מיט זייער בלוט פארזייט די בעסטע קינדער פון רוסלאַנד, און מיר זיינען ניט די באַלעבאַטים איבער דעם שניט. מיר זיינען בלויז די אַפּהיטער פון דעם רוסישען אוצר. איך בין געקומען צו אייך אַלס דער פאַרשטעהער פון דעם רעוואָלוציאָנערען טייל פון פאָלק, וואָס דאַרף אָפּהיטען דיזען אוצר. מיר דאַרפען ניט טראַכטען איצט וועגען מיינונגס־פאַרשידענהייטען, וועגען פאַר־טיי־פּראָגראַמען, אדער פרעגען זיך צי מיר זיינען זאַט?"

אין עטליכע מאָנאַטען ארום האָט ער אין אַ רעדע צו די סאָלדאַטען אויפ'ן פראָנט געזאָגט:

„פאַר אונז שטעהט אַן ערנסטע געפאַהר. די אַלע פינ־סטערע עלעמענטען, וואָס האָבען זיך פאַראייניגט אין האַס צו דער נייער אָרדנונג, קומען צו דער הונגעריגער מאַסע, וואָס איז דעמאָראַליזירט געוואָרען פון דער אַלטער אָרנונג, און זיי העצען זיי: „פאָדערט אַלץ מיט אמאָל, גלייך אויפ'ן שטעל". זיי העצען געגען אונז, וועלכע האָבען דעם גאַנצען לעבען אוועקגעגעבען פאר דעם קאַמף געגען צאַריזם. צווישען אונז זיינען אויך פאַראַן אידעאַליסטען, וואָס שוועבען אין די הימלען און שלעפען דער־וויילע אריין דאָס לאַנד אין דעם אָפּגרונט פון אַנאַרכיע".

„איך בין געקומען צו אייך אַלס איינער, וואָס איז פאַר־אַנטוואָרטליך פאר דעם שיקזאַל פון לאַנד. איך האָב מיין גאַנצען לעבען געדינט די אידעען, וועלכע איך פרעדיג דאָ איצט פאַר אייך. מיר האָבען אַ רעכט צו זאָגען אייך דעם גאַנצען אמת און איהר מוזט איהם אויסהערען. אַלעס וואָס מיר האָבען

געוואונען, שטעהט איצט אין קאַן. אויב דער רוסישער פאָלק וועט ניט אַרויסצייגען דעם נויטיגען מוט, די אייזערנע זעלבסט־דיסציפּלין, וואָס עס פאָדערט זיך, וועלען מיר אונטערגעהן און די גאַנצע וועלט וועט אונז פאַראַכטען און וועט אויך פאַראַכטען די אידעען פון סאָציאַליזם, אין נאָמען פון וועלכע מיר האָבען געמאַכט די רעוואָלוציע. דאָס טאָרען מיר ניט דערלאָזען. איהר געדענקט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע? זי איז געווען גרויזאַם צו אַלע די, וואָס האָבען איהר געשטערט פון רעכטס און פון לינקס. מיר ווילען ניט ווידערהאָלען די בלוטיגע שרעקען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און האָבען אָפּגעשאַפט טויט־שטראָף. מיר שטרעבען דערצו, אַז די הויכע אידעען זאָלען ניט פאַרפלעקט ווערען פון בלוט און גוואַלד־טהאַטען".

דאָס איז געווען דער גייסט, וואָס האָט באַהערשט די אַלע טוער פון דער מערץ־רעוואָלוציע, וועלכע האָבען געמאַכט אַ סוף צו דער טיראַניי פון צאַריזם און האָבען פאַרוואַנדעלט רוסלאַנד אין דער פרייסטער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

ווען די רעוואָלוציע האָט געזיגט און דער צאַר איז אַרונטער־געזעצט געוואָרען, איז לענין געווען זעהר ווייט פון רוסלאַנד. ער האָט געוואוינט אין צוריך. אויך די מעהרסטע אַנדערע באָלשע־וויסטישע פיהרער האָבען געלעבט אין שווייץ אָדער אין אַנדערע לענדער. זינאָוויעוו, סעמאַשקאָ, לונאַטשאַרסקי, ליטווינאָוו, טשי־טשערין, מענזשינסקי, גאַנעצקי, ראַדעק, ריאַזאַנאָוו, לאַרין האָבען שוין זייט פיעלע יאָהרען געלעבט ווער אין דער שווייץ, ווער אין פּאַריז און ווער אין לאָנדאָן. טראָצקי און בוכאַרין האָבען געלעבט אין ניו יאָרק.

די באָלשעוויקעס האָבען פּאַקטיש קיין שום ראָלע ניט געשפּילט אין דער רעוואָלוציע פון 1917, וואָס האָט געשטירצט די הערשאַפט פון די ראָמאַנאָווס.

ווען עס איז אָנגעקומען אין אויסלאַנד די פרעהליכע בשורה, אַז רוסלאַנד איז באַפרייט געוואָרען, האָבען זיך אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערען גענומען קלייבען וואָס שנעלער אַהיים. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פאָהרען פון דער שווייץ אָדער

אפילו פון פראנקרייך קיין רוסלאנד, איז געווען ניט אזוי לייכט. דער געוועהנליכער וועג דורך דייטשלאנד איז פאר די רוסען געווען פארשלאָסען; פאָהרען ווידער דורך ענגלאנד, האָט גע־הייסען שטעלען דעם לעבען אין סכנה, מחמת די דייטשע סאָב־מארינען פלעגען אטאקירען יעדע שיף וואָס איז געגאנגען פון ענגלאנד קיין רוסלאנד.

פלעכאנאָוו, טשערנאָוו, אווקסענטיעוו, קראָפּאָטקין, לעוו דייטש און הונדערטע אנדערע רוסישע רעוואָלוציאָנערען און סאָ־ציאליסטען, וואָס האָבען געלעבט אין אויסלאנד, האָבען, ניט קוקענדיג אויף דער געפאהר, קיין סך ניט געטראכט און זיינען אוועקגעפאָהרען אין רוסלאנד דורך ענגלאנד. אייניגע פון אָט־די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, ווי דער סאָציאליסט־רעוואָלוציאָנער קארפּאָוויטש, וואָס איז צוזאמען מיט גערשוני׳ן געזעסען אין שליסעלבורגער פעסטונג, איז טאַקע דערטרונקען געוואָרען אויפ׳ן וועג פון א דייטשער סאָבמארין. די מעהרסטע אָבער זיינען אָנגעקומען בשלום קיין רוסלאנד נאָך א לאנגער, געפעהרליכער רייזע.

לענין אָבער מיט זיין שטאב איז אריין אין אָן אָפּמאך מיט דער דייטשער רעגירונג און די דייטשען האָבען איהם אין א פארפלאָמבירטען וואגאָן געבראכט צופיהרען קיין שוועדען. גע־נעראל לודענדאָרף, דער געוועזענער הויפּט־קאָמאנדיר פון דער דייטשער ארמיי, שרייבט אין זיינע מעמואַרען, אַז עס איז געווען א גרויסער טעות מצד דער דייטשער רעגירונג „צו שיקען לענינ׳ען קיין רוסלאנד“. א טעות, אָדער ניט, אָבער עס איז קלאָר, אַז די דייטשע מיליטאריסטען האָבען געקוקט אויף לענינ׳ען ווי אויף זייערען א מענשען, וועלכען זיי האָבען „געשיקט“ קיין רוסלאנד.

צענטער קאפיטעל.

פון מערץ ביז אָקטאָבער.

אין רוסלאנד נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע. — לעניג'ס פּראָגראם און זיין באציהונג צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג און צו די סאָוועטען. — דער באָלשעוויסטישער אויפשטאנד אין יולי 1917 און לעניג'ס אנטלויפען פון פעטראגראד. — לענין און דער דייטשער גענעראל־שטאב. — וואס עדוארד בערנשטיין דערצעהלט. — די אָקטאָבער־איבערקערעניש. — א מערקווירדיגע נבואה וועגען לעניג'ען פון א באוואוסטען סאָציאַליסט.

דעם 16טען אפּריל, 1917, איז לענין אָנגעקומען פון דער שווייץ קיין פעטראָגראד.

וואָס זשע זיינען געווען זיינע פּלענער, ווען ער איז אָנגע־קומען אין רוסלאנד?

מיר ווייסען שוין פון די פריהערדיגע קאפּיטלאך, אז לענין האָט ביז דער מלחמה ניט געגלויבט, אז אין רוסלאנד איז מעגליך איינצופיהרען תיכף א סאָציאליסטישע אָרדנונג. יעדען איינעם, וועלכער האָט באהויפּטעט, אז די קומענדע רוסישע רעוואָלוציע וועט זיין א סאָציאליסטישע און ניט קיין געוועהנליכע בורזשואז־דעמאָקראטישע, האָט ער געהאלטען פאר אן אידיאָט. אָבער אויך אין דעם איז לענין ניט געווען אָריגינעל. ער האָט נאָר איבערגע'חזרט די ארגומענטען פון די עלטערע רוסישע מאַרקסיסטען. נאָך אין אָנפאנג פון די 80־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, ד. ה. מיט 25 יאָהר פאר לעניג'ען, האָט געאָרג פּלעכאנאָוו געשריבען אין איינער פון זיינע פּאָלעמישע ווערק געגען די פיהרער פון דער „נאראָדנאיא וואָליא“, די דעמאָלטיגע הערשענדע רעוואָלוציאָנערע פּארטיי פון רוסלאנד: „ווען ביי אונז אין רוסלאנד זאָל זיך ווירקליך איינשטעלען א

פאָלקס־הערשאַפט, וואָלט דאָס זעלבסטהערשענדע פאָלק אויף דער פראַגע — צי מען דאַרף אָפּנעהמען די ערד ביי די רייכע גוט־באַזיצער געענטפערט: יע, מען דאַרף אָפּנעהמען די ערד ביי די רייכע גוט־באַזיצער און אָוועקגעבען עס צום פאָלק. אויף דער פראַגע אָבער, צי דאָס פאָלק וויל סאָציאַליזם, וואָלט ער פריהער געענטפערט, אַז ער פאַרשטעהט ניט וועגען וואָס מען פרעגט איהם, און דערנאָך, אַז ער וואָלט שוין קוים מיט צרות באַגרייפען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, וואָלט ער געענטפערט: „נ י י ן, א י ך ד אַ ר ף ע ס נ י ט ה אָ ב ע ן". און אַזוי ווי די עקספּראָפּריאַציע פון דער פּריצישער ערד איז ניט דאָס זעלבע, וואָס איינפיהרען סאָציאַליזם, וואָלט אַלס רעזולטאַט פון דעם וואָס די רעוואָלוציאָנערען וואָלטען פאַרכאַפּט די מאַכט ניט אַרויסגעקומען קיין שום סאָציאַליזם. ווען די רעגירונג פון אָט די רעוואָלוציאָנערען, וואָס וואָלטען פאַרכאַפּט די מאַכט, וואָלט פונדעסטוועגען ניט אַנדערש באַשטאַנען אויף דעם, דאָך איינצופיהרען אין לעבען די אויבענדערמאָנטע סאָציאַליסטישע פּלענער, וואָלט זי מוזען לייזען אָט די שווערע אויפגאַבע אָדער אין גייסט פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, וואָס אין דעם וועט זי געשטערט ווערען פון איהר אייגענער אומפּראַקטישקייט, ווי אויך פון דעם איצטיגען ענטוויקלונגס־צושטאַנד פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און פון די געוואָהנהייטען פון די ארבייטער־מאַסען גופא; אָדער זי וועט מוזען זוכען איהר רעטונג אין די אי־דעאַלען פון „פּאַטריאַרכאַלען קאָמוניזם", מיט דער ענדערונג בלויז, וואָס אַנשטאָט די פריהערדיגע „קינדער פון דער זוהן" און זייערע טשינאָווניקעס, וועט די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע פאַר־וואַלטעט ווערען פון אַ סאָציאַליסטישער קאַסטע. אָבער דאָס רוסישע פאָלק איז שוין אפילו איצט גענוג ענטוויקעלט, אַז מען זאָל זיך ניט קענען אָפּנאַרען מיט דער האָפנונג, אַז אַזעלכע עקספּערימענטען איבער איהם זאָלען האָבען אַ גוטען סוף".

די דאָזיגע ווערטער האָט פּלעכאַנאָוו געשריבען מיט 35 יאָהר פאַר דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש!

נאָך פאַר דעם, אין יאָהר 1875, האָט פ ר י ד ר י ך ע נ ג ע ל ס

ארויסגעזאָגט אומגעפעהר די זעלבע מיינונג, וואָס פּלעכאַנאָוו, אין זיין ענטפער אויף טקאַטשאָוו'ס אַ בריף. פּ י אָ ט ר ט ק אַ ־ ט ש אָ ו, ביי וועמען לענין האָט געבאָרגט די גרונד־אידעען פון זיין טעאָריע, האָט אין יאָהר 1875 געווענדעט זיך מיט אַ „בריעף צו פרידריך ענגעלס'ען". אין דעם בריעף האָט ער געזוכט צו באַווייזען ענגעלס'ען, אַז רוסלאַנד קען איינפיהרען דעם סאָ־ציאַליזם פריהער ווי די מעריב־אייראָפּעאישע לענדער. צווישען אַנדערעס האָט טקאַטשאָוו געשריבען:

„מיר (רוסלאַנד) האָבען ניט קיין שטאָטישען פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז אמת. אָבער דערפאַר איז ביי אונז אויך ניטאָ קיין בורזשואַזיע. צווישען דעם ליידענדען פאָלק און דעם אונטער־דריקענדען שטאַאַט איז ביי אונז ניטאָ קיין שום מיטעל־קלאַס. אונזערע ארבייטער האָבען צו קעמפען נאָר געגען אַ פּאָליטישער מאַכט. דער קאַפּיטאַל פאַנגט זיך ביי אונז ערשט נאָר וואָס אָן צו אַנטוויקלען. אונזער פאָלק איז אונוויסענד, דאָס איז טאַקע אַ פאַקט, אָבער דערפאַר איז ער אין זיין ריזיגער מערהייט דורכגעדרונגען מיט'ן פּרינציפּ פון קאָלעקטיווען ערד־באַזיץ. ער איז, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, אַ ק אָ מ ו ־ נ י ס ט ל ו י ט 'ן א י נ ס ט י נ ק ט, לויט דער טראַ־דיציע... דערפון איז קלאָהר, אַז ניט קוקענדיג אויף זיין אומ־וויסענהייט, שטעהט אונזער פאָלק אַ סך נעהענטער צום סאָ־ציאַליזם, ווי די מעריב־אייראָפּעאישע פעלקער, הגם יענע זיינען מעהרער געבילדעט. אַ צוויי, דריי מיליטערישע נידערלאַגעס, אַ פּויערים אויפשטאַנד אין פּיעלע גובערניעס מיט אַמאָל, אַן אָפענער אויפשטאַנד אין דער הויפּט־שטאָדט אין צייט פון פרידען — און דער איינפלוס פון דער מלוכה־מאַכט וועט פאַר־שווינדען און די רעגירונג וועט זיך דערפיהלען איינזאַם, פאַר־לאָזען פון אַלעמען. אויף אַזאַ אופן האָבען מיר אויך אין דעם הינזיכט מעהר שאַנסען, ווי איהר, ד. ה. מעריב־אייראָפּאַ, דייטש־לאַנד אריינגערעכענט".

אויף דעם האָט איהם פרידריך ענגעלס געענטפערט:

„די איבערקערעניש, צו וועלכער עס שטרעבט דער מאָדערנער סאָציאַליזם, קען אין קורצע ווערטער אויסגעדריקט ווערען אַזוי: דער זיעג פון פּראָלעטאַריאַט איבער דער בורזשואַזיע און די איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט דורך פאַרניכטען אַלערליי קלאַסען־צוטיילונגען. פאַר דעם פאָדערט זיך ניט נאָר אַ פּראָלעטאַריאַט, וואָס זאָל מאַכען די איבערקערעניש, נאָר אויך אַ בורזשואַזיע, אין וועמענס הענט די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־כחות דערגרייכען אַזאַ שטופע פון ענטוויקלונג, וואָס מאַכט מעגליך די פאַרניכטונג פון קלאַסען. ביי ווילדע און האַלב־ווילדע פעלקער עקזיסטירען אָפט ניט קיין קלאַסען־צוטיילונגען און יעדער פאָלק האָט דורכגעמאַכט אַזאַ צושטאַנד. שטרעבען אויפצושטעלען צוריק אַזאַ צושטאַנד איז אַן אומזין שוין צוליב דעם אַליין, וואָס די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס־כחות וועט נויטווענדיגער ווייזע פיהרען צו דער אַנטוויקלונג פון קלאַסען־אונטערשידען.

„נאָר אויף אַ באַשטימטער, פּאַרהעלטניס־מעסיג זעהר הויכער, אַנטוויקלונגס־שטופע פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־קרעפטען ווערט מעגליך אויפצוהויבען די פּראָדוקציאָן אַזוי הויך, אַז די פאַרניכטונג פון קלאַסען זאָל זיין אַ ווירקליכער שריט פאָרווערטס, אַז די דאָזיגע ענדערונג (די אָפּשאַפונג פון קלאַסען) זאָל זיין אַ שטאַנדהאַפּטיגע און אַז זי זאָל ניט אַרויסרופען קיין שטילשטאַנד אָדער זאָגאַר אַ רעגרעס אין דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע. אַזאַ שטופע פון אַנטוויקלונג דערגרייכען די פּראָדוקציאָנס־כחות נאָר אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. דעריבער איז די עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזיע פונקט אַזאַ נויטיגע פאָרבאַדינגונג פאַר׳ן סאָציאַליזם, ווי די עקזיסטענץ פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אַ מענש, וואָס איז פעהיג צו באַהויפּטען, אַז אין אַ געוויסען לאַנד איז לייכט דורכצופיהרען אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע דערפאַר, וואָס אַבוואָהל דאָרט איז ניטאָ קיין פּראָלעטאַריאַט, איז אָבער דערפאַר דאָרט אויך ניטאָ קיין בור־

זשוואזיע — אזא מענש צייגט דעריבער בלויז ארוים זיין פאל־שטענדיגע אומוויסענהייט אין דעם אלף בית פון סאציאליזם".*)

דאס האט געשריבען פרידריך ענגעלס, קארל מארקס'עס נאהענטסטער חבר, אין יאהר 1875, ווען מארקס אליין האט נאך אויך געלעבט. לענין האט, אלזא, אין יאהר 1905 בלויז איבער־געחזרט פלעכאנאוו'ס און ענגעלס'עס ווערטער.

לענין האט זיין מיינונג ניט געענדערט אויך אין 10 יאהר ארום. אין אקטאבער 1915 האט ער געשריבען אין זיין צייטונג, „סאציאל־דעמאקראט" (נומער 47):

„דער סאציאלער אינהאלט פון דער נאהענטסטער רעוואלוציע אין רוסלאנד קען זיין נאר א רעוואלוציאנער־דעמאקרא־טישע דיקטאטור פון פראלעטאריאט און פויערטום. די אויפ־גאבע פון דעם פראלעטאריאט אין רוסלאנד איז דערפיהרען ביז'ן סוף די בורזשואז־דעמאקראטישע רעוואלוציע, אום ארויסצורופען א סאציאלע רע־וואלוציע אין אייראפא. דיזע צווייטע אויפגאבע האט זיך איצט א סך דערנעהנטערט, אבער זי בלייבט פונדעסטוועגען דאך א באזונדערע און א שפעטערע אויפגאבע".

לענין האט, אלזא, שוין אפילו אין צייט פון דער מלחמה אויך ניט געגלויבט, אז מען קען איינפיהרען אין רוסלאנד סא־ציאליזם.

אין דער צייט פון דער מלחמה האט ער אנגעפאנגען פרע־דיגען די אידעע פון פארוואנדלען דעם קריג צווישען די לענדער אין א בירגער־קריג אין יעדען לאנד באזונדער. און אט מיט דעם געשריי פון „לעבען זאל דער בירגער־קריג" האט ער אנ־געפאנגען זיין אגיטאציע צווישען די מאסען, גלייך ווי ער איז נאר אנגעקומען קיין רוסלאנד.

אבער א בירגער־קריג פאר וועלכען צוועק? דאס האט מען קלאהר ביי איהם ניט געקענט דערגעהן. ביז דער לעצטער מינוט, ווען ער האט פארכאפט די מאכט, האט ער ניט אויפ־

---

*) Фридрих Энгельс. "О России". Женева, 1894 г.

געהערט צו ריידען פון א גרינדונגס־פארזאמלונג. איינע פון די הויפט־באשולדיגונגען, וואס די באלשעוויקעס האבען געמאכט געגען דער קערענסקי־רעגירונג, איז געווען די, וואס קערענסקי „סאבאטירט״ כלומרשט די וואהלען צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג, דאס הייסט וואס ער רופט נים איין וואס שנעלער די גרינדונגס־פארזאמלונג. דעם אויפשטאנד גופא האבען די באלשעוויקעס געמאכט מיט דעם צוועק כלומרשט איינצובערופען וואס שנעלער די גרינדונגס־פארזאמלונג. אזוי האבען זיי דער־מאלט באהויפטעט. ערשט נאכדעם ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די ערוועהלטע גרינדונגס־פארזאמלונג איז ענטשידען געגען די באלשעוויקעס, האט לענין צוטריבען די גרינדונגס־פארזאמלונג, וועלכע ער אליין האט דורך א ספעציעלען דעקרעט איינבערופען.

נאר טאמער וואלט עמיצער געקענט דענקען, אז לענין, וועלכער האט פארווארפען די אידעען פון א דעמאקראטישער גרינדונגס־פארזאמלונג, האט דערפאר ערפונדען די אידעע פון סאוועטיזם, קומט זינאוויעוו אליין און דערצעהלט אין זיין דערמאנטער ביאגראפיע פון לענינ׳ען פאלגענדעס:

„נאך דעם אויפשטאנד אין יולי 1917 זיינען מיר דורכגעגאנגען א פעריאדע ווען עס האט זיך געדוכט, אז אלעס איז שוין פאר אונז פארלארען. חבר לענין האט זאגאר געדענקט פאר א מאמענט, אז די סאוועטען, וועלכע זיינען קארומפירט פון די פשרה־מאכער, האבען פאר אונז קיין ווערט נים; ער האט זאגאר געגעבען אנצוהערעניש, אז מיר וועלען פיליייכט דארפען פארכאפען די מאכט איבער די קעפ פון די סאוועטען“.*)

דאס צייגט, וואס פאר א ווערט עס האבען געהאט פאר לענינ׳ען אירגענד וועלכע פרינציפען. ער איז געווען פאר א גרינדונגס־פארזאמלונג, אזוי לאנג ווי ער האט געדענקט, אז ער קען געווינען אין איהר א מאיאריטעט. ווען ער האט אבער דער־

---

*) NICHOLAI LENIN, His Life and Work, by G. Zinovieff, Published by The Toiler Publishing Ass., Cleveland, O. p. 41.

זעהן אז די גרינדונגס־פארזאמלונג איז געגען איהם, האט ער פראקלאמירט די היילינקייט פון פרינציפ פון „סאוועטיזם“. און ווען עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז ער קען אין די סאוועטען אויך ניט האבען קיין מאיאריטעט, האט ער די פריי ערוועהלטע סאוועטען אויך אוועקגעשיקט צום טייפעל און האט פראקלאמירט די הייליגקייט פון דער דיקטאטור פון דער קאמוניסטישער פארטיי, ד. ה. פון דעם צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי, אדער בעסער געזאגט, פון איהם אליין.

לענין איז געווען ענטשלאסען צו געווינען די מאכט דורך ארויסשטעלען אירגענד וועלכע פאדערונגען. די אלע טעזיסען און קאנטר־טעזיסען זיינע, די פארשלאגען און געגען־פארשלאגען זיינע דורך דער גאנצער צייט פון דער רעוואלוציע, וואס פיעלע מענשען שטודירען איצט גאנץ ערנסט, זיינען געווען אפט ניט מעהר ווי אן אויסרייד, ניט מעהר ווי דיפלאמאטישע קונץ־שטיק, וואס זיינען ספעציעל פון איהם גע־שאפען געווארען, כדי צו קענען ארייננארען די ברייטע מאסען אין זאק און פארכאפען די מאכט.

לענין און זיין שטאב האבען אומגעשטערט אנגעפיהרט אין די שטעדט און אויפ׳ן פראנט, צווישען די סאלדאטען, אן אגיטאציע געגען דער רעוואלוציאנערער רעגירונג, אן אגיטאציע פאר דעם, אז די סאלדאטען זאלען אוועקלייגען זייערע וואפען און ברידערען זיך מיט די דייטשען. זיי האבען פארפלייצט גאנץ רוסלאנד מיט מיליאנען באלשעוויסטישע צייטונגען און פראָ־קלאמאציעס, וואו זיי האבען גערופען צו שטירצען די רעגירונג, אין וועלכער „עס זיצען 10 מיניסטארען־קאפיטאליס־טען“. גלייכצייטיג האבען זיי אין געהיים אנגעפאנגען צוגרייטען א באוואפענטען אויפשטאנד געגען דער רעגירונג. אין יולי, 1917, ווען די רוסישע רעוואלוציאנערע ארמיי האט אויף דעם באשלוס פון דער צייטווייליגער רעגירונג און פון דער אלרוסישער צענטראלער עקזעקוטיווע פון די סאוועטען פון ארבייטער און סאלדאטען דעפוטאטען, אנגעפאנגען אן אפענסיווע געגען די

דייטשען, כדי צו צווינגען דעם דייטשען גענעראל־שטאב אפצו־ציהען א טייל סאלדאטען פון מעריב־פראנט און אפשטעלען לודענדארפ׳ס אנגריף געגען די פראנצויזען און ענגלענדער, האבען די באלשעוויקעס געמאכט א פארזוך ארויסצורופען א באוואפנעטען אויפשטאנד אין פעטערבורג.

דער ציטווייליגער רעגירונג איז אבער געלונגען דעם אויפשטאנד צו אונטערדריקען און לענין צוזאמען מיט א רייהע אנדערע באלשעוויסטישע פיהרער זיינען אנגעקלאגט געווארען אין פאררעט, אין צוגרייטען דעם אויפשטאנד געגען דער רעוואלוציאנערער רעגירונג און אין שטעהן אין פארבינדונג מיט׳ן דייטשען גענעראל־שטאב. די באלשעוויקעס האבען, ווי גע־וועהנליך געלייקענט שטיין אוןביין, אז זיי האבען געהאט א שייכות צום יולי אויפשטאנד. ערשט נאך דער אקטאבער־רעוואלוציע, ווען זיי האבען זיך באפעסטיגט אין מאכט, האבען זיי צוגעגעבען, אז זיי האבען ארגאניזירט דעם יולי־אויפשטאנד.

וועגען לענין׳ס פארבינדונגען מיט׳ן דייטשען גענעראל־שטאב דערצעהלט ק ע ר ע נ ס ק י אין זיינע מעמוארען פאלגענדעס:

גלייך ווי קערענסקי איז באשטימט געווארען אלס קריגס־מיניסטער האט ער געקראגען אונצווייפעלהאפטע באווייזען, אז לענין ארבייט האנד אין האנד מיט׳ן דייטשען שטאב. ענדע יוני 1917 ווען קערענסקי איז ארומגעפאהרען איבער׳ן פראנט, וואו עס זיינען אנגעגאנגען די פארבערייטונגען פאר דער אפענסיווע געגען די דייטשען, האט קערענסקי׳ס אדיוטאנט באמערקט א גרופע סאלדאטען, וואס זיינען געווען פארטיפט אין עפעס א צייטונג. דער אדיוטאנט איז צוגעגאנגען צו דער גרופע און האט צוגענומען ביי זיי די צייטונג. די צייטונג האט געהייסען „טאווארישטש" (חבר). דער אינהאלט פון דער צייטונג איז געווען דורכאויס א באלשעוויסטישער, אבער געדרוקט איז די צייטונג געווען אין ווילנע, וואס איז דעמאלט געווען אקופירט פון די דייטשען און עס איז אויף איהר געווען דער שטעמפעל פון דער דרוקעריי פון דייטשען שטאב.

צווישען די אַרטיקלען אין דער צייטונג איז געווען איינער אונטער'ן נאָמען „רוסלאַנד און די אַפּענסיווע", דאַטירט „פּעטראָגראַד, דעם 20טען יוני". אין דיזען אַרטיקעל, וואָס איז געדרוקט געווען מיט צוויי וואָכען פאַר דעם באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד, איז דער אויפשטאַנד שוין געווען באַשריבען ווי אַ געשעהענער פאַקט!

די אונטערזוכונג וועגען לענין'ס פאַרבינדונגען מיט'ן דייטשען גענעראַל־שטאַב, דערצעהלט קערענסקי, איז געפיהרט געוואָרען אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער צייטווייליגער רעגירונג. נאָר צוויי מיניסטאָרען, אויסער קערענסקי'ן און דעם פּרעמיער פירשט געאָרגי לוואָוו האָבען געוואוסט פון דעם. די צוויי מיניסטאָרען זיינען געווען נעקראַסאָוו און טערעשטשענקא. די אויפגאַבע איז געווען זעהר אַ שווערע, אָבער נאָך אַ לאַנגער און גרינדליכער אונטערזוכונג איז געלונגען אויסצוגעפינען גענוי דורך וועמען לענין האַלט אָן די פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד און דורך וועלכע באַנקען דאָס געלט ווערט איבערגעשיקט פון דייטשלאַנד קיין פּעטראָגראַד. די פאַרמיטלער צווישען לענינ'ען און דייטשלאַנד זיינען געווען גאַנעצקי־פירשטענבערג אין שטאָקהאָלם און דער אַדוואָקאַט קאָזלאָווסקי און מאַדאַם סומענסאָן אין פּעטראָגראַד און די געלד פאַר לענינ'ען פלעגט געהן דורך דער „דיסקאָנטאָ־געזעלשאַפט" אין בערלין, דער „נייע באַנק" אין שטקהאָלם און דער סיבירער באַנק אין פּעטראָגראַד.

ווען קאָזלאָווסקי איז נאָך דעם באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד אין יולי אַרעסטירט געוואָרען, האָט ער ניט געלייקענט, אַז ער האָט באַקומען גרויסע סומען געלט פון אויסלאַנד, ווען ער האָט דערזעהן, אַז די רעגירונג האָט די אַלע פאַקטען אין האַנד. ער האָט אָבער געזאָגט, אַז ער צוזאַמען מיט גאַנעצקי'ן און מאַדאַם סומענסאָן האָבען דורך דער מלחמה צייט באַשעפטיגט זיך מיט אַריינפיהרען אין רוסלאַנד פאַרשידענע קאָנטראַבאַנדע אַרטיקלען.

דעם 18טען אָדער דעם 19טען יולי, פונקט אין צייט פון דער

באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד, האָט גאַנעצקי באַדאַרפט אָנקומען דורך דעם פינלענדישען גרעניץ קיין פּעטראָגראַד. די צייטווייליגע רעגירונג האָט געוואוסט וועגען דעם. זי האָט אויך געוואוסט, אַז ער פיהרט פערזענליך מיט זיך אַזוינע דאָקומענטען, וואָס וואָלטען אָהן דעם מינדעסטען צווייפעל פעסטגעשטעלט לענין׳ס פאַרבינדונג מיט׳ן דייטשען גענעראַל־שטאַב. די רעגירונג האָט געוואוסט גענוי ווען גאַנעצקי דאַרף אָנקומען אויפ׳ן גרעניץ און אויך דעם אינהאַלט פון די דאָקומענטען און זי האָט אָפּגעגעבען אַ באַפעהל איהם גלייך צו אַרעסטירען.

עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַזוי, אַז דער יוסטיץ־מיניסטער פּערעווערזעוו האָט וועגען גאַנעצקי׳ס רייזע ניט געוואוסט. און אַזוי ווי קערענסקי איז דעמאָלט געווען אויפ׳ן פראָנט, האָט פּערעווערזעוו, ניט אָנפרעגענדיג ביי איהם פאַרעפענטליכט די באַווייזע, וואָס די צייטווייליגע רעגירונג האָט שוין פריהער געהאַט אָנגעזאַמעלט וועגען לענין׳ס פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד.

ווען גאַנעצקי איז אָנגעקומען נאָהענט צום גרעניץ און ער האָט אין די פּעטראָגראַדער צייטונגען דערזעהן די ערקלעהרונג פון דער צייטווייליגער רעגירונג, האָט ער זיך גלייך אומגעקעהרט צוריק קיין שטאָקהאָלם*).

ווען די צייטווייליגע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט נאָכ׳ן אויפשטאַנד אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל צו אַרעסטירען לענינ׳ען און זיינע נאָהענטסטע חברים, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין אויפשטאַנד און אין די פאַרבינדונגען מיט׳ן דייטשען שטאַב, איז לענין אַנטלאָפען און האָט זיך ענטזאָגט צו שטעלען זיך פאַר׳ן געריכט אַפילו ווען דער אַלרוסישער סאָוועט, פון וועלכען ער איז געווען אַ מיטגליד, האָט איהם אויפגעפאָדערט דערצו. ווען איינִיגע בורזשואַזע צייטונגען זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ באַשולדיג געגען דעם פיהרער פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וויקטאָר טשערנאָוו, אַז ער האָט אין

*) ALEXANDER F. KERENSKY. The Catastrophe. D. Appleton & Co., New York, 1927. pp. 233-239.

אָנפאַנג פון דער מלחמה אַרויסגעגעבען אַ רעוואָלוציאָנערע צייטונג אין דער שווייץ אויף דייטשע געלט, האָט ער תיכף רעזיגנירט אַלס מיניסטער און האָט אַליין אויפגעפאָדערט דעם סאָוועט, אַז מען זאָל איהם משפט'ען און אונטערזוכען צי די באַשולדיגונג איז אמת, אָדער ניט. אַזוי האָבען תמיד געהאַנדעלט אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטען. צערעטעלי איז אין יאָהר 1907 ניט אַנטלאָפען אפילו פון אַ צאַרישען געריכט, ווען סטאָליפינ'ס רעגירונג האָט איהם באַשולדיגט אין אַ פאַרברעכען, וועלכען ער איז ניט באַגאַנגען. לענין אָבער האָט מורא געהאַט צו ערשיינען אפילו פאַר אַ געריכט פון רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען.

טראָצקי און קאַמעניעוו, וועלכע זיינען אויך אָנגעקלאָגט געוואָרען צוזאַמען מיט לענינ'ען, זיינען ניט אַנטלאָפען און האָבען זיך אַליין איבערגעגעבען דער פאָליציי אין די הענט און געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי משפט'ען. נאָר לענין און זינאָוויעוו זיינען אַנטלאָפען. פיעלע אָנגעזעהענע באָלשעוויקעס האָבען געפאָדערט פון לענינ'ען, אַז ער זאָל אַרויסקומען פון זיין באַהעלטעניש, אַז ער זאָל זיך שטעלען פאַר'ן רעוואָלוציאָנערען געריכט און ריינוואַשען זיך פון די זעהר ערנסטע קלאַגען, וואָס זיינען געגען איהם געמאַכט געוואָרען. אָט ווי אַזוי לענין האָט זיך געזוכט אַרויסצודרעהען פון אָט דער זעהר אונאַנגענעהמער לאַגע. אין אַ בריף, וואָס ער האָט פון זיין באַהעלטעניש געשיקט צו זיינע חברים, האָט ער געשריבען:

„אורטיילענדיג פון פריוואַטע געשפּרעכען, זיינען וועגען דער פראַגע פאַראַן צוויי מיינונגען. די חברים, וואָס געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון דער סאָוועטען־אַטמאָספערע, זיינען אָפט געניינגט צו דעם, אַז מען זאָל זיך שטעלען צום געריכט. די וואָס שטעהען נעהענטער צו די ארבייטער־מאַסען זיינען, קענטיג, געניינגט, אַז מען דאַרף זיך ניט שטעלען צום געריכט. אויב מען זאָל רעכענען, אַז אין רוסלאַנד איז פאַראַן און איז מעגליך אַ ריכטיגע רעגירונג, אַ ריכטיגער געריכט, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט טאַקע איינבארופען ווערען, דאַן קען מען קומען

צום אויספיהר, אז מען דארף זיך שטעלען צום געריכט. אָבער אזאַ מיינונג איז דורך און דורך פאַלש. די לעצטע פּאַסירונגען, נאָכ'ן 4טען יולי, האָבען באַשיינפּערלאך געצייגט, אז אָהן אַ נייער רעוואָלוציע וועט מען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג ניט איינ־באַרופען, אַז קיין ריכטיגע רעגירונג און קיין ריכטיגער געריכט זיינען אין רוסלאַנד ניטאָ און זיינען איצט ניט מעגליך.

„דער געריכט איז אַן אָרגאַן פון מאַכט. דאָס פאַרגעסען אָפטמאָל די ליבעראַלען. אַ מאַרקסיסט טאָר עס ניט פאַרגעסען. קיין רעגירונג איז ניטאָ. זי בייט זיך יעדען טאָג. עס הערשט אַ מיליטעריִשע דיקטאַטור. איז דען ניט לעכערליך אונטער אַזוינע אומשטענדען צו רעדען וועגען אַ געריכט? איז דען ניט נאַאיוו צו דענקען, אַז אַ וואָסער עס איז געריכט וועט אונטער אַזוינע אומשטענדען קענען עפּעס פאַנאַנדערקלייבען, פעסטשטעלען און אויספאָרשען?

„די מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון אַ מיליטערישער דיקטאַטור און אָהן אַ נייער רעוואָלוציע קען דיזע מאַכט בלויז פאַרשטאַרקערען זיך אויף אַ געוויסער צייט, אויף דער צייט פון קריג, קודם כל.

„זאָלען די אינטערנאַציאָנאַליסטען ארבייטען אומלעגאַל לויט זייערע כחות, אָבער זאָלען זיי ניט באַגעהן די נארישקייט פון איבערגעבען זיך פרייוויליג אין די הענט פון דער מאַכט". *)

אָט מיט אזוינע פאַלשע באַהויפּטונגען, אז אין לאַנד (אין קערענסקי'ס צייטען) הערשט כלומרשט אַ מיליטערישע דיקטאַטור, אז די צייטווייליגע רעגירונג וועט כלומרשט ניט איינבארופען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אז אונטער דער „מיליטערישער דיקטאַ־טור" איז ניט מעגליך קיין ריכטיגער געריכט און די ארבייטער־מאַסען זיינען כלומרשט געגען דעם, אַז ער זאָל זיך שטעלען צום גע־ריכט, האָט עס לענין געזוכט צו פאַרענטפערען זיך פאַר זיינע חברים פאַרוואָס ער איז אנטלאָפען און האָט מורא צו ערשיינען

---

*) "Пролетарская Революция" № 1 (Январь), 1925 г. Госуд. Издательство, Москва. Стр. 37.

פאר א געריכט פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען דעמאָלט געהערשט אין די סאָוועטען!...

אין יאָהר 1921 האָט דער וועלט־באַריהמטער דייטשער סאָציאַליסט, עדואַרד בערנשטיין, פאַרעפענטליכט אין בערלינער „פאָרווערטס" א לאַנגען ארטיקעל, אין וועלכען ער האָט באַהויפּטעט, אז ער קען מיט דאָקומענטען אין האַנד באַווייזען, אז נאָך דעם ווי דער צאַריזם איז געפאַלען, האָט לענין באַקומען פון דעם דייטשען גענעראַל־שטאַב א גרויסע סומע געלט אויף אָנצופיהרען די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישען דער רוסישער אַרמיי און אויף אָרגאַניזירען דעם אויפשטאַנד געגען קערענסקי'ס רעגירונג.

„עס איז באַקאַנט, שרייבט עדואַרד בערנשטיין, און ערשט ניט לאַנג צוריק איז עס ווידער אמאָל באַשטעטיגט געוואָרען פון גענעראַל האָפמאַן,*) אז דאָס האָט די קייזערליכע רעגירונג, אויף דער אויפפאָדערונג פון דעם דייטשען גענעראַל־שטאַב געלאָזט לענינ'ען און זיינע חברים אין פאַרשלאָסענע סאַלאָן־וואַגאָנען דורכפאָהרען דורך דייטשלאַנד, כדי זיי זאָלען אין רוסלאַנד קענען אָנפיהרען זייער אַגיטאַציע. עס קענען זיין פאַרשידענע מיינונגען וועגען דעם, צי עס איז דער־לאָזבאַר פאַר סאָציאַליסטען אָנצונעהמען אזוינע טובות פון אזעלכע קוועלען, אָבער מיט אָט דער פּאַסירונג איז פאַרבונדען נאָך א צווייטע פּאַסירונג, וואָס דאַרף נאָך אויפגעקלעהרט ווערען.

„לענין און זיינע חברים האָבען פון דער קייזערליכער דייטש־לאַנד באַקומען גרויסע סומען געלט אויף אָנצופיהרען אין רוס־לאַנד זייער צושטערענדע אגיטאַציע. איך האָב זיך וועגען דעם דערוואוסט נאָך אין דעצעמבער פון יאָהר 1917. דורך מיינעם

*) דער גענעראַל, וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון דער דייטשער אַרמיי אויפ'ן מזרח־פראָנט און וועלכער האָט אין ברעסט־ליטאָווסק געפיהרט די אונטערהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס וועגען שלום. — ד. ש.

א פריינד האָב איך אָנגעפּרעגט ביי א געוויסע פּערזאָן, וועלכע האָט צוליב דעם אמט, וואָס ער האָט פאַרנומען, געמוזט זיין אינפאָרמירט וועגען דעם, צי דאָס איז אמת, און איך האָב באַקומען א באַשטעטיגענדען ענטפער. איך האָב אָבער דעמאָלט ניט געקענט אויסגעפינען ווי גרויס עס זיינען די סומען געלט און ווער עס איז אָדער ווער עס זיינען געווען דער אָדער די פאַרמיטלער. (צווישען דער קייזערליכער רעגירונג און לענינ'ען). יעצט האָב איך פון אבסאָלוט פאַרטרויענסווערטע קוועלען ערפאַהרען, אז עס האָט זיך געהאַנדעלט אום א זעהר גרויסער, כמעט אומגלויבליכער סומע, פון זיבער מעהר ווי פופציג מיליאָן גאָלדענע מאַרק, פון אזא גרויסער סומע, אלזאָ, אז ביי לענינ'ען און זיינע חברים האָט קיין שום צווייפעל ניט געקענט זיין פון וועלכע קוועלען די געלדער קומען.

„איינער פון די רעזולטאַטען פון דעם איז געווען דער ברעסט־ליטאָווסקער פרידען. גענעראַל האָפמאַן, וועלכער האָט דאָרט אונטערהאַנדעלט מיט טראָצקי'ן און די אַנדערע באָלשע־וויסטישע דעלעגאַטען וועגען פרידען האָט, אלזאָ, אין א דאָפּעלטען הינזיכט געהאַט די באָלשעוויקעס ביי זיך אין האַנט און ער האָט עס זיי שטאַרק געלאָזט פיהלען".*)

בערנשטיין האָט אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל אויפגעפאָדערט די באָלשעוויקעס, אז זיי זאָלען איהם אָנקלאָגען אָדער אין דעם דייטשען געריכט אָדער פאַר א קאָמיסיע פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, אויב זיי געפינען אז ער האָט אויף זיי געמאַכט א בלבול. די באָלשעוויקעס האָבען איהם, פאַרשטייט זיך, אָפּגעזידעלט און ניט אָנגעקלאָגט פאַר קיינעם.

עס איז, נאַטירליך, לעכערליך צו באַהויפּטען, אז לענין איז געווען א פשוט'ער באַצאָהלטער אַגענט פון דייטשען שטאַב.

---

*) זעה עדוארד בערנשטיין „איין דונקעלעס געשיכטע", בערלינער „פאָרווערטס" פון 14טען יאנואר, 1921.

עס איז אָבער אָהן צווייפעל אַ פאַקט, אַז ער האָט טאַקע גע־ארבייט האַנט אין האַנט מיט דייטשלאַנד און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו פון נעמען געלט ביי די דייטשע מיליטאַריסטען, ער האָט אָבער געהאַט דערביי זיינע אייגענע צוועקען. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער הילף פון דייטשען קייזער, פונקט ווי ער האָט זיך פריהער באַנוצט מיט דער הילף פון פּראָוואָקאַטאָרס און פון אַזוינע נפשות ווי „חבר וויקטאָר", אום דורכצופיהרען זיינע אייגענע פּלענער.

אין זיין פריהער ציטירטען בוך „וועגען לענינ'ען" שרייבט טראָצקי:

„נאָך דעם יולי־אויפשטאַנד האָט לענין מיר געזאָגט: „איצט וועלען זיי אונז דערשיסען. איצט איז פאַר זיי דער פּאַסענדסטער מאָמענט".

„צום גליק, זאָגט טראָצקי, זיינען אונזערע שונאים דעמאָלט נאָך ניט געווען גענוג אויסגעהאַלטען און האָבען ניט געהאַט גענוג מוט דאָס צו טאָן". *)

נאָך דעם יולי־אויפשטאַנד און לענין'ס אַנטלויפען זיינען די באָלשעוויקעס כמעט אינגאַנצען אַרונטער פון דער סצענע. די רעאַקציע צווישען די אַרבייטער און סאָלדאַטען געגען באָלשעוויזם איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די באָלשעוויסטישע פיהרער, וואָס זיינען געבליבען אויף דער פריי, האָבען פשוט מורא געהאַט צו ציינען זיך אויף אַן עפענטליכער פאַרזאַמלונג.

צום אומגליק אָבער האָט די צייטווייליגע רעגירונג ניט באַ־וויזען אין צייט אַרויסצוגעהן פון דער מלחמה. די נייע רעגירונג איז ניט געווען בכח אין איין און דערזעלבער צייט אי פאַרנעמען זיך מיט איבערבויען דאָס לאַנד פון אויבען ביז אַרונטער, אי פיהרען די מלחמה. מיט יעדען טאָג, וואָס די מלחמה איז פאַרטגעזעצט געוואָרען, איז אַלץ מעהר געוואַקסען די אונצופרידענהייט אין לאַנד. די סאָלדאַטען האָבען געוואָלט וואָס שנעלער אומקערען זיך אַהיים און געניסען פון דער ניי־געוואונענער פרייהייט און פון

*) Л. Троцкий. О Ленине. Стр. 58.

דער ערד, וואָס די רעגירונג האָט באַשלאָסען צו קאָנפיסקירען בײ די גוט־באַזיצער און פאַרטיילען צווישען די פּויערים.

די סאָלדאַטען האָבען גענומען מאַסענווייז אַנטלױפען פון די שלאַכט־פעלדער. די ליבעראַלען און איבערהויפּט די פּאַטריאָטישע גענעראַלען און אָפיצערען האָבען עס צוגעשריבען צו דעם, וואָס די סאָציאַליסטישע רעגירונג איז שוואַך, וואָס זי נעמט ניט אָן קיין ענערגישע מיטלען אײנצופיהרען צוריק דיסציפּלין אין דער אַרמײ און צווינגען די סאָלדאַטען מיט געוואַלד צו בלײבען אויפ׳ן שלאַכט־פעלד אַזוי לאַנג ווי די מלחמה וועט מוזען אָנגעפיהרט ווערען.

די דאָזיגע רעכטע עלעמענטען, אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון גענעראַל קאָרנילאָוו, האָבען געמאַכט אַ פאַרזוך צו שטירצען די צייטווײליגע רעגירונג און אײנפיהרען אַ מיליטערישע דיקטאַטור. קערענסקי׳ס רעגירונג איז געלונגען אָהן בלוט־פאַרגיסונג צו אונטערדריקען דעם קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד, אָבער דער דאָזיגער אויפשטאַנד האָט געגעבען דעם לעצטען קלאַפּ דער צייטווײליגער רעגירונג. די סאָלדאַטען האָבען פאַרלאָרען דעם צוטרויען צו די אָפיצערען און די אָפיצערען זײנען אין זײער ריזיגער מערהייט געוואָרען ביטערע פײנד פון דער צייטווײליגער רעגירונג. דער קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד האָט געשאַפען אַ נײעם גינסטיגען באָדען פאַר דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע. אין צייט פון דעם קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד האָט קערענסקי באַפרײט די אַלע באָלשעוויקעס, וואָס זײנען געווען אַרעסטירט. לענין, וועלכער האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט אַרויסצוקומען פון באַהעלטעניש, איז אַרײבערגעפאָהרען נעהענטער צו פּעטראָגראַד, כדי צו קענען פערזענליך אָנפיהרען מיט דער צוגרייטונג פון אַ נײעם באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד.

דעם 10טען אָקטאָבער (דעם 23טען לויט דעם נײעם סטיל) 1917 האָט לענין אויף אַ געהײמער זיצונג פון באָלשעוויסטישען צענטראַל־קאָמיטעט, אויף וועלכען עס זײנען אַנוועזענד געווען לענין, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, סטאַלין, טראָצקי, סווערדלאָוו, אוריצקי, דזשערזשינסקי, קאָלאָנטאַי, בובנאָוו, סאָקאָלניקאָוו און לאָמאָוו, געפאָדערט, אַז מען זאָל ניט וואַרטען אויף דער גרינדונגס־

פאַרזאַמלונג *) און גלייך אָרגאַניזירען דעם אויפשטאַנד אויף צו פאַרכאַפּען די מאַכט.

„די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע איז אַזאַ, — האָט לענין גע־זאָגט, — אַז מיר דאַרפען מאַכען דעם אָנפאַנג (דעם אָנפאַנג פון אַן אויפשטאַנד געגען קריג — ד. ש.). די גלייכגילטיגקייט פון די מאַסען קען מען ערקלערען מיט דעם, וואָס די מאַסען זיינען מיד געוואָרען פון ווערטער און רעזאָלוציעס.

„די מערהייט איז איצט מיט אונז. פּאָליטיש איז די זאַך דורכאויס צייטיג פאַר דעם איבערגאַנג פון דער מאַכט אין אונ־זערע הענט.

„די פּויערים־אונרוהען אנטוויקלען זיך אויך אין דער זעלבער ריכטונג, וואָרים עס איז קלאָר, אַז עס זיינען נויטיג העראָאישע מיטלען כדי איינצולעשען אָט די באַוועגונג.

„די פּאָליטישע אומגעבונג איז, אַלזאָ, צייטיג. מען דאַרף רעדען וועגען דער טעכנישער זייט. דאָס איז די הויפּט־זאַך, ווערענד מיר זיינען גאַר ווי די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען גענייגט צו באַטראַכטען די סיסטעמאַטישע צו־גרייטונג פון אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד פאַר אַ זינד. וואַרטען ביז דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט זיכער זיין ניט מיט אונז, איז אונזיניג, מחמת דאָס מיינט שווערער מאַכען אונ־זער אויפגאַבע".**)

אין אַ פּאָר טעג אַרום ווען לענין האָט זיך דערוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס ווילען אָפּלעגען די פראַגע וועגען איבערנעמען די מאַכט ביז'ן נייעם קאָנגרעס פון די סאָוועטען, וועלכער איז איינ־באַרופען געוואָרען אויף ענדע אָקטאָבער***) האָט ער זיך געווענ־דעט מיט אַ בריף צו די באָלשעוויסטישע מיטגלידער פון די פּעטער־

---

*) די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט געזאָלט איינבאַרופען ווערען אין נאָוועמבער.

**) "Пролетарская революция" № 10, Москва, 1922 г. Стр. 462.

***) די באָלשעוויקעס האָבען שוין דעמאָלט געהאַט אַ מאַיאָריטעט אין די סאָוועטען פון פּעטערבורג, מאָסקווע און פון אייניגע אַנדערע שטעדט.

בורגער און מאָסקווער סאָוועטען, אין וועלכען ער האָט צווישען אנדערעם געשריבען:

„די פויערים־אויפשטאנדען וואקסען. די רעגירונג פאַר־שטארקט די ווילדסטע רעפּרעסיעס. אין דער אַרמיי וואקסט די סימפּאַטיע צו אונז (99 פּראָצענט פון די מאָסקווער סאָלדאטען זיינען פאַר אונז, די סאָלדאַטען און דער פלאָט פון פינלאַנד זיינען געגען דער רעגירונג).

„אין דייטשלאנד איז קלאָר אז עס האָט זיך אָנגעפאנגען די רעוואָלוציע, איבערהויפּט נאָך דער צושיסונג פון די מאטראָזען.*) אין די וואהלען צום מאָסקווער סאָוועט האָבען די באָלשעוויקעס באקומען 47 פּראָצענט פון די שטימען.** צוזאמען מיט די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען וועלען מיר זיכער האָבען א מאיאָריטעט אין לאַנד.

„ביי אַזוינע באדינגונגען איז „וואַרטען” פּשוט א פאַרברעכען. די באָלשעוויקעס האָבען קיין רעכט ניט צו וואַרטען אויפ'ן צוזאמענפאָהר פון די סאָוועטען. זיי דארפען זאָפאָרט פאַרכאַפּען די מאַכט. דערמיט וועלען זיי ראַטעווען די אַל־וועלטליכע רעוואָלוציע (וואָרים, אז ניט איז דאָ א געפאַהר, אז די אימפּעריאַליסטען פון אַלע לענדער וועלען שליסען צווישען זיך אַן אָפּמאַך, וועלכע וועלען איצט, נאָך די צושיסונגען אין דייטשלאנד, ווערען נאָכגעביגער, און זיי וועלען זיך פאַראייניגען

---

*) צו יענער צייט האָבען די באָלשעוויסטישע צייטונגען באַריכטעט, אַז אין דייטשלאַנד זיינען פאָרגעקומען אויפשטאַנדען פון דער אַרמיי, און אז די רעגירונג האָט אויסגעשאָסען מאַסען מאַטראָזען און סאָלדאַטען. דער באריכט איז געווען א פאלשער. די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד איז געקומען ערשט אין מעהר ווי א יאהר שפּעטער, ווען די דייטשע ארמיי איז צוקלאפּט געווארען אויפ'ן פראנצויזישען פראָנט.—ד. ש.

**) דאָ איז נויטיג צו באַמערקען, אז די סאָוועטען זיינען באַ־שטאַנען פון פאָרשטעהער פון אַרבייטער און פאָרשטעהער פון די סאָל־דאַטען. די באָלשעוויקעס האָבען זיך הויפּטזעכליך געשטיצט אויף די שטימען פון די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען ניט געוואָלט געהן אויפ'ן פראָנט.

געגען אונז) און מיר וועלען ראטעווען די רוסישע רעוואָלוציע און די לעבענס פון די הונדערטע טויזענטער מענשען אויף דער מלחמה.

„אָפּלעגען איז אַ פאַרברעכען. וואַרטען ביז׳ן צוזאַמענפאָהר פון די סאָוועטען איז אַ קינדער־שפּיל, אַ פאָרמאַליטעט, אַ שענד־ליכער שפּיל אין פאָרמאַליטעט, אַ פאַרראַט פון דער רעוואָלוציע״. *)

אַ טייל מיטגלידער פון באָלשעוויסטישען צענטראַל־קאָמיטעט, צווישען זיי קאַמעניעוו און זינאָוויעוו, זיינען ניט געווען איינ־שטימיג מיט לענינ׳ען. זיי זיינען געווען געגען דעם אויפ־שטאַנד. די מערהייט האָט אָבער איינגעשטימט מיט לענינ׳ען און דעם 25טען אָקטאָבער (דעם 7טען נאָוועמבער לויט׳ן נייעם סטיל) 1917 האָט טראָצקי מיט דער הילף פון די קראָנשטאַטער מאַטראָזען און אַ טייל פון די פעטערבורגער סאָלדאַטען ארעסטירט די צייטווייליגע רעגירונג און פאַרכאַפּט די מאַכט, געגען דעם ווילען פון דער אַלרוסישער צענטראַלער עקזעקוטיווע פון די סאָ־וועטען און ניט וואַרטענדיג אויף דער צושטימונג פון דעם נייעם קאָנגרעס פון די סאָוועטען, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען מיט אַ טאָג שפּעטער. ווי באַוואוסט, זיינען די באָלשעוויקעס די ערשטע צייט, ווען זיי האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט, ניט געווען זיכער, אַז זיי וועלען קענען די מאַכט אָנהאַלטען. לונאַטשאַרסקי דערצעהלט, צ. ב., אין זיינע ערינערונגען, אַז אייניגע באָלשעוויסטישע פיה־רער האָבען געדענקט, אַז העכסטענס וועלען זיי זיך קענען האלטען אין מאַכט אַ וואָכען 6—5.

אין דער צייט, ווען אין פעטערבורג און מאָסקווע זיינען נאָך אָנגעגאַנגען שלאַכטען צווישען די אָנהענגער פון דער צייטווייליגער רעגירונג און די באָלשעוויקעס און קערענסקי האָט מאַרשירט מיט אַן אַרמיי אויף פעטערבורג, האָבען די באָלשעוויקעס פּלוצלונג אָנגעפאַנגען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט די לינקע מענשעווי־קעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען וועגען אָרגאַניזירען אַ רעגירונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. פון די פּראָטאָקאָ־

*) Пролетарская революция” № 10, Стр. 464-5.

לען פון באָלשעוויסטישען צענטראל־קאָמיטעט פון יענער צייט, וועלכע זיינען מיט פינף יאָהר שפּעטער פאַרעפענטליכט געוואָרען אין זעלבען נומער „פּראָלעטארסקאַיאַ רעוואָלוציאַ", דערוויסען מיר זיך, אַז דאָס איז געווען ניט מעהר ווי אַ טריק פון לענין'ס זייט אין די דאָזיגע פּראָטאָקאָלען לעזען מיר:

„חבר לענין האַלט, אַז די אונטערהאַנדלונגען מיט די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען נויטיג אַלס אַ דיפּלאָמאַטישער צוג צו באהאלטען די מיליטערישע אָפּעראַציעס". *

פּאָדוואָיסקי, איינער פון די הויפּט־אָנפיהרער פון דעם באָלשעוויסטישען אויפשטאנד, דערצעהלט אין זיינע ערא‍ינערונגען:

"דעם 25טען אָקטאָבער האָט זיך געעפענט דער אַלרוסישער צוזאַמענפאָהר פון די ארבייטער און סאָלדאטען דעפּוטאַטען. מיר האָבען געהאַט בדעה צו פאַרכאַפּען די מאַכט, איידער דער צוזאַמענפאָהר עפענט זיך, כדי אַוועקצושטעלען דעם צוזאַמענפאָהר פאַר אַ געשעהענעם פאַקט. דער גאַנצער סמאָלני (די הויפּט־קווארטיר פון די באָלשעוויקעס) איז געווען שרעקליך נערוועז, וואָס עס געלינגט ניט אַזוי שנעל איינצונעמען דעם ווינטער־פּאַלאַץ (דער אָרט, וואו עס איז געזעסען די צייטווייליגע רעגירונג). יעדע מינוט פון אָנגעשטרענגטער ערוואַרטונג האָט אויסגעזעהן ווי אַ שעה. דער חבר לענין האָט צוגעשיקט מיר, טשודנאָווסקי'ן און אַנטאָנאָוו'ען צעהנדליגע צעטלאַך, אין וועלכע ער האָט זיך געזידעלט, וואָס מיר פאַרציהען די ערעפענונג פון קאָנגרעס און רופען דערמיט ארויס אַן אויפרעגונג צווישען די דעלעגאַטען: „מען דאַרף עפענען די זיצונג פון קאָנגרעס און דער ווינטער־פּאַלאַץ איז נאָך אַלץ ניט איינגענומען געוואָרען", האָט ער געמאָנט ביי אונז". *)

אַז לענין און טראָצקי האָבען דורכגעפיהרט די „פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע" געגען דעם ווילען פון די סאָוועטען, אָהן דעם אנטייל פון די ארבייטער און מיט דער הילף פון אַ טייל מאטראָזען

---

*) "Пролетарская Революция" № 10, стр. 77-78.

און סאָלדאַטען, וועלכע האָבען צום סאָציאַליזם קיין שום שייכות ניט געהאַט, דאָס האָבען אַלע די, וואָס האָבען נאָר געוואָלט וויסען, שוין געוואוסט פון לאַנג. זעהר ווייניגע ווייסען אָבער, אַז אָהן דער הילף פון די מאָנאַרכיסטישע אָפיצערען וואָלטען די באָלשעוויקעס קיינמאָל ניט געקענט זיגען. די מאָנאַרכיסטען האָבען דערביי געהאַט אַ גאַנץ באַשטימטע כונה. זיי האָבען קודם כל געוואָלט שטירצען די צייטווייליגע רעגירונג און מיט די באָלשעוויקעס, האָבען זיי געהאָפט, וועט זיי שפּעטער זיין אַ סך לייכטער פאַרטיג צו ווערען.

אָט וואָס טראָצקי אַליין האָט שפּעטער דערצעהלט וועגען דעם אַנטייל פון די מאָנאַרכיסטען אין דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע”:

„מען דאַרף זאָגען, — דערצעהלט טראָצקי, — אַז אין ערשטען פּעריאָד (פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש—ד. ש.) איז די ראָלע פון די אָפיצערען געווען אַ מערקווירדיגע. ווען איך און לענין האָבען דורכגעפיהרט פאַרזאַמלונגען פון די אָפיצערען פון פּעטערבורגער גאַרניזאָן, וואו עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען די קאָמאַנדירען געגען קערענסקי'ן, זיינען דאָרט נייע קאָמאַנדירען געווען זעהר ווייניג. זיי אַלע זיינען געווען אָפיצערען פון דער צאַרישער אַרמיי און דאָך איז די מערהייט פון אָט די אָפיצערען געווען פאַר אונז. עס איז קלאָר, אַז אין די מערסטע פאַלען האָבען זיי בלויז געוואָלט אונז העלפען אַרונטערוואַרפען קערענסקי'ן. מיט אונזערע סאָלדאַטען אויף דעם פולקאָוו־באַרג (לעבען פּעטערבורג) האָט קאָמאַנדירט דער פּאָלקאָווניק וואַלדען. דאָס האָט ער אַרומגערינגעלט מיט אַ גרויסער מיליטערישער אָפּטיילונג די אַרמיי פון גענעראַל קראַסנאָוו און דיזער צוזאַמענשטויס האָט עס אַנטשיידען דעם שיקזאַל פון קערענסקי'ס מאַרש (אויף פּעטראָגראַד). אָט דער וואַלדען איז געווען אַ טיפּישער פּאָלקאָווניק און וואָס עס האָט איהם געטריבען מלחמה צו האַלטען ווייס איך עד היום ניט. ער איז שוין

האָט ניט געקענט זיין, ווייל ער האָט קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען. גאָר קענטיג, אַז דער האַס צו קערענסקי'ן איז אין איהם געוועזן אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט צייטווייליג סימפּאַטיזירט מיט אונז". *)

דער באַקאַנטער אָידיש־רוסיש־פראַנצויזישער סאָציאַליסט שאַרל ראַפּאַפּאָרט, וועלכער איז איצט גראָד אַליין אַ קאָמוניסט, האָט אין 1914 געשריבען וועגען לענינ'ען פאָלגענדעס:

„מיר אנערקענען לענינ'ס פאַרדינסטען. ער איז אַ מענש פון אַ שטאַרקען ווילען און אַן אומפאַרגלייכליכער אָרגאַניזאַטאָר פון גרופּען. אָבער לענין האַלט נאָר זיך אַליין פאַר אַ סאָציאַליסט און ווער עס טרעט אַרויס געגען איהם, יענער איז אויף אייביג פאַראורטיילט פון איהם. ער פאַרנעמט אין רעוואָלוציאָנערען לאַגער דיזעלבע לאַגע, וואָס סטאָליפּין האָט פאַרנומען אינ'ם צאַרישען לאַגער. אין טויט־שטראָף זעהט ער דעם איינציגען מיטעל צו פאַרזי־כערען דעם לעבען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דאָס איז אַ מענש, וועלכער ערקלערט מלחמה יעדען איינציגען, וועלכער דענקט ניט אַזוי ווי ער. אָנשטאָט צו קעמפען מיט זיינע געגנער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דורך סאָציאַליסטישע מי־טאָדען, דורך דיסקוסיעס, ווייס לענין נאָר פון געברויכען כירור־גישע מיטלען, פון אָפּצאַפּען דאָס בלוט. קיין פּאַרטיי וואָלט ניט געקענט עקזיסטירען אונטער דעם רעזשים פון אָט־דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען קייסערעל, וועלכער האַלט זיך פאַר אַן אויבער־מאַרקסיסט, אָבער וועלכער איז אין דער ווירקליכקייט אַן אוואַנ־טוריסט פון העכסטען שניט. איך געהער ניט צו קיינע פון די קעמפענדע פראַקציעס. אָבער די לאַנג־יעהריגע ערפאַהרונג האָט אונז געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז לענינ'ס זיג וואָלט געוועזן די גרעסטע געפאַהר פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע. לענין וועט איהר אַזוי פעסט צונויפדריקען אין זיינע אַרימס, אַז זי וועט אין זיי דערשטיקט ווערען". און אָט די נבואה איז פאָלשטענדיג מקוים געוואָרען.

*) "Пролетарская Революция" № 10, 1922 г. Стр. 61-62.

עלפטער קאפיטעל.

לענין אלם דיקטאטאר פון גאנץ רוסלאנד.

די אונטערדריקונג פון דער פרייער פרעסע. — די צוטריבונג פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג און די פראקלאמירונג פון דער סאוועטען־מאכט.— לענין און דער רויטער טעראר. — וואס טראצקי דערצעהלט. — לענין'ס עקספערימענטען אין סאציאליזם.

מיט איניגע וואכען פאר דער באלשעוויסטישער איבער־קערעניש האט לענין פארעפענטליכט א בראשורע אונטער דעם נאמען „וועלען די באלשעוויקעס קענען איינהאלטען די מאכט?" אין דער דאזיגער בראשורע האט לענין געזוכט צו באווייזען זיינע תלמידים, אז אויב דער צאר האט געקענט רעגירען איבער רוסלאנד מיט דער הילף פון 130 טויזענט אדעליגע, גוט־באזיצער, וועלען די באלשעוויקעס מיט דער הילף פון 200 טויזענט קאמוניסטען אודאי און אודאי קענען אנהאלטען די מאכט. כאראקטעריסטיש אבער איז געווען ניט אזוי לענין'ס ארגומענטאציע, ווי דער עצם נאמען פון דער בראשורע. די פראגע פאר לענין'ען איז געווען ניט צו די באלשעוויקעס וועלען קענען פארווירקליכען זייער פראגראם, נאר צי זיי וועלען קענען איינ־האלטען די מאכט. אין דעם האט זיך ווי אין א טראפען וואסער אפגעשפיגעלט לענין'ס גאנצער פאליטישער מהות. קיין באשטימטע פראגראם האט ער ניט געהאט. די הויפט־זאך פאר איהם איז געווען ארייצוקריגען און אנהאלטען די מאכט. און אום צו דערגרייכען אט דעם ציל האט ער זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיינע מיטלען.

איך האב שוין אין א פאריגען קאפיטעל דערמאנט, אז בעת לענין האט פאר די אונוויסענדע מאסען ארויסגעשטעלט דעם לאזונג

„די גאַנצע מאַכט צו די סאָוועטען!״ איז ער אין דער אמת'ען גאָר געווען אַ געגנער פון דעם, אַז די רעגירונגס־מאַכט זאָל אַריבער צו די סאָוועטען.

„דער לאָזונג, אַז די מאַכט זאָל אַריבער צו די סאָוועטען, האָט לענין געשריבען נאָך דעם ניט געלונגענעם באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד פון יולי 1917 צום באָלשעוויסטישען צענטראַל־קאָמי־טעט, וואָלט איצט געקלונגען ווי אַ דאָן־קיכאָטסטוואָ אָדער ווי אַ חוזק. דיזער לאָזונג וואָלט אָביעקטיוו געווען אַן אָפּנאַרעריי פון פאָלק. דאָס וואָלט געמיינט פאַרשפּרייטען ביים פאָלק פאַלשע אילוזיעס, אַז אין די סאָוועטען געפינען זיך נאָך כלומרשט פאַר־טייען, וואָס האָבען זיך ניט פאַרפלעקט מיט אַרויסהעלפען די הענקער... די איצטיגע סאָוועטען זיינען באַנקראָט, ווייל דאָרט הערשען די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. אין איצטיגען מאָמענט זיינען די סאָוועטען געגליכען צו אַ סטאַדע באַראַנען, וועלכע מען האָט געבראַכט אין שלאַכט־הויז, אוועקגע־שטעלט אונטער'ן מעסער און זיי „מעקען״. דער לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטען!״ קען פאַרשטאַנען ווערען אַלס אַן איינפאַכער רוף, אַז די מאַכט זאָל אַריבער טאַקע צו די דאָזיגע סאָוועטען, און פאַרדיגען דאָס, וואָלט הייסען אָפּנאַרען דאָס פאָלק״. *)

מיר זעהען, אַלזאָ, אַז לענין איז געבליבען אַ געגנער פון די סאָוועטען ביז דער לעצטער מינוט. ערשט ווען ער האָט פאַר־כאַפּט די מאַכט און איז געווען אימשטאַנד מיט דער הילף פון סאָלדאַטען און מאַטראָזען צוו צוטרייבען די סאָוועטען, וואָס האָבען ניט געוואָלט געהן אין באָלשעוויסטישען שפּאַן, און באַ־שטימען אַזוינע סאָוועטען, וואָס זאָלען זיין אַ ווערקצייג אין די הענט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, איז ער געוואָרען אַן אָנהענגער פון „סאָוועטיזם״ און האָט זיין דיקטאַטור אַ נאָמען געגעבען „סאָוועטען־מאַכט״.

איינער פון די הויפּט־לאָזונגען פון די באָלשעוויקעס ביים

---

*) Н. Ленин. Собрание сочинений. Том 14-ый, часть 2ая, стр. 14-18.

פאַרכאַפּן די מאַכט איז געווען „די באַלדיגע איינבאַרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג!” די באָלשעוויסטישע רעדנער און די באָלשעוויסטישע צייטונגען האָבן כסדר געשריען, אַז קערענ־סקי׳ס רעגירונג וויל ניט צוזאַמענרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און אַז נאָר דאַן, ווען די באָלשעוויקעס וועלן איבערנעמען די מאַכט, וועלן זיי גלייך איינבאַרופן די אַלרוסישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. טראָצקי דערצעהלט אין זיין שוין דערמאָנטען בוך „וועגען לענינ׳ען”, אַז לענין האָט אין דער אמת׳ען קיינמאָל גאָר ניט בדעה געהאַט איינצורופן אַ דעמאָקראַטישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

„שוין אין די ערשטע טעג, אויב ניט אין די ערשטע שטונדען, נאָכ׳ן אויפשטאַנד, — שרייבט טראָצקי, — האָט לענין אוועקגע־שטעלט די פראַגע וועגען דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

— מען דאַרף אָפּלעגען די וואַהלען. מען דאַרף געבען וואַהל־רעכט די 18־יאָהריגע. מען דאַרף די קאָרנילאָוועצעס און קאַדעטען (קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען) ערקלערען אויסער׳ן געזעץ *), — האָט לענין גע׳טענה׳ט.

„מען האָט געפּרוּווט אַרגומענטירען מיט איהם: „עס פּאַסט דאָך ניט. מיר אַליין האָבן דאָך באַשולדיגט די צייטווייליגע רעגירונג, אַז זי פאַרשלעפּט די וואַהלען צו דער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג”.

— נאַרישקייטען! — האָט לענין אויף דעם געענטפערט. — וויכטיג זיינען פאַקטען, ניט ווערטער.

„שפּעטער, ווען עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז מיר, שוין

*) דאָס הייסט, אַז יעדער איינער קען זיי ערמאָרדען און דער געזעץ זאָל איהם דערפאַר ניט באַשטראָפען. אַזאַ דעקרעט האָט לענין טאַקע אין אַ פּאָר טעג אַרום אַרויסגעגעבען און דער רעזולטאַט פון אַט דעם דעקרעט איז געווען, אַז באָלשעוויסטישע מאַטראָסען האָבן טאַקע ערמאָרדעט צוויי פון די אָנגעזעהענסטע פיהרער פון די ליבעראַלען, ביידע געוועזענע מיטגלידער פון דער צייטווייליגער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, פּראָפ. פ י אָ ד אָ ר ק אָ ק א ש ק י ן און אַ נ ד ר ע י ש י נ ג אַ־ר י אָ ו ו און די מערדער זיינען טאַקע ניט באַשטראָפט געוואָרען.

צוזאמען מיט די לינקע עס־ערען, וועלען דאָך זיין א מינאָריטעט אין דער גרינדונגס־פאַרזאמלונג, האָט לענין געזאָגט:

— די גרינדונגס־פאַרזאמלונג דאַרף מען, נאַטירליך, צו־טרייבען...

„מיט א טאָג פריהער, איידער די גרינדונגס־פאַרזאמלונג האָט זיך באַדאַרפט עפענען, האָט חבר לענין אָנגעגעבען א באפעהל, אז מען זאָל ברענגען אין פעטראָגראַד א רעגימענט לאַטישען.

— אויפ'ן רוסישען פויער (ד. ה. אויף די רוסישע סאָלדאטען) קען מען זיך ניט פאַרלאָזען, ער קען אַריבערגעהן אויפ'ן צווייטען צד, — האָט לענין געזאָגט. — דאָ איז נויטיג פּראָלעטארישע אנטשלאָסענהייט. *)

שפּעטער, דערצעהלט טראָצקי, שוין נאָכדעם ווי די גרינדונגס־פאַרזאמלונג איז צוטריבען געוואָרען, האָט לענין איהם געזאָגט:

„עס איז געווען א טעות פון אונזער זייט, וואָס מיר האָבען ניט אָפּגעלעגט די איינרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאמלונג. מיר האָבען געהאַנדעלט זעהר ניט־פאָרזיכטיג, אָבער סוף כל סוף איז ארויסגעקומען נאָך בעסער. די צוטרייבונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאמלונג דורך דער סאָוועטען־מאַכט מיינט א פאָלשטענדיגע און אָפענע ליקווידאציע פון דער פאָרמעלער דעמאָקראַטיע אין נאָמען פון פאָרמעלער דיקטאַטור. איצט וועט עס זיין א גוטע לעקציע". טראָצקי באַמערקט דערביי:

„אָט אזוי איז ביי לענינ'ען די טעאָרעטישע באגרינדונג גע־גאַנגען האַנט אין האַנט מיט באַנוצען זיך מיט דעם לעטישען שיסער־רעגימענט.**)

איצט שעמען זיך שוין די באָלשעוויקעס ניט אויסצוזאָגען,

---

*) די לעטישע סאָלדאטען זיינען געווען פונקט אַזוינע פויערים ווי די רוסישע סאָלדאטען. זיי האָבען אָבער געהאַט די מעלה, וואָס די מערסטע פון זיי האָבען קיין רוסיש ניט פאַרשטאַנען און זיי איז געווען לייכטער אָנצורייצען אויף די רוסישע סאָציאַליסטען און ליבעראַלען.
— ד. ש.

**) Л. Троцкий. О Ленине. Стр. 92-93-94.

אז לענין׳ס „פראלעטארישע רעוואלוציע״ האט זיך די ערשטע פאר יאהר געהאלטען אויף די באיאנעטען הויפטזעכליך פון די סאלדאטען־לאטישען. אין זיין בוך „די געשיכטע פון די לעטישע רעגימענטען״ שרייבט דער באוואוסטער באלשעוויק, פ. סטוטשקא, דער געוועזענער יוסטיץ־קאמיסאר פון דער סאוועטען־רעגירונג:

„עס זיינען אנגעקומען די אקטאבער־טעג (די טעג פון דער באלשעוויסטישער איבערקערעניש). די יונגע סאוועטען־מאכט האט זיך געגויטיגט אין פארטרויענסווערטע באשיצער. אין דער וואך ארום דעם סמאלני אינסטיטוט (די געוועזענע הויפט־קוואר־טיר פון די באלשעוויקעס) ווי אויך ביים צוטרייבען די גרינדונגס־פארזאמלונג האבען זיך אין די ערשטע רייהען געפונען די אויס־דערוועהלטע חברים פון די לעטישע שיסער־רעגימענטען״.

יעדען מאל, — דערצעהלט סטוטשקא, — ווען די סאוועטען־רעגירונג האט זיך געפונען אין א קריטישער לאגע, פלעגט לענין רופען צו הילף די לאטישען. „אין דער צייט פון דעם אויפשטאנד פון די לינקע עס־ערען אין יוני 1918, — שרייבט סטוטשקא, — האט לענין געשיקט רופען מיר און די חברים דאמישעווסקי און פעטערסאן (אויך לאטישען). ווען מיר זיינען געקומען צו איהם, האט ער אונז ערקלערט, אז די לינקע עס־ערען האבען געמאכט אן אויפשטאנד און אז, לויט זיין מיינונג, איז דער איינציגער טייל פון דער ארמיי אויף וועלכען מען קען זיך פארלאזען די לעטישע דיוויזיע. ער האט געפרעגט ביי אונז אונזער מיינונג וועגען דעם און מיר האבען מיט איהם מסכים געווען. דאך האט ער פאר־געלעגט איינצולאדען איינציגע פון די פארטרויענסווערטע קאמאנ־דירען פון די לעטישע רעגימענטען. ווען זיי זיינען געקומען האט לענין זיי געגעבען איינציגע טאקטישע אנווייזונגען, אונטערשטריי־כענדיג, אז זיי מוזען האנדלען א ה ן ר ח מ נ ו ת. ווען זיי זיינען אוועק, האט לענין געגומען מיט אונז פרעהליך שמועסען, זייענדיג זיכער, אז די מאכט אין מאסקווע האלט זיך פעסט. אט אזוי שטארק איז געווען לענין׳ס גלויבען אין די לעטישע רעגי־

מענטען״.*) נאָר אויב עמיצער מיינט, אַז לענין האָט ערשט אין יוני 1918 אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען אַ קאַמף „אָהן רחמנות״ געגען זיינע געגנער, האָט ער אַ טעות.

גלייך נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט, — דערצעהלט טראָצקי, — „איז לויט דער איניציאַטיווע פון חבר קאַמעניעוו אָפּגעשאַפט געוואָרען דער געזעץ וועגען טויט־שטראָף, וואָס קערענסקי האָט איינגעפיהרט. לענין איז דעמאָלט ניט געווען אויף דער זיצונג. ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דיזען ערשטען געזעצגעבערישען אַקט, איז ער געווען אויסער זיך פון ענטריסטונג.

— נארישקייטען! — האָט ער גע׳טענה׳ט. — ווי אַזוי קען מען מאַכען אַ רעוואָלוציע אָהן היגריכטונגען?...

„קאַמעניעוו האָט פּרובירט איהם באַווייזען, אַז דער געזעץ באַציהט זיך דאָך בלויז אויף סאָלדאַטען־דעזערטירען פון פראָנט.

— דאָס איז אַ טעות, — האָט לענין גע׳טענה׳ט, — אַן אונ־פאַרצייהליכע שוואַכקייט, אַ פּאַסיפיסטישע אילוזיע...

„ער האָט פאָרגעלעגט, אַז מען זאָל תיכף אָפּשאַפען דעם דעקרעט.**) מען האָט איהם אָנגעוויזען, אַז דאָס וועט מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק. עמיצער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל זיך מאַכען ניט וויסענדיג פון דעם געזעץ און שיסען און דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען.״***)

„אין איינעם פון אונזערע אויפרופען, — דערצעהלט ווייטער טראָצקי, — איז געווען געשריבען, אַז יעדער איינער, וואָס וועט געבען הילף דעם שונא, וועט דער׳הרג׳עט ווערען אויף אָן אָרט. די לינקע עס־ערען (וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אין דער רעגירונג צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס. — ד. ש.) האָבען פּראָטעסטירט געגען אָט דעם גרויזאַמען סטראַשונאָק.

---

*) См. "Вечерняя Красная Газета", Ленинград, 23-го февраля, 1928 г.

**) ד. ה. אַז דער געזעץ וועגען טויט־שטראָף זאָל בלייבען אין קראַפט.

***) Л. Троцкий. О Ленине. Стр. 104.

— פאַרקערט, — האָט לענין אויסגערופען. — אין דעם באַשטעהט דאָך טאַקע דער אמת'ער רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס. ניט שוין זשע דענקט איהר, אַז מיר וועלען ארויסגעהען די זיגער אָהן דעם גרויזאַמסטען רעוואָלוציאָנערען טעראָר?

„דאָס איז געווען דער פּעריאָד, ווען לענין האָט ביי יעדער פּאַסענדער געלעגענהייט אריינגעקלאַפּט אין די מוחות דעם געדאַנק, אַז טעראָר איז אונפאַרמיידליך.

„לענין האָט ניט אויסגעלאָזען קיין איין געלעגענהייט, ווען מען האָט אין זיין אַנוועזענהייט גערעדט וועגען רעוואָלוציע, אום ניט צו באמערקען:

— וואו זשע איז אייער דיקטאַטור? ציינט מיר איהר. ביי אונז איז אַ קאַשע, ניט קיין דיקטאַטור. אויב מיר קענען ניט דערשיסען אַ סאַבאָטאַזשניק, אַ ווייסען־ארמייער,*) טו וואָס איז דאָס פאר אַ גרויסע רעוואָלוציע?

„לענין האָט בכיון אריינגעקלאַפּט אין קאָפּ די אידעע וועגען דער נויטווענדיגקייט פון טעראָר".

ניט קיין אַנדערער, אַלזאָ, ווי טראָצקי אליין באשטעטיגט, אַז דער באָלשעוויסטישער „רויטער טעראָר" איז איינגעפיהרט געוואָרען אויף לענינ'ס פאָדערונג, שוין אין די ערשטע וואָכען פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, נאָך איידער עס איז געווען אַ ווייסע ארמיי אויף דער וועלט און איידער די אַנטי־באָלשעוויקעס האָבען דער'הרג'עט איינינע קאָמיסאַרען.

ווי ווילד דאָס זאָל ניט קלינגען, איז עס אָבער דאָך אַ פאַקט, אַז לענין האָט אפילו אויפ'ן „רויטען טעראָר" אויך געקוקט ווי אויף אַ געוועהנליכען „עקספּערימענט", ווי אַלע אַנדערע עקספּעריד מענטען. צום צעהן יאָהריגען יובילייי פון דער „טשעקאַ" האָט די מאָסקווער „פּראַוודאַ" פאַרעפענטליכט אַ רעדע, וואָס לענין האָט

---

*) קיין „ווייסע" אַרמיי איז נאָך דאַן אויף דער וועלט ניט געווען און „סאַבאָטאַזשניקעס" זיינען דעמאָלט געווען אַלע, וואָס האָבען זיך אָנגעזאָגט צו ארביימען מיט לענינ'ען. — ד. ש.

אין יאָהר 1918 געהאַלטען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די אַגענטען פון דער „טשעקאַ“, ד. ה. פון די הענקער, וואָס האָבען אוועקגע־שיקט אויף יענער וועלט צעהנדליגע טויזענטער אומשולדיגע מענשען.

„עס איז קיין וואונדער ניט, — האָט לענין געזאָגט, — וואָס אונז קומט אוים צו הערען אָנפאַלען אויף דער טשעקאַ ניט נאָר פון אונזערע פיינד, נאָר זעהר אָפט אויך פון אונזערע פריינד. מיר האָבען אויף זיך גענומען אַ שווערע אויפגאַבע. ווען מיר האָבען איבערגענומען די פיהרונג איבער׳ן לאַנד, איז אונז נאַטיר־ליך אויסגעקומען צו מאַכען אַ סך טעות׳ען און די טעות׳ען פון דער טשעקאַ וואַרפען זיך, נאַטירליך, מעהר פון אַלץ אין די אויגען. די קליין־בירגערליכע אינטעליגענץ כאַפּט אויף דיזע טעות׳ען, ווייל זי וויל ניט אריינדרינגען טיפער אין דעם תוך פון דער זאַך. וואָס מיר וואונדערט אין די אַלע געשרייען וועגען די טעות׳ען פון דער טשעקאַ, (דאָס הייסט, וואָס זי דערשיסט אָהן אַ דין און אָהן אַ משפט מאַסען אומשולדיגע מענשען — ד. ש.), איז וואָס די מענ־שען קענען ניט אוועקשטעלען די פראַגע אין אַ ברייטען מאַסשטאַב. מען כאַפּט אויף איינצעלנע טעות׳ען פון דער טשעקאַ, מען קלאָגט אויף זיי און מען טראָגט זיך כסדר אַרום מיט זיי...

„אָבער מיר זאָגען: פון דיזע טעות׳ען לער־נען מיר זיך. ווי אויף יעדען אַנדערען געביט אַזוי אויך אויף דיזען געביט (אויפ׳ן געביט פון אויסשיסען אָהן אַ דין און אָהן אַ משפט מאַסען מענשען — ד. ש.) וועלען מיר זיך אויסלערנען דורך זעלבסט־קריטיק.

„ווען איך קוק זיך צו צו דער טעטיגקייט פון דער טשעקאַ און איך הער די פאַרשיידענע אָנפאַלען אויף דער טשעקאַ, זאָג איך: דאָס זיינען קליינבירגערליכע פוסטע רייד. דאָס ערינערט מיר אָן קאַוטסקי׳ס ריידערייען וועגען דעם, אַז די דיקטאַטור אונטערשיידט זיך ניט פון דער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע. מיר אָבער זאָגען פון ערפאַהרונג, אַז די עקספּראָפּריאַציע פון דער בורזשואַזיע ווערט דערגרייכט דורך שווערען קאַמף — דורך דיקטאַטור.

„מארקס האָט געזאָגט, אַז צווישען קאַפּיטאַליזם און קאָמו־ניזם ליגט די עפּאָכע פון רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון פּראָ־לעטאַריאַט. וואָס מעהר דער פּראָלעטאַריאַט וועט שטיקען די בורזשואַזיע, אַלץ ווילדער וועט ווערען איהר ווידערשטאַנד. מיר ווייסען ווי אַזוי די בורזשואַזיע האָט זיך אָפּגערעכענט מיט די ארבייטער אין יאָהר 1848, און ווען מען באַשולדיגט אונז אין גרויזאַמקייט, קענען מיר פּשוט ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי מענשען פאַרגעסען די עלעמענטאַרע געזעצען פון מאַרקסיזם"*).

„די פינלענדישע ווייסע גוואַרדיע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פון אויסשיסען ארבייטער, ניט קוקענדיג אויף איהר דעמאָקראַ־טישקייט.**)

„עס איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס צו דער טשעקאַ האָבען זיך צוגעשאַרט אויך פרעמדע ניט געוויינשטע עלעמענטען. דורך זעלבסט־קריטיק וועלען מיר זיי פאַרטרייבען. פאַר אונז איז אָבער וויכטיג, וואָס די **טשעקאַ פאַרווירקליכט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט** און אין דער הינזיכט איז איהר ראָלע אַן אונשעצבאַרע. קיין אַנדער וועג צו דער באַפרייאונג פון די מאַסען, אויסער ווי דורך גוואַלד צו אונ־טערדריקען די עקספּלואַטאַטאָרס איז ניטאָ. מיט דעם באַשעפ־

---

*) דאָ האָט לענין פּשוט אויסגעקלערט אַ בלבול אויף מאַרקס'ען און אויפ'ן מאַרקסיזם. מאַרקס האָט קיינמאָל ניט געפּרעדיגט, אַז מען דאַרף „שטיקען די בורזשואַזיע", דערשיסען יעדען איינעם, וואָס איז אַן אָנהענגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. פאַרקערט, מאַרקס און אַלע זיינע פריינד און תלמידים האָבען פאַרדאַמט דעם טעראָר פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע און האָבען אָנגעוויזען אויף דעם, אַז ווען די אַרבייטער וועלען אַריינקריגען די מאַכט אין זייערע הענט וועלען זיי ארויסצייגען מענשליכקייט אַפילו צו זייערע ביטערסטע שונאים. — ד. ש.

**) דאָס איז ווידער ניט אמת. אין פינלאַנד האָט דאַן געהערשט ניט אַ דעמאָקראַטישע אָרדנונג, נאָר אַ ווייסע דיקטאַטור, וועלכע איז געקומען גלייך נאָך דער „רויטער דיקטאַטור". אַזוי שנעל ווי אין פינ־לאַנד האָט צוריק געזיגט די דעמאָקראַטיע, האָט מען דאָרט אויפגעהערט צו שיסען קאָמוניסטען. — ד. ש.

טיגט זיך די „טשעקא“ און אין דעם באשטעהט איהר פאַרדינסט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט“.**)

ווי אַזוי די „טשעקא“ מאַכט איהרע „עקספּערימענטען“ וויי־סען מיר פון די באָלשעוויקעס אַליין. אין יאָהר 1918 האָט מ. לאַציס, איינער פון די הויפּט־טוער פון דער „טשעקא“, גע־שריבען:

„מיר ראָטען אויס די בורזשואַזיע אַלס אַ קלאַס. זוכט ניט קיין מאַטעריאַל און קיין באַווייזע, אַז דער אָדער יענער אָנגע־קלאָגטער האָט דורך טאַט אָדער וואָרט געהאַנדעלט געגען דער סאָוועטען־מאַכט. די ערשטע פראַגע, וואָס איהר דאַרפט שטעלען אַן אַרעסטירטען איז: צו וועלכען קלאַס געהערט ער, פון וועמען שטאַמט ער, וואָס פאַר אַ בילדונג ער האָט געקראָגען און וואָס עס איז זיין פּראָפעסיע. אָט די פראַגען דאַר־פען באַשטימען דעם שיקזאַל פון דעם אַרעסטירטען. אין דעם באַשטעהט דער זין און דער תוך פון רויטען טעראָר“.*)

דער באַקאַנטער באָלשעוויסטישער זשורנאַליסט ל. סאָס־נאָווסקי האָט אין יאָהר 1922 געשריבען אין אַן אַרטיקעל:

„איך געדענק אַ פאַרזאַמלונג אין דער געביידע פונ'ם מאָסק־ווער סאָוועט אינ'ם יאָהר 1918. מען האָט דעבאַטירט די פראַגע: „די טשעקא אָדער דער טריבונאַל?“ מען האָט אַלץ באַוויזען, אַז די יוסטיץ פאַרזיכערט מען זאָל ניט מאַכען קיין טעות'ן. מען האָט ציטירט דאָס אַרטיקעל פון לאַציס'ן, וואו ער באַווייזט, ווי אומנויטיג עס איז צו פיהרען געריכטליכע פּראָצעדורעס מיט פיינט פון דער רעוואָלוציע און ער פאַרזיכערט, אַז עס איז גענוג זיך צו דערוויסען דעם נאָמען, דעם יחוס, בילדונג און באַשעפטיגונג פונ'ם באַשולדיגטען, כדי צו באַשטימען זיין גורל.

*) "Еженедельник Чрезвычайной Комиссии". Москва, Нояб.-Дек., 1918 г.

**) "Правда", 18-го декабря, 1927 г.

„דעמאָלט איז ארויסגעטראָטען דער ארבייטער פון לעפער־טאָווער ראיאָן מיזיקין און האָט היציג אַ זאָג געטאָן:

— ווער דארף דאָס אפילו אָט־די פראַגען? איכ׳ל ארייג־געהן צו איהם אין קיך און אריינקוקען אין טעפעל: „אויב עס איז דאָרטען דאָ פלייש, איז ער אַ שונא פון פאָלק! דארף מען איהם אַ שטעל־טאָן צום וואַנטעל! (דאָס הייסט דערשיסען״*)

דר. י. שטיינבערג, דער געוועזענער יוסטיץ־קאָמיסאר פון דער סאָוועטען־רעגירונג אין דער ערשטער צייט נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש ברענגט אין זיין בוך „דער מאָראַלישער פנים פון דער רעוואָלוציע״ אַ ים מיט פאַקטען, וואָס צייגען ווי אזוי די באָלשעוויקעס האָבען באַלד ווי זיי זיינען אריין אין מאכט אָנגעפאַנגען שיסען רעכט און לינקס מענשען אָהן אַ וועלכען עס איז משפט. אָבער צובליהט האָט זיך דער רויטער טעררא אין אויגוסט פון יאָהר 1918, נאָך די ערמאָרדונג פון דעם באָלשעוויסטישען קאָמיסאר אוריצקי און נאָכ׳ן אטענטאט אויף לענינ׳ען.**)

די אָפיציעלע באָלשעוויסטישע פרעסע האָט דאַן אָנגעפאַנגען רעדען מיט אַ באַזונדערער בלוט דורשטיגער שפראַך. „פאַר׳ן טויט פון אונזער קעמפער דארפען באַצאָהלען מיט׳ן לעבען טויזענ־טער שונאים האָט געשריבען די „קראַסנאיאַ גאַזעטאַ״ — „גענוג צאַצקען זיך״. די שונאים זיינען אומ׳רחמנות׳דיג, לאָמיר זיין, אזוי ווי זיי. לאָמיר געבען דער בורזשואזיע אַ בלוטיגען מוסר־השכל, בכדי אָפשלאָגען ביי איהר איינמאָל פאַר אַלע מאָל דעם חשק צום טעראָר געגען די לעבעדיגע! חברים, מאַטראָזען, ארבייטער און סאָלדאַטען, צושטערט די רעשטלאך פון די וויסגוואַרדייער און

---

*) דער ארטיקעל איז געווען איבערגעדרוקט אין דעם ניו יאָר־קער אידישען קאָמוניסטישען זשורנאַל „דער האַמער״ פון **נאָוועמבער** 1926.

**) י. נ. שטיינבערג, „דער מאָראלישער פנים פון דער רעוואלוציע״, בערלין 1925, זייטען 48־49־52.

פון דער בורזשואזיע אז עס זאָל פון זיי קיין זכר ניט בלייבען!
אַ טויט דער בורזשואזיע — דאָס זאָל ווערען דער לאָזונג פון טאָג.
אַ טויט דער בורזשואזיע!".

„ארבייטער — האָט דעמאָלט געשריבען די „פּראוודא", (נומ. 185 פון 31טען אויגוסט) אויב איהר וועט איצט ניט פאר־טיליגען די בורזשואזיע וועט זי אייך פארטיליגען. זייט גרייט צום אומרחמנות'דיגען מאסען־אַנגריף געגען די שונאים פון דער רע־וואָלוציע. מען דאַרף אויסראָטען די בורזשואזע צופוילעניש פון די שטעדט, מיר דאַרפען שטעלען אויף דער ליסטע אַלע הערין בורזשוא, פונקט ווי מען האָט עס געמאַכט מיט די הערען אָפיצירען, און פארניכטען אַלעמען, ווער ס'איז שעדליך פאר דער רעוואָלו־ציע... פון היינט אָן וועט דער הימן פון ארבייטער־קלאַס ווערען אַ הימן פון שנאה און נקמה, אַ שרעקליכערער פון דעם. וואָס מען זינגט אין דייטשלאַנד געגען ענגלאַנד, ניט קיין פּחד און פארלאָרענקייט — נאָר שנאה און נקמה! די קאָנטער־רעוואָלוציע דער ביזער משוגענער הונט, מוז איינמאָל פאר אַלעמאָל דער־הרג'עט ווערען".

און אָט זיינען צוויי דינים פון דעם „שולחן־ערוך פון אַ באַ־וואוסטזיניגען פּראָלעטאריער" („פּראוודא" נומ. 163 פון 4טען אויגוסט) „פּאַראגראף 8: ארבייטער און אָרעמאַן, נעם דעם ביקס אין די הענט. לערען זיך גוט שיסען! זייט גרייט צו די אויפשטאַנדען פון קולאַקעס און וויים־גווארדייער אין לאַנד! שטעל צו דער וואַנט אַלע אַגיטאַטאָרען געגען דער סאָוועטען־מאַכט! צען קוילען איטליכען, ווער ס'וועט הויבען אויף איהר אַ האַנט!

„פּאַראגראף 10: די בורזשואזיע איז אונזער שטענדיגער, איינגעגעסענער שונא! די ערשאַפט פון קאפּיטאל וועט שטארבען צוגלייך מיט'ן לעצטען קאפּיטאַליסט, פּריץ, גלח, אָפיציר".

„דעם 30טען אויגוסט זיינען ערשט פאָרגעקומען אַטענטאַטען, שרייבט שטיינבערג, און שוין דעם 1טען סעפּטעמבער האָט די ניזשעגאָראָדער צענטראל־קאָמיסיע אויף צו באַקעמפען די קאָנטער־רעוואָלוציע דערשאָסען 46 מענשען. „פאר יעדען גע'הרג'עטען קאָמו

ניסט אָדער פאַר אַ אַטענטאַט אויף אַ קאָמוניסט" — האָט געשרייבען די „ניזשנעגאָראָדער ארבייטער און פויערים־צייטונג" — „וועלען מיר ענטפערען מיט'ן טויט פון די לעבעדיגע משכנות פון דער בורזשואזיע, ווייל די בלוט פון אונזערע דער'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע חברים שרייט נאָך נקמה".

„תיכף אין די זעלבע טעג האָט די פּעטערבורגער טשעקאַ דערשאָסען פינף הונדערט און צוועלף פון די לעבעדיגע משכנות".

דער באַקאַנטער רוסישער היסטאָריקער פּראָפ. ס. מעלגונאָוו האָט אין זיין בוך „דער רויטער טעראָר אין רוסלאַנד" צונויפגעזאַמעלט פון די סאָוועטישע צייטונגען גופא סטאַטיסטיקס וועגען הונדערטע טויזענטע פּערזאָנען, וואָס זיינען אין די פאַרשיידענע שטעדט און שטעדטלאַך פון רוסלאַנד דערשאָסען געוואָרען פון דער „טשעקאַ" אָהן אַ דין און אָהן אַ משפּט, לויט לאַציס' רעצעפּט און זעהר אָפט לויט דעם רעצעפּט פון אַזוינע אומוויסענדע חיות, ווי דער מאָסקווער אַרבייטער מיזיקין.

פון טראָצקי'ס עראינערונגען ווי אויך פון לענין'ס רעדע, וועלכע מיר האָבען פריהער ציטירט, איז קלאָר, אַז דער הויפּט־פאַראַנטוואָרטליכער פאַר דעם בלוטיגען טעראָר אין רוסלאַנד, פאַר די טייכען אומשולדיגע בלוט, וואָס די „טשעקאַ" האָט פאַרגאָסען, איז געוועזען טאַקע ניט קיין אַנדערער ווי לענין אליין, וועלכער האָט אויף דער בלוטיגער ארבייט פון דער „טשעקאַ" געקוקט ווי אויף אַן „עקספּערימענט", ווי אַלע אַנדערע „עקספּערימענטען"...

טראָצקי דערצעהלט ווייטער אין זיין בוך „וועגען לענינ'ען", אַז שוין אין די ערשטע פּאָר טעג, נאָכ'ן באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד, האָט לענין געפאָדערט, אַז מען זאָל גלייך צומאַכען אַלע צייטונגען פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס.

„ביי יעדער געלעגענהייט, — שרייבט טראָצקי, — פלעגט לענין מאָנען:

— ניט שוין זשע וועלען מיר ניט איינצאַמען אָט די סוואָלאָ-

משעם ? זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ דיקטאַטור איז עס ? *)

אין נאָמען פון וואָס האָט אָבער לענין איינגעפיהרט די דיקטאַטור, די משעקאַ און דעם רויטען טעראָר ? וואָס זיינען געווען זיינע פּלענער, ווען ער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט ? מיר האָבען שוין אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען געזעהן, אַז לענין האָט אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע געהאַלטען פאַר אַ משוגענעם יעדען איינציגען, וואָס האָט געגלויבט, אַז מען קען אין רוסלאַנד איינפיהרען סאָציאַליזם. אויך מיט צעהן יאָהר שפּעטער האָט ער זיין מיינונג ניט געענדערט. נאָך אין אַפּריל 1917, גלייך נאָך דעם ווי דער צאַריזם איז געפאַלען, האָט לענין אין זיין געזעגנונגס־בריף צו די שווייצאַרישע ארבייטער געשריבען:

„אויפ'ן שיקזאַל פון רוסישען פּראָלעטאַריאַט איז אויסגעפאַלען די גרויסע אויפגאַבע פון אָנפאַנגען אַ רייהע רעוואָלוציעס, וועלכע זיינען מיט אָביעקטיווער נויטווענדיגקייט געשאַפען געוואָרען דורך דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה. מיר ווייסען זעהר גוט, אַז דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט איז שוואַכער אָרגאַניזירט און גייסטיג ווייניגער צוגעגרייט, ווי דער אַרבייטער־קלאַס פון אַנדערע לענדער, אָבער די באַזונדערע היסטאָרישע באַדינגונגען האָבען געמאַכט דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט מעגליך אויף אַ קורצען משך צייט פאַר דעם פאָרקעמפער פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט. רוסלאַנד איז אַן אַגראַר־לאַנד, איינע פון די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע לענדער פון אייראָפּאַ. דער סאָציאַליזם קען תיכף איצט ניט זיגען אין רוסלאַנד. אָבער דער פויערישער כאַראַקטער פון לאַנד, נעמענדיג אין באַטראַכט, אַז די ערד געהערט צו די גרויסע לאַנדבאַזיצער, קען, ווי דאָס האָט באַוויזען די ערפאַהרונג פון יאָהר 1905, פיהרען צו אַ ריזיגער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און מאַכען איהר פאַר

*) Л. Троцкий. "О Ленине". Стр. 102.

א פּראָלאָג פון א סאָציאַליסטישער אַל־וועלטליכער רעוואָלוציע און דערמיט שאַפען דעם אריינטריט צו איהר (צו דער סאָציאַליסטישער וועלט־רעוואָ־לוציע").

די רוסישע רעוואלוציע איז, לויט לענינ'ס דעמאָלסדיגע מיינונג, געווען ניט מעהר ווי א מיטעל צו לייזען א וועלט־אויפגאבע, ד. ה. מיט דער הילף פון רוסלאנד דורכפיהרען א סאָציאַלע רעוואָלוציע אויף דער גאנצער וועלט און ערשט דאַן, ווען די רעוואָלוציע וועט זיגען אין די אַנדערע לענדער, וועט מען קענען אָנפאַנגען איינ־פיהרען סאָציאַליזם אויך אין דער אָפּגעשטאַנענער רוסלאנד. אויב אָבער א רעוואלוציע אין די אנדערע לענדער וועט ניט פּאָרקומען, דעמאָלט איז, נאטירליך, ניט מעגליך קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע אויך אין רוסלאנד. דאָס איז אייגענטליך געווען דער זין פון לענין'ס דעמאָלסדיגער טעאָריע.

ערשט אין סעפּטעמבער 1917, האָט ער אָנגעפאַנגען רעדען וועגען נאַציאָנאַליזירען די באַנקען און סינדיקאַטען, אָבער נאָך אַלץ ניט פון איינפיהרען א סאָציאַליסטישע אָרדנונג אין רוס־לאנד.

„מיר אַלע זיינען איבערצייגט, — האָט ער געשריבען ערב דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש צום באָלשעוויסטישען צענ־טראַל־קאָמיטעט, — מיר זיינען אַלע איינשטימיג, אַז די ערשטע שריט אונזערע אויף דעם וועג דאַרפען זיין אַזוינע מיטלען, ווי די נאַציאָנאַליזאַציע פון די באַנקען און סינדיקאַטען. לאָמיר דער־ווייל דורכפיהרען דיזע מיטלען און שפּעטער וועלען מיר זעהן (אונטערשטראָכען פון לענינ'ען אליין — ד. ש.). נאָכדעם ווי מיר וועלען נאַציאָנאַליזירען די באַנקען, נאָכדעם ווי מיר וועלען איינפיהרען דעם ארבייטער־קאָנטראָל, וועט מען פילעס קענען בעסער זעהן און די ערפאַהרונג וועט אונז אונטערזאָגען מאַסען נייעס". *)

אָט דאָס איז געווען לענין'ס גאַנצע פּראָגראַם. אין קורצען:

*) "Пролетарская Революция" № 1. Москва, 1925 г. Стр. 30.

קען זי אויסגעדריקט ווערען אין די פאָלגענדע ווערטער: לאָמיר פארכאפּען די מאכט, פּרובירען נאציאָנאַליזירען די באנקען, דער־נאָך וועלען מיר זעהן וואָס ווייטער צו טאָן. מיר וועלען זיך לער־נען פון דער ערפאהרונג.

אפילו דעמאָלט, ווען ער האָט שוין געהאט פארכאפּט די מאכט, האָט ער אויך ניט געוואוסט פון וואָס אָנצופאנגען. אין עטליכע וואָכען ארום, נאָכדעם ווי לענין האָט ארויסגעגעבען דעם דעקרעט אז די פאבריקען געהערען צו די ארבייטער, איז צו איהם געקומען א דעלעגאציע פון די פּעטערבורגער ארבייטער, פארלאַנ־גענדיג פון איהם אינסטרוקציעס ווי אזוי אָנצוגעהן מיט דער ארבייט אויף די פאבריקען, וועלכע זיי האָבען פארכאפּט. לענין האָט זיי אָפענהערציג ערקלערט, אז זיי אליין דארפען בעסער וויסען ווי אזוי עס צו טאָן ווי ער. געהט, האָט ער זיי געזאָגט, צוריק אין די פאבריקען און לערענט זיך פון ערפאהרונג, און אזוי ארום וועט זיך אַלעס איינאָרדנען מיט דער צייט צום בעסטען.

דער ווערטעל „ראבירט די רויבער!" איז געוואָרען א היס־טאָרישער. פילע מיינען, אז דאָס האָבען לענין'ס שונאים אויס־געטראכט אויף איהם א בלבול און צוגעשריבען איהם דיזע ווער־טער. אָט וואָס טראָצקי דערצעהלט וועגען דעם:

— וועמעס ווערטער זיינען דאָס? — האָב איך איינמאָל גע־פרעגט לענין'ען. — האָט עס עמיצער אויסגעטראכט?

— ניין, — האָט לענין געענטפערט, — איך האָב טאקע געברויכט אזא פראזע. איך האָב עס א זאָג געטאָן און באלד פארגעסען אָן דעם".*)

אזוי ווי רוסלאנד איז אין לענין'ס אויגען געווען ניט מעהר ווי א מיטעל דורכצופיהרען א סאָציאַלע רעוואָלוציע אין די איבע־ריגע לענדער און אזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבען ערוואַרטעט, אז אָט די וועלט־רעוואָלוציע וועט באלד אויסברעכען, האָט לענין די ערשטע צייט ניט געאיילט זיך איינצופיהרען סאָציאַליזם אין רוסלאנד. דאָס וועט דאָך קומען שפּעטער ווען דער סאָציאַליזם

*) Л. Троцкий. "О Ленине". Стр. 102.

וועט זיגען אויף דער גאַנצער וועלט. איצט אָבער דאַרף מען פריהער פון אַלץ באַפעסטיגען די מאַכט כדי צו העלפען דער וועלט־רעוואָלוציע. און אום צו פאַרשטאַרקען די מאַכט, וואס דאַרף עס דינען אַזאַ הייליגען צוועק ווי ראַטעוועז די גאַנצע מענשליכע ציוויליזאַציע פון אונטערגאַנג, זיינען, פאַרשטעהט זיך, אַלע מיט־לען כשר.

ערשט שפּעטער, ווען עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז די וועלט־רעוואָלוציע קומט ניט, האָט לענין אָנגעפאַנגען ביסלאַכווייז איינפיהרען „קאָמוניזם”. די פאַבריקען האָט מען אָנגעפאַנגען נאַציאָנאַליזירען ערשט אין יוני 1918, ד. ה. אין א האלב יאָהר ארום נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, און פאַרענדיגט ערשט סוף 1919טען יאָהר.

אין יאָהר 1918, דערצעהלט טראָצקי, האָט לענין געזאָגט:

— וואַרט נאָר, איהר וועט זעהן, אַז אין א האלב יאהר וועלען מיר האָבען פאַרווירקליכט דעם סאָציאַליזם אין רוסלאַנד.

טראָצקי זאָגט, אַז ער האָט לכתחילה געמיינט, אַז לענין שפּאַסט עס, אָבער ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז ער מיינט עס גאַנץ ערנסט.

אין יאָהר 1927 האָבען די באָלשעוויסטישע צייטונגען פאַר־עפענטליכט א פּראָיעקט פון א דעקרעט, וואָס לענין האָט אָנגע־שריבען אין מערץ 1918, נאָר וועלכען ער האָט צוליב אומבאַ־וואוסטע אורזאכען דעמאָלט ניט פאַרעפענטליכט. דער דעקרעט איז זעהר כאַראַקטעריסטיש און ווייזט, ווי אזוי לענין האָט גע־פּלאַנעוועט איינצופיהרען זיין קאָמוניזם, און מיר ברענגען איהם דעריבער דאָ:

„1) יעדער ארבייטער, אָפּאַרבייטענדיג אַכט שטונדען אין מעת לעת, איז פאַרפליכטעט 3 שטונדען יעדען טאָג צו אַרבייטען אויף דעם מיליטערישען אָדער אַדמיניסטראַטיווען געביט.

2) יעדער, וואס געהערט צום רייכען קלאַס אָדער צו די פּאַרמעגליכע גרופּען (מיט אַן איינקונפט ניט ווייניגער פון 500 רובעל א מאָנאַט אדער וואס פאַרמאָגט א קאַפּיטאַל פון ניט וויי־ניגער ווי 1,500 רובעל) איז פאַרפליכטעט גלייך איינצושאַפען זיך אַן

ארבייטס־ביכעל, וואו עס זאָל יעדער וואָך פאַרשריבען ווערען צי ער האָט געטאָן זיין טייל מיליטערישע אָדער אַדמיניסטראַטיווע ארבייט. די באמערקונגען אין ביכעל מאַכט דער פּראָפעסיאָנע־לער פאַראיין, דער סאָוועט אָדער דער שטאַב פון דער אָרטיגער רויטער גווארדיע. די פארמעגליכע מענשען באַקומען אזא ביכעל פאַר 50 רובעל.

3) די ניט־ארבייטער, וועלכע געהערען ניט צו די פאַר־מעגליכע קלאסען זיינען אויך פאַרפליכטעט צו האָבען אזא אר־בייטס־ביכעל, וועלכען זיי קענען באַקומען פאַר 5 רובעל. פאַר ניט האָבען קיין ארבייטס־ביכעל אָדער פאַר מאַכען פאַלשע באַ־מערקונגען אין ביכעל ווערט מען באַשטראָפט לויט די געזעצען פון קריגס־צייט. אַלע וואָס האָבען געוועהר דאַרפען באַקומען פאַר דעם אַן ערלויבניש ערשטענס פון דעם הויז־קאָמיטעט און צווייטענס פון די אנשטאַלטען, וואָס זיינען אָנגעוויזען אין 2טען פאַראַגראַף. אָהן די צוויי ערלויבנישען איז פאַרבאָטען צו האָ־בען געוועהר. פאַר עובר זיין אָט דעם געזעץ ווערט מען גלייך דער־שאָסען. די זעלבע שטראָף וועלען אויך באַקומען אַלע די, וואָס וועלען באַהאַלטען שפּייז".*)

די אָפיציעלע פּראָגראַם געניני'ס, אויף וויפיל ער האָט זי גע־זוכט דורכצופיהרען אין לעבען, איז, ווי מ. א. א ל ד א נ אָ ו ו פאָר־מולירט זי זעהר ריכטיג, באַשטאַנען פון די פאָלגענדע 5 פונקטען:

ערשטענס, די סאָציאַליזירונג פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פון דער ערד, פון די פאַבריקען און פון דעם געברויך. זיין פּראָגראַם פון סאָציאַליזאַציע האָט געזאָלט אין זיך אריינגעמען די אגריקול־טור, די אינדוסטריע און דעם האַנדעל. אַלץ האָט באַדאַרפט אריי־בער פון פּריוואַטע הענט אין דעם אייגענטום פון כלל, פון דער קאָמוניסטישער מלוכה.

צווייטענס, אַלס רעזולטאַט פון אָט־דער סאָציאַליזאַציע, האָ־בען דער פּריוואַטער האַנדעל און אינדוסטריע געזאָלט פאַרשווינדען. די בורזשואַזיע אַלס קלאַס האָט געזאָלט אָפּגעווישט ווערען פון

*) "Комсомольская Правда" (Москва), 22-го декабря, 1927 г.

דער ערד און ספעקולאציע האט געזאלט ווערן א זאך פון דער פארגאנגענהייט.

דריטענס, אזוי ווי דער פריוואטער האנדעל ווערט אפגע־שאפט, האט געלט אלס מיטעל פון אויסטויש געזאלט פארשווינדען. אלע ארבייטען פאר דער מלוכה און באקומען באצאהלט פון דער מלוכה מיט פראדוקטען וואס זיי האבען נויטיג פאר זייער געברויך.

פערטענס, אזוי ווי די גאנצע געזעלשאפט באשטעהט פון ארבייטער, קיין לעדיגגעהער, פראצענטניקעס, לענדלארדס און פאבריקאנטען זיינען מעהר ניטא, האט יעדער איינער געזאלט קריגען די זעלבע מעגליכקייטען צו געניסען אין א גלייכער מאס די אלע פארגעניגענס פון לעבען.

און, פינפטענס, אלס רעזולטאט פון אט־די אלע פריהער־אויסגערעכענטע רעפארמען, האט די פראדוקציע און רייכטום פון לאנד געזאלט פארשטארקט ווערען. יעדער איינער האט ניט נאר געזאלט קריגען א גרעסערען חלק פון די אנגעזאמעלטע רייכ־טימער, נאר די רייכטימער אין לאנד האבען זיך געזאלט וואס ווייטער פארגרעסערען און האבען געזאלט ברענגען נאך מעהר גליק פאר׳ן גאנצען פאלק.

אבער ס׳האט זיך גלייך פון אנפאנג ארויסגעוויזען, אז די פרא־גראם ארבייט ניט. די ערד האבען די פויערים פארכאפט פאר זייער פריוואטען געברויך און מען קען עס ביי זיי ניט אוועקנעמען. די פויערים שטעלען מיט זיך פאר 90 פראצענט פון דער גאנצער רוסישער באפעלקערונג. שפעטער האט אויך די סאציאליזאציע פון דער גאנצער אינדוסטריע געמוזט צוזאמענברעכען. שריט ביי שריט איז לענין געווען געצוואונגען צו ערלויבען פריוואטען האנדעל, דערנאך פריוואטע אינדוסטריע. ספעקולאציע איז קיינ־מאל ניט געווען אזוי אנטוויקעלט אין רוסלאנד ווי אונטער׳ן באל־שעוויזם. אנשטאט דער אלטער בורזשואזיע וועלכע איז פאר־ניכטעט געווארען, איז אויסגעוואקסען א נייע, א פיל ערגערע ווי די אלטע. דאס געלט־סיסטעם איז ניט אפגעשאפט געווארען און

דער אָפּגרונד צווישען די רייכע ספּעקולאַנטען און די אָרימע פּאָקלס־מאַסען איז קיינמאָל ניט פאַרשאָטען געוואָרען.

אין יאָהר 1921 האָט לענין געשריבען:

„ארויפגעהויבענע דורך א כוואַליע פון באַגייסטערונג, וואס האָט אויפגעהויבען דעם ענטוזיאַזם פון פאָלק, פריהער דעם פּאָליטישען און דערנאָך דעם מיליטערישען, האָבען מיר געהאָפט דירעקט אויף דעם דאָזיגען ענטוזיאַזם צו פאַרווירקליכען פונקט אַזוינע גרויסע עקאָנאָמישע אויפגאַבען. מיר האָבען געהאָפט דורך די דירעקטע באַפעהלען פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה איינצוואָרדנען די מלוכה אינדוסטריע און די פּאַרטיילונג פון די מלוכה־פּראָדוקטען אויף אַ קאָמוניסטישען אופן אין אַ קליין־בירגערליכען לאַנד. ד אָ ס ל ע־ב ע ן ה אָ ט ג ע צ י י ג ט , א ז מ י ר ה אָ ב ע ן ג ע־מ אַ כ ט אַ ט ע ו ת. עס האָבען זיך געפאָדערט אַ רייהע איבער־גאַנגס־שטופען: שטאַאַטס־קאָפּיטאַליזם און סאָציאַליזם אום צ ו־צ ו ג ר י י ט ע ן — דורך דער אַרבייט פון אַ לאַנגער רייהע יאָהרען צוגרייטען — דעם איבערגאַנג צום קאָמוניזם. ניט אויף ענטוזיאַזם דירעקט, נאָר מיט דער הילף פון דעם ענטוזיאַזם, וואָס איז גע־באָרען געוואָרען דורך דער רעוואָלוציע, אויפ'ן פערזענליכען אינ־טערעס, אויף פערזענליכער פאַראינטערעסירטקייט, אויףווירט־שאַפטליכער אויסרעכענונג באַמיהט זיך פריהער אויסבויען קליי־נינקע בריקעלאַך, וואָס פיהרען אין אַ לאַנד פון קליין־פּויערים דורך מלוכה־קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם. אַנדערש וועט איהר ניט ברענגען צעהנדליגע מיליאָנען מענשען צום קאָמוניזם. אָט אַזוי האָט אונז געזאָגט דאָס לעבען. אָט דאָס האָט אונז געלערנט דער אָביעקטיווער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער רעוואָלוציע". *)

מיט אַ יאָהר שפּעטער, אין 1922, האָט לענין געשריבען:

„דער סאָציאַליזם איז שוין איצט ניט קיין פראַגע פון דער ווייטער צוקונפט. מיר האָבען דעם סאָציאַליזם דורכגעשטופּט אין דעם אַלטעגליכען לעבען... ווי שווער עס איז ניט דיזע אויפגאַבע

---

*) Ленин. К 4-х-летней годовщине октябрьской революции. "Правда", 21-го января, 1928 г.

(צו פארווירקליכען פאַלשטענדיג דעם סאָציאַליזם), מיט וויפיל שוועריגקייטען דאָס זאָל ניט זיין פארבונדען פאר אונז, וועלען מיר אַלע ניט מאָרגען, נאָר אין פארלויף פון עטליכע יאָהר צייט אומ־באַדינגט לעזען די פראַגע אזוי, אז פון דער רוסלאַנד פון „נעפ" וועט ווערען א סאָציאַליסטישע רוסלאַנד".*)

אָבער מיט א קורצער צייט שפעטער האָט דערזעלבער לענין געשריבען:

„מיר האָבען אפילו ניט פארענדיגט דעם פונדאמענט פאר א סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק. די פיינדליכע כחות פון דעם אָפּ־שטאַרבענדען קאפיטאַליזם קענען נאָך ביי אונז אַלעס צוריק אוועק־נעמען. מען מוז דאָס קלאָר פארשטעהן און אָפען אנערקענען, ווייל קיין זאַך איז ניט אזוי געפעהרליך ווי אילוזיעס. און עס איז ניטאָ קיין שום „שרעקליכעס", קיין זאַך, וואָס זאָל געבען די קלענסטע געלעגענהייט ארייינצופאַלען אין יאוש, אין דעם, וואָס מיר אנערקענען דיזען ביטערען אמת. מיר האָבען שטענדיג גע־פרעדיגט און האָבען שטענדיג ווידערהאָלט, אז פאר דעם ז י ג פ ו ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם פ אָ ד ע ר ע ן ז י ך ד י פ אַ ר־אַ י י נ י ג ט ע כ ח ו ת פ ו ן ד י א ר ב י י ט ע ר פ ו ן ע ט ל י כ ע א נ ט ו ו י ק ע ל ט ע ל ע נ ד ע ר".**)

דאָס האָט איהם פונדעסטוועגען ניט געשטערט ביי אַן אנדער געלעגענהייט צו שרייבען:

„דאָס וואָס די עקאָנאָמישע כחות געפינען זיך אין די הענט פון דער פּראָלעטארישער מלוכה פון רוסלאַנד איז ד ו ר כ א ו י ס ג ע נ ו ג אום צו פארזיכערען דעם א י ב ע ר ג א נ ג צ ו ם ק אָ מ ו נ י ז ם. וואָס זשע פעהלט? עס איז קלאָר וואָס עס

*) Н. Ленин. Собр. сочинений. Том 20-ый, часть 11-ая стр. 487.

**) Н. Ленин. Собрание сочинений. Госуд. издат., Москва, Том 18-ый. часть 2-ая, стр. 108.

פעהלט. עס פעהלט קולטורעלקייט דעם שיכט קאָמוניסטען, וועל־
כער הערשט". *)

אָט דאָס איז נאָר איינער פון פילע ביישפּילען פון לענין'ס
אויסגעהאלטענקייט. לענין האָט כסדר געדרעהט מיט'ן גראָבען
פינגער, ווי דאָס האָט זיך איהם געלוינט אין דעם אדער יענעם
מאָמענט.

---

*) Н. Ленинн. Собрание сочинений. Том 18ый, стр. 43.

צוועלפטער קאפיטעל.

דער באנקראט פון לעניניזם — לענינ׳ם טויט

די וועלט־רעוואלוציע און דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל. — לענין׳ם סטראטעגישער פלאן אין יאהר 1919 און דער אפמאך מיט קארל ליבקנעכט און בעלא קון. — דער דורכפאל פון דער וועלט־רעוואלוציע. — די 21 פונקטען. — דער אנגאל אויף פוילען. — וואס טראצקי דערצעהלט. — די מאראל פון „לעניניזם“. — לענין אין פריוואט־לעבען. — די הויפט־שטריכען פון זיין כאראקטער. — לענין׳ם קראנקהייט און טויט. — וואס דר. סעמאשקא דערצעהלט. — לענין׳ם ראלע אין דער געשיכטע. — א סך־הכל.

ווי מיר האבען שוין געזעהן אין פאריגען קאפיטעל, איז לענין׳ם ציל ביים פארכאפען די מאכט אין רוסלאנד געווען ארויסצורופען א סאציאלע רעוואלוציע אין די אנדערע אינדוסטריעל אנטוויקעלטע לענדער. אין נאמען פון אט דער וועלט־רעוואלוציע האט ער עס אפגעשאפט אלע דעמאקראטישע פרייהייטען אין רוסלאנד און איינגעפיהרט א מיליטערישע דיקטאטור. אין נאמען פון אט דער קומענדער וועלט־רעוואלוציע האט ער איינגעפיהרט אין רוסלאנד א טשעקא, וועלכע האט אוועקגעשיקט אויף יענער וועלט הונדערטער טויזענטער אומשולדיגע מענשען. פאר דעם זיג פון אט דער אלוועלטליכער סאציאליסטישער רעוואלוציע איז ער געווען גרייט מקריב צו זיין גאנץ רוסלאנד.

מיט א פאר טעג פאר דער באלשעוויסטישער איבערקערעניש האט ער, ווי מיר האבען פריהער דערמאנט, געשריבען, אז „קיינמאל איז אן אלוועלטליכע פראלעטארישע רעוואלוציע ניט געווען אזוי נאהענט ווי איצט“. אין א יאהר ארום, דעם 11טען נאוועמבער 1918, האט ער אין א רעדע, וואס ער האט געהאלטען אין מאסקווע

ווידער געזאָגט: „די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע איז נאָהענט, הגם רעוואָלוציעס ווערען ניט געמאַכט צו אַ באַשטימטער מינוט. דער אימפּעריאַליזם קען ניט אָפּהאַלטען די וועלט־רעוואָלוציע. די אימפּעריאַליסטען וועלען נאָר אָנצינדען דעם פייער אויף דער גאַנצער וועלט און וועלען אַליין אומקומען אין איהם, אויב זיי וועלען נאָר וואַגען צו אונטערדריקען די רעוואָלוציע".

אָט מיט אַזאַ זיכערקייט האָט לענין מיט זיינע חברים אָנגע־פאַנגען צו גרייטען דעם פּלאַן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען אַ קאָמו־ניסטישע רעוואָלוציע אין גאַנץ מיטעל־אייראָפּאַ אין פריהלינג פון יאָהר 1919.

אין דעצעמבער 1919 האָט לענין אַוועקגעשיקט קאַרל ראַ־דעק'ען קיין דייטשלאַנד, וועלכער האָט דאָרט געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט קאַרל ליבקנעכט'ן, דעם פיהרער פון די דייטשע „ספּאַרטאַ־קיסטען", די צוקינפטיגע קאָמוניסטען. לויט דיזען אָפּמאַך, האָט לענין זיך פאַרפליכטעט צו אַנערקענען שפּעטער ליבקנעכט'ען אַלס דעם פּרעזידענט פון דער דייטשער סאָוועטען־רעפּובליק און דער־ווייל אַסיגנירען אַ גרויסע סומע געלט אויף דער פּראָפּאַגאַנדאַ פון די „ספּאַרטאַקיסטען" און אויב נויטיג אויך געבען זיי מיליטערישע הילף, אַז זיי זאָלען קענען זיגען אין בערלין און באַפעסטיגען זייער מאַכט. ליבקנעכט, ווידער, האָט זיך פאַרפליכטעט תיכף ווי ער וועט פאַרכאַפּען די מאַכט איינצופיהרען אין דייטשלאַנד אַ סאָ־וועטען־רעגירונג, אָרגאַניזירען אַן אַרמיי פון 500 טויזענט מאַן, איבערגעבען טראָצקי'ן די הויפּט־קאָמאַנדע איבער דער דאָזיגער אַרמיי און איינפיהרען אין דייטשלאַנד די זעלבע אָרדנונג, וואָס לענין האָט איינגעפיהרט אין רוסלאַנד.

נאָך דער ערפאָלגרייכער רעוואָלוציע אין אונגאַרן האָט לענין אין מערץ 1919 געשלאָסען אַן עהנליכען אָפּמאַך מיט בעלאַ קון, דעם דאַמאָלסדיגען קאָמוניסטישען דיקטאַטאָר פון אונגאַרן. דיזער־אָפּמאַך האָט געלויטעט ווי פאָלגט: „ביז דער צייט, ווען די אַנ־דערע אייראָפּעאישע מלוכות וועלען אַריבער צו אַ סאָוועטען־רע־זשים דאַרפען רוסלאַנד און אונגאַרן איינע די אַנדערע זיך העלפען מאַטעריעל און מיליטעריש. די פאַרשיידענע סאָוועטען־מלוכות

דארפען מאָביליזירען זייערע ארמייען פאר א געמיינזאמער אטאקע אויף דער אנטאנט (עלאַים), ספּעציעל אויף פוילען און רומעניע".

ווען ראדעק איז דעם 12טען פעברואר 1919 ארעסטירט גע־ווארען אין בערלין אין דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאגאנדע־ביורא, האָט די פּאָליציי געפונען ביי איהם דעם גאנצען פּלאַן פון דער אָפענסיווע, וועלכען די באָלשעוויקעס האָבען זיך געקליבען דורכצו־פיהרען דעם זעלבען פריהלינג. אין דייטשלאַנד האָט געזאָלט פּאָרקומען א באָלשעוויסטישער אויפשטאנד און אין דער זעלבער צייט האָט א רוסישע באָלשעוויסטישע ארמיי געזאָלט אריינדרינגען אין דייטשלאַנד פון מזרח־גרעניץ, דורך פּוילען און קורלאַנד.

וועגען דעם פּלאַן האָבען די באָלשעוויסטישע פיהרער שפּע־טער אַליין דערצעהלט אין זייערע עראינערונגען און ער ווערט מיט אלע איינצעלהייטען איבערגעגעבען אין פּראָפ. פּ א ו ו ע ל מ י ל י ו ק אָ ו ו ' ס געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע.*) פּראָפעסאָר מיליוקאָוו ציטירט די פּאָלגענדע ווערטער פון איינעם פון די פיהרער פון דער אונגארישער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, גלייך נאָכדעם ווי אין בודאפּעשט איז פּראָקלאמירט געוואָרען די סאָוועטען־דיקטאטור:

„אין פארלויף פון דריי וואָכען צייט, האָט ער געזאָגט, וועלען מיר האָבען אַן ארמיי פון 150,000 גוט־אויסגעמושטירטע סאָל־דאטען באַוואָרנט מיט אלע נויטיגע וואפען. מיר זיינען ארומ־גערינגעלט פון אלע זייטען מיט אונצופרידענע פעלקער... מיר וועלען אָנפאנגען פון טשעכאָ־סלאָוואקיע. דערנאָך וועט קומען רומעניע. נאָך איהר יוגאָ־סלאוויע. אין דריי מאָנאט שפּעטער וועט צו אונז צושטעהן איטאליע. דעם 8טען אפּריל וועט פּאָר־קומען א מיטינג פון די סאָוועטען פון ארבייטער און סאָלדאטען־דעפּוטאטען אין בערלין. מיר האָבען אבסאָלוט זיכערע אינפאָר־מאציע, אז דייטשלאַנד וועט ווערען באָלשעוויסטיש. אונטער אזוינע אומשטענדען וועט זיך פראנקרייך דען קענען האלטען

*) П. Н. Милюков. Россия на переломе. Том 1-ый, стр. 268-269. Париж. 1927 г.

לאַנג? דערנאָך וועט קומען ענגלאַנדס רייהע. פאַר טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, בולגאַריע, איטאַליע, פראַנקרייך און ענגלאַנד איז ביי אונז אַלץ גרייט ביז צום לעצטען שטיקעל פאַפיר. קיין לאַנד וועט ניט קענען ביישטעהן געגען אונז".*)

ווי באַוואוסט, זיינען די אַלע פּלענער לענינ׳ס דורכגעפאַלען. דער מאַרש פון דער רויטער אַרמיי אויף דייטשלאַנד דורך קורלאַנד און פוילען איז אָפּגעשטעלט געוואָרען גלייך ביים אָנפאַנג. די אַלע דריי קאָמוניסטישע אויפשטאַנדען אין דייטשלאַנד זיינען אונטערדריקט געוואָרען און קאַרל ליבקנעכט אַליין איז ערמאָרדעט געוואָרען פון די מאָנאַרכיסטישע דייטשע אָפיצערען. בעלאַ קון׳ס דיקטאַטור אין אונגאַרן האָט זיך אויך מעהר ווי אַ פּאָר חדשים ניט געהאַלטען. אויך די קאָמוניסטישע אויפשטאַנדען אין וויען און אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע זיינען שנעל אונטערדריקט געוואָרען און אויף אַזאַ אופן איז פון לענינ׳ס פּלאַן אַרויסצורופען אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע אין פריהלינג פון יאָהר 1919 גאָרנישט געוואָרען.**)

אָבער לענין האָט דעם פּלאַן פון אָ ר ג א נ י ז י ר ע ן אַ

---

*) Там же стр. 270.

**) וועגען די אורזאַכען, וואָס האָבען געפיהרט צום שנעלען פאַלען פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור אין אונגאַרן עקזיסטירען נאָך עד היום צווישען די קאָמוניסטען מיינונגס־פאַרשיידענהייטען. פּראָפ. וואַרגאַ, צ. ב., אַ געוועזענער קאָמיסאַר פון דער אונגאַרישער סאָוועטען־רעגירונג, באַהויפּטעט, אַז די דיקטאַטור איז געפאַלען דערפאַר, וואָס אונגאַרן איז געווען איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט, די קאָמוניסטישע פאַרטיי שוואַך און די רוסישע רויטע אַרמיי האָט ניט געקענט קומען צו הילף דער אונגאַרישער אַרמיי. אויך האָבען די פיהרער געמאַכט אַ רייהע טעות׳ען. בוכאַרין אָבער באַהויפּטעט, אַז די „אונגאַרישע דיקטאַטור איז געשטירצט געוואָרען פון די אויסלענדישע אַרמייען, פון די פויערים בונטען אינוועניג אין לאַנד און פון דער קליין־בורזשואַזיע אין די שטעדט"... די אונגאַרישע דיקטאַטור, זאָגט בוכאַרין, האָט געהאַט געגען זיך די גרויסע מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג סיי פון די שטעדט, סיי פון די דערפער, און דערפאַר האָט זי זיך ניט געקענט האַלטען". (זעה מאָסקווער „איזוועסטיא" פון 21טען אויגוסט, 1928).

קאָמוניסטישע וועלט־רעוואָלוציע ניט אויפגעגעבען. אין יאָהר 1920 האָט ער געפּרובירט מיט אַ רויטער אַרמיי פאַרכאַפּען פּוילען און איינפיהרען דאָרט אַ סאָוועטען־דיקטאַטור. דער פּלאַן איז געווען פריהער איינצונעמען פּוילען און דערנאָך דורך פּוילען אַריינ־רייסען זיך אין דייטשלאַנד און העלפען די דייטשע קאָמוניסטען פאַרכאַפּען די מאַכט אין בערלין. בשעת דער מלחמה מיט פּוילען און אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר נאָך דער מלחמה האָבען די באָלשעוויקעס כסדר געֿטענה'ט, אַז די מלחמה האָט אָנגעפאַנגען פּוילען און זיי איז געלונגען איינצורייידען אפילו אַ סך סאָציאַליסטען און ליבעראַלען פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ, אַז דאָס האָט כלומרשט דער אימפּעריאַליסט פּילסודסקי אין 1920 אָנגעפאַנגען די מלחמה געגען רוסלאַנד און אַז די באָלשעוויקעס האָבען זיך נאָר פאַרטיידיגט געגען דעם אָנפאַל פון די פּוילישע אימפּעריאַליסטען.

איצט ווייסען מיר אָבער פון טראָצקי'ס עראינערונגען וועגען לענינ'ען, אַז די מלחמה האָט אָנגעפאַנגען ניט פּילסודסקי, נאָר די סאָוועטען־רעגירונג אויף לענינ'ס פאָדערונג, מיט'ן געדאַנק צו פּרובירען נאָך אַמאָל דורכפיהרען אַ רעוואָלוציע אין אייראָפּאַ. לענין איז געווען פאַר דעם, זאָגט טראָצקי, אַז מען זאָל „דורכטאַפּען מיט'ן באַיאָנעט די בורזשואַזע שליאַכטישע פּוילען".

„מיר אַלע ווייסען איצט, — שרייבט טראָצקי אין זיין בוך „וועגען לענינ'ען", — אַז דער מאַרש אויף וואַרשאַ (וועלכען מיר האָבען אונטערנומען אויף לענינ'ס איניציאַטיווע) איז געווען אַ טעות, פאַר וועלכען מיר האָבען באַצאָהלט אַ שרעקליך טייערען פּרייז. דיזער טעות האָט אונז ניט נאָר געבראַכט צום ריגע־שלום, וועלכער האָט אונז אָפּגעשניטען פון דייטשלאַנד, נאָר ער האָט אויך געהאָלפען די בורזשואַזע אייראָפּאַ צו באַפעסטיגען זיך. עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אַז אין פּוילען גופא וואָלט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אַוועק מיט אַ סך אַ גינסטיגערען וועג, ווען ניט אונזער אינטערווענציע און איהר דורכפאַל". *)

---

*) Л. Троцкий. О Ленине. Второе издание Госуд. Издат. Москва, 1925 г., стр. 87-88.

טראָצקי וואָלט נאָך געמעגט צוגעבען, אַז יעדע אַנדערע באָל־שעוויסטישע אַרויסטרעטונג, וואָס די סאָוועטען־רעגירונג האָט אינסצענירט אין די פאַרשיידענע טיילען פון אייראָפּאַ אָדער אַזיע האָט דאָרטען בלויז פאַרשטאַרקט די רעאַקציע און האָט אויך שטאַרק געשעדיגט רוסלאַנד.

„וואָס עס איז מערקווירדיג פאַר לעניג'ען, אין דער אידעע פון דעם אַנגריף אויף וואַרשאַ, שרייבט טראָצקי, איז די געוואַגט־קייט פון דעם פּלאַן. די ריזיקע איז געווען אַ גרויסע, אָבער דער ציל האָט אַריבערגעוועגען די ריזיקע".

דער קראַך פון דער וועלט־רעוואָלוציע האָט געטריבען לע־ניג'ען אָפיציעל צו שליסען פרידען מיט דער בורזשואַזער אייראָפּאַ. גלייכצייטיג אָבער האָט לענין אָרגאַניזירט דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט בעדאַרפט צוגרייטען די קאָמוניס־טישע רעוואָלוציע אין די לענדער, מיט וועלכע די סאָוועטען־רעגי־רונג האָט געשלאָסען אָדער האָט געזוכט צו שליסען פרידענס־אָפּמאַכען.

דער ערשטער קאָנגרעס פון קאָמאינטערן (קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל) איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אין מערץ פון יאָהר 1919. ווי די באָלשעוויקעס אַליין האָבען שפּעטער דער־צעהלט, איז דער ערשטער קאָנגרעס פון קאָמאינטערן באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון פיקטיווע דעלעגאַטען. אויסער רוסלאַנד, האָט דאָרט קיין איין לאַנד ניט געהאַט קיין פאַרטרעטער פון אמת'ע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס. לענין האָט דעם קאָנגרעס איינ־בערופען אין איילעניש, כדי צו פאַרכאַפּען דעם וועג די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּאַ, וועלכע האָבען איינבערופען אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין בערן. לענין האָט גוט געוואוסט, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ וועט געווים פאַרדאַמען די דיקטאַטור און דעם בלו־טיגען טעראָר, וואָס ער האָט איינגעפיהרט אין רוסלאַנד, האָט ער אויף שנעל צונויפגעשטופּעוועט אַן „אינטערנאַציאָנאַל" פון זיינע אייגענע אַגענטען, האָט ערקלערט די סאָציאַליסטען פון דער גאַנ־צער וועלט פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען און פאַררעטער און זיין

„אינטערנאַציאָנאַל״ פאַר דעם יורש פון דעם אמת׳ען ארבייטער־אינטערנאַציאָנאַל. פאַר דעם הויפּט פון קאָמוניסטישען אינטער־נאַציאָנאַל האָט ער באשטימט גריגאָרי זינאָוויעוו׳ן, וועלכער איז שטענדיג געווען זיין רעכטע האנט. אין דעם קאָמ־אינטערן האָט לענין, פונקט ווי אין דער רוסישער באָלשעוויסטישער פּארטיי, קודם כל איינגעפיהרט אַן אייזערנע דיסציפּלין. אין דעם גייסט זיינען אויפ׳ן צווייטען צוזאַמענפאָהר פון קאָמאינטערן איז יאָהר 1920, אויסגעארבייט געוואָרען די באריהמטע 21 פונקטען. *)

די וויכטיגסטע פון דיזע 21 פונקטען זיינען געווען די פאָל־גענדע:

1. די פּארטייען, וואָס ווילען צושטעהן צום קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, מוזען פאָלשטענדיג און וואָס שנעלער איבער־רייסען יעדע פאַרבינדונג מיט די רעפאָרמיסטישע און „צענטריס־טישע״ ריכטונגען אין סאַציאַליזם. דער קאָמאינטערן קען ניט דול־דען אין זיינע רייהען אַזוינע אָפּאָרטוניסטען ווי מעקדאָנאלד, קאַוטסקי, הילפערדינג, טוראַטי, לאָנגע, הילקוויט א. אַ.

2. די פּארטייען מוזען באַזייטיגען פון אלע וויכטיגע עמטער אין דער אַרבייטער באַוועגונג (פון די פּאַרטיי אָרגאַניזאַציעס, פון די רעדאַקציעס, פון די טרייד־יוניאָנס, פון די פּאַרלאַמענט־פראקציעס און אַנדערע פאַראיינען) אַלע מיטגלידער פון די רעפאָרמיסטישע און צענטריסטישע פּאַרטייען און באשטימען אויף זייערע פּלעצער געטרייע קאָמוניסטען, ניט מורא האָבענדיג פאַר דעם, וואָס די ערשטע צייט וועט אויסקומען פּראָסטע ארבייטער צו פּארנעמען די פּלעצער פון די „ערפאַהרענע״ אָפּאָרטוניסטען.

3. די פּאַרטייען, וואָס האָבען ראדיקאַל ניט געענדערט זייער־טאַקטיק, מוזען זעהן זיך באַוואָרענען, אַז ניט ווייניגער ווי צוויי־

---

*) אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור ווערען די באריהמטע 21 פונקטען פון קאָמאינטערן באַצייכענט אַלס „זינאָוויעוו׳ס 21 פונק־טען״. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. זייער פארפאסער איז געווען לענין אליין. זינאָוויעוו האָט בלויז אלס פּרעזידענט פון קאָמאינטערן אונטער־געשריבען זיך אונטער זיי.

דריטעל פון זייערע צענטראלע קאמיטעטען און פון די אנדערע וויכטיגסטע צענטראלע קערערשאפטען זאלען באשטעהן פון אזוינע חברים, וואס האבען פאר'ן צווייטען קאנגרעס פון קאמאינטערן ערקלערט אפען און אהן וואקלענישען, אז די פארטיי דארף זיך אנשליסען אן קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל.

4. די פארטייען, וואס האבען נאך אלץ זייער אלטע סאציאל-דעמאקראטישע פראגראם, דארפען תיכף איהר ענדערען אויף א קאמוניסטישע, וואס זאל זיין צוגעפאסט צו די ארטיגע באדינגונגען. אלע פראגראמען מוזען גוטגעהייסען ווערען פון דעם צוזאמענפאהר אדער פון דעם עקזעקוטיווען קאמיטעט פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל.

5. אלע פארטייען, וואס טרעטען אריין אין קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, מוזען ענדערען זייער נאמען און אנרופען זיך „קאמוניסטישע פארטיי פון דער און דער לאנד-סעקציע פון דריטען קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל", כדי זייער אונטערשייד פון די אלטע סאציאליסטישע פארטייען זאל זיין קלאר פאר יעדען איינעם.

6. די אלע פארטייען דארפען זיין געבויט אויפ'ן יסוד פון דעמאקראטישען צענטראליזם און אייזערנער דיסציפלין. די עקזעקוטיווע אדער דער צענטראל-קאמיטעט פון דער פארטיי דארף האבען די גאנצע מאכט און באזיצען זעהר ברייטע רעכט.

7. אזוי ווי אין גאנץ אייראפא און אין אמעריקא נעמט דער קלאסען-קאמף אן דעם כאראקטער פון א בירגער-קריג, דארפען די קאמוניסטען ניט געטרויען די בורזשואזע געזעצליכקייט און אומעטום שאפען צוגלייך מיט די אפענע לעגאלע ארגאניזאציעס אויך געהיימע אונטערערדישע ארגאניזאציעס, וועלכע וועלען אין צייט פון דער רעוואלוציע זיין א גרויסע הילף פאר דער פארטיי. די פארטייען, וואס עקזיסטירען אפען, מוזען פון צייט צו צייט גוט דורכזיפען זייערע מיטגלידער און אויסרייניגען פון דער פארטיי· די קליין-בירגערליכע עלעמענטען, וואס האבען זיך אין איהר אריינגעכאפט.

8. די אלע באשלוסען פון די קאנגרעסען און פון עקזעקו-

טיוועז קאָמיטעט פון קאָמאינטערן זיינען בינדענד פאר אלע פארטייען, וואס זיינען אָן איהם אָנגעשלאָסען. מיטגלידער וואס פארוואַרפען פרינציפּיעל די באדינגונגען און אינסטרוקציעס פון קאָמאינטערן, מוזען גלייך אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פארטיי.

9. יעדע פארטיי איז פארפליכטעט צו פיהרען אַ הארטנעקיגען קאמף געגען דעם אַמסטערדאמער טרייד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל, געגען די „געלע" טרייד־יוניאָנס,*) געגען סאָציאַל־פאַטריאָטיזם און סאָציאַל־פאַסיפיזם — געגען דעם גלויבען אין דער פעלקער־ליג, אין אנטוואפנונג און אַרביטראַזש (אַרביטריישאָן) אַלס אַ מיטעל צו פארמיידען מלחמות.

10. יעדע פארטיי איז פארפליכטעט צו אַנטוויקלען אַ קאָמוניסטישע טעטיגקייט אין די טרייד־יוניאָנס, אין די ארבייטער־סאָוועטען, אין די קאָאָפּעראַטיווען און אַנדערע ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס און גרינדען דאָרט קאָמוניסטישע קעמערלאך (גרופּען), וואָס מוזען זיך אונטערוואַרפען צו דער פארטיי.

11. די קאָמוניסטישע פארטייען זיינען ספּעציעל פארפליכטעט אָנצופיהרען אַן ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע אין דער ארמיי. אין די לענדער, וואו אזא פּראָפּאַגאַנדע איז פארבאָטען דורך אויסנאַמס־געזעצען, מוז די פּראָפּאַגאַנדע געפיהרט ווערען דורך אונלעגאַלע וועגען.

12. די פרעסע מוז שטעהן אונטער דעם קאָנטראָל פון צענטראַל־קאָמיטעט. אַלע וויכטיגע דאָקומענטען פון עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל מוזען פארעפענטליכט ווערען אין די אָנפיהרענדע פארטיי־אָרגאַנען.

דאָס זיינען די וויכטיגסטע פון די 21 פונקטען. די וויטערדיגע קאָנגרעסען פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל האָבען דיזע פונקטען נאָך מעהר פארשטאַרקט. אַזוי האָט דער דריטער קאָנגרעס פון קאָמאינטערן באפאָלמעכטיגט דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט אויסצואַרבייטען גענויע אינסטרוקציעס וועגען גרינדען קאָמוניס־

*) „געלע יוניאנס" ווערען אָנגערופען אויף דער קאָמוניסטישער שפּראך אלע יוניאנס, וואס ווערען געפיהרט פון ניט־קאָמוניסטען.

טישע גרופּען אויף די פֿאַבריקען, אין די טרייד־יוניאָנס, אין דער אַרמיי און אין פֿלאָט. אין יולי 1921 האָט דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פֿון קאָמאינטערן ארויסגעגעבען אַ באַפֿעהל, אַז די נאַציאָנאַלע קאָנגרעסען פֿון די פּאַרטייען זאָלען פֿאָרקומען ניט פֿאַר, נ אָ ך די קאָנגרעסען פֿון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, כדי די באַשלוסען פֿון די אָרטיגע פּאַרטייען זאָלען ניט ווידערשפּרעכען די באַשלוסען פֿון קאָמאינטערן. דער פֿערטער קאָנגרעס, האָט באַשלאָסען, אַז דעלעגאַטען צום קאָמאינטערן טאָרען ניט קומען מיט פּאַרטיגע אינסטרוקציעס ווי אַזוי צו שטימען א. ז. וו.

דער פֿאַרפֿאַסער פֿון אָט די אַלע פּונקטען און אינסטרוקציעס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי לענין אַליין, וועלכער האָט געזוכט צו שאַפֿען אין אַלע לענדער שטרענג צענטראַליזירטע און מיליטעריש־דיסציפּלינירטע באָלשעוויסטישע פּאַרטייען, לויט דעם מוסטער פֿון דער פּאַרטיי, וואָס ער האָט געשאַפֿען אין רוסלאַנד; פּאַרטייען, וואָס זאָלען געפֿיהרט ווערען פֿון קליינע גרופּען „פּראָפֿעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען”, וועלכע זאָלען פֿון זייער זייט באַשטימט ווערען פֿון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, ד. ה. פֿון איהם, פֿון לענינ׳ען אַליין.

לענין איז ניט נאָר געווען דער פֿאַרפֿאַסער פֿון די אַלע קאָמוניסטישע פּלענער און פּראָגראַמען, נאָר ער האָט אויך געשאַפֿען די אַזוי גערופֿענע „נייע קאָמוניסטישע מאָראַל”, אָט די באַרבאַרישע האָטענטאָטען־מאָראַל, מיט וועלכער די קאָמוניסטישע באַוועגונג צייכענט זיך אַזוי אויס פֿון אַלע אַנדערע אמאָליגע און איצטיגע געזעלשאַפֿטליכע באַוועגונגען. דאָס איז געווען לענין, וואָס האָט, נאָך זייענדיג דער פֿיהרער פֿון דעם באָלשעוויסטישען פֿליגעל פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ערקלערט, אַז אויף אַ פּאָליטישען געגנער מעג מען אויסטראַכטען בלבולים, כדי איהם צו פֿאַר׳מיאוס׳ען אין די אויגען פֿון די מאַסען. שפּעטער, שוין אַלס דיקטאַטאָר פֿון רוסלאַנד און הויפּט פֿון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, האָט לענין געשריבען:

„די קאָמוניסטען דאַרפֿען קענען איינגעהן אויף אַלערליי אָפּפֿער, אויב עס איז נויטיג זאָגאַר געברויכען פ א ר ש י י ד ע נ ע

שפּיצלאַך, כיטרע שטיק, אונלעגאַלע מעטאָדען, פאַרשווייגען און באַהאַלטען דעם אמת. אַבי נאָר אריינצודרינגען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (טרייד־יוניאָנס), פאַרבלייבען אין זיי און פיהרען דאָרט אומבאַדינגט די קאָמוניסטישע אַרבייט...

„דער קאַמף געגען די גאָמפּערס'עס, געגען די הערען זשוּאָ, די הענדערסאָנס, די מערהיימס, די לעגיענס און קאָמפּאַני *) איז אַ סך שווערער ווי דער קאַמף געגען אונזערע מענשעוויקעס. דעם דאָזיגען קאַמף מוז מען פיהרען אָהן רחמנות און ניט אַנדערש דערפיהרען איהם, ווי מיר האָבען איהם דערפיהרט, צו דעם, אַז די פיהרער פון אָפּאָרטוניזם און פון סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם זאָלען דורכאַויס פאַר'מיאוס'ט ווערען (אין די אויגען פון די מאַסען) און ארויסגעטריבען ווערען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען".**)

אַ קאָמוניסט איז, אַלזאָ, ערלויבט צו שווינדלען און זאָגען ליגען ניט בלויז אין נאָמען פון דער הייליגער רעוואָלוציע, נאָר אַפילו כדי צו קענען פאַרטרייבען פון די יוניאָנס דעם פיהרער, וועלכער איז ניט קיין קאָמוניסט. אָט דאָס איז די „נייע מאָראַל", וואָס לענין האָט געשאַפען פאַר זיינע אָנהענגער.

* * *

וואָס זשע פאַר אַ סאָרט מענש איז לענין פאָרט געוועזן? די אַלע וועלכע האָבען איהם געקענט גוט פון יאהרען לאַנג באַהויפּטען, אַז ער איז געוועזן באַהערשט פון אַן אידעאַל, אין וועלכען ער האָט געגלויבט, אַז דאָס איז דער אידעאַל פון דער צו־

---

*) גאָמפּערס איז דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערייששאָן אָוו לייבאָר, זשוּאָ איז דער פיהרער פון די פראַנצויזישע יוניאָנס, הענדערסאָן איז דער פיהרער פון דער ענגלישער לייבאָר פאַרטיי, מערהיים איז דער פאַרשטאָרבענער ראַדיקאַלער פיהרער פון די פראַנצויזישע סינדיקאַליסטען, לעגיען איז דער פאַרשטאָרבענער פיהרער פון די דייטשע יוניאָנס.

**) Н. Ленин. Собрание сочинений. Том 17-ый. Москва, 1925 г., стр. 142-145.

קונפּט, בעת זיין גאַנצער אַרט דענקען איז געווען פון אַ מענשען, וואָס לעבט אין מיטעלאַלטער. לענין האָט אין דער צייט פון דער מלחמה אויפגעטאָן פאַר'ן דייטשען קייזער מעהר ווי אַלע דייטשע אַגענטען צוזאַמענגענומען. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געדינט דייטשלאַנד. (וואָס דאָס קען מען ניט זאָגען וועגען פילע פון זיינע אַדיוטאַנטען). לענין האָט גענומען געלט ביים דייטשען גענעראַל־שטאַב אויף פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט אָבער ניט פאַרברויכט פון דעם געלט קיין פּרוטה פאַר זיך אַליין.

אין דעם שוין פריהער ציטירטען אַרטיקעל וועגען לענינ'ס פאַרבינדונג מיט דעם דייטשען גענעראַל שטאַב, שרייבט **עדואַרד בערנשטיין**, אַז לענין האָט זיך ניט געקענט פאַרענטפערען דערמיט, וואָס ער האָט כלומר'שט געוואוסט, אַז דייטשלאַנד וועט סיי ווי סיי גאָרנישט קריגען פאַר'ן געלט. דייטשלאַנד, זאָגט בערנשטיין, האָט געקראָגען אַלעס, וואָס זי האָט געוואָלט פון לענינ'ען דורכ'ן ברעסט־ליטאָווסקער פרידען. און אויב שפּעטער איז דעם קייזער'ס אַרמיי צוקלאַפּט געוואָרען, איז עס געווען טראָץ לענינ'ען. לענין האָט געטאָן אַלעס צו ברענגען אַ זיג פאַר דייטשלאַנד, אָבער די אַמעריקאַנער אַרמעע האָט צו־קלאַפּט די פּאָליטישע חשבונות, סיי פון ווילהעלם'ס גענעראַל־שטאַב, סיי פון לענינ'ען. בעת לענין האָט גענומען דאָס געלט ביים דייטשען גענעראַל־שטאַב האָט מען ניט געקענט פאָראויסזאָגען די ענטשיידענדע ראָלע וואָס די אַמעריקאַנער סאָלדאַטען וועלען שפּילען אין קריג. לענין האָט דאַרום געהאַנדעלט ווי אַ פאַררעטער צו זיין לאַנד און צו דער גאַנצער וועלט־דעמאָקראַטיע.

ווען די צייטווייליגע רעגירונג איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעקומען מיט דער באַשולדיגונג געגען לענינ'ען, אַז ער נעמט געלט ביי די דייטשען, האָט לענינ'ס צייטונג, די „פּראַוודאַ“, געשריבען, אַז די „בורזשואַזיע טראַכט אויס אַלערליי בלבולים אויף די באָלשעוויקעס, נאָר ווען דאָס וואָלט אפילו אמת גע־ווען, זעהען מיר אויך ניט קיין פאַרברעכען אין דעם צו נעמען געלט ביי דייטשלאַנד אויף צו מאַכען אַ רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד, פּונקט ווי עס וואָלט ניט געווען קיין פאַרברעכען, ווען

די דייטשע סאָציאַליסטען זאָלען אויף רוסיש געלט מאַכען אַ רע־וואָלוציע אין דייטשלאַנד".

אָט דאָס איז געווען דער סוד פון לענינ'ס גאַנצער טאַק־טיק. דאָס וואָס די גאַנצע וועלט האַלט פאַר מאָראַליש אדער אונמאָראַליש, האָט פאַר לענינ'ען ניט געגאָלטען. לענין האָט זיך געהאַט זיין אייגענע מאָראַל, אדער בעסער געזאָגט, ער האָט ניט אנערקענט קיין שום מאָראַל. כדי דורכצופיהרען זיינע פּלענער, האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט. אויב מאַלינאָווסקי אדער אַנדערע פּראָוואָקאַטאָרס און אויסוואור־פען האָבען געקענט איהם ברענגען וועלכע עס איז נוצען, האָט ער זיך געהאַלטען מיט זיי אזוי לאַנג, ווי ער האָט זיי נאָר גע־קענט אויסנוצען פאַר זיינע צוועקען. ער איז געווען גרייט צו שליסען אַן אָפּמאַך מיט לודענדאָרף'ן, מיט'ן קייזער, מיט'ן רוי־מישען פּאַפּסט, מיט'ן טייפעל אליין, ווען נאָר ער האָט געדענקט, אז דאָס קען איהם העלפען דערגרייכען זיין ציל.

אין זיין פּריוואַט־לעבען איז לענין תמיד געווען אַ נזיר, אַן אסקעט. ער האָט געלעבט זעהר באַשיידען אויך זייענדיג דער אבסאָלוטער דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד, ניט אזוי ווי פילע פון די געוועזענע און איצטיגע קאָמיסאַרען, וועלכע האָבען זיך אימער גע־לאָזט גאַנץ פיין וואוילגיין. לענין האָט געלעבט ניט בעסער ווי דער קלענסטער קאָמיסאַרל, טראָצדעם, וואָס ער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו לעבען ווי אַ קייזער.

זיין אלמנה, קרופּסקאַיאַ, איז אויך אין דעם פּרט עהנליך צו איהם. זי איז זעהר אַ באַשיידענע און אידעאַליסטישע פרוי. קיין קינדער האָבען זיי קיינמאָל ניט געהאַט. אין פּריוואַט־לעבען איז לענין גראָד געווען אַ פריינדליכער מענש און דאָס וואָס מען רופט אַ „גוטער חבר". ער האָט ניט געבלאָזען פון זיך, האָט זיך ניט גרויס געהאַלטען, האָט זיך געהאַלטען מיט אַלעמען גלייך. פאַר איהם האָט אָבער קיינמאָל קיין זאַך ניט עקזיסטירט, אוי־סער זיין אידעע פיקס. און אום דורכצופיהרען אָט די אידעע זיינע האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט צו געברויכען די ערגסטע מיטלען.

וואָס, צום ביישפּיל, האָט ער ניט געזאָגט אויף קערענסקי'ן, צערעטעלי'ן, דערפאר, וואס די צייטווייליגע רעגירונג האָט געוואָלט אָנווענדען טויט־שטראָף אויפ'ן פראָנט, כדי אויפצוהאלטען די דיסציפּלין פון דער קעמפענדער ארמעע? ער האָט זיי אָנגערופען מיט די ערגסטע נעמען. אין אַ פּאָר מאָנאַט ארום אָבער האָט ער אַליין אָנגעפאנגען אויסצושיסען מענשען אין די צעהנדליגער טויזענטער.*)

וויסענדיג, אז די גרויסע מאסען פון רוסישען פּאָלק זיינען זעהר אונוויסענד, האָט לענין דאָך ניט אפּגעשטעלט זיך צו מאכען אויף זיינע פּאָליטישע געגנער די לעכערליכסטע בלבולים. אזוי, למשל, האָט לענין אין נאָוועמבער, 1917, ווען די צווישעטע סאָלדאַטען און מאַטראָזען פון פּעטראָגראַד האָבען אין א פּאָר טעג ארום נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש זיך א ווארף געטאָן פּאָגראָמירען די וויין־קעלערס, ניט געשעמט זיך ארויסצוקומען מיט אַ באַשולדיגונג אין די צייטונגען, אז די דאָזיגע „שיכור'ע פּאָגראָמען" זיינען אָרגאַניזירט געווארען פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראטישער פּארטיי, ד. ה. פון פּראָפ. מיליוקאָוו'ן, וולאַדימיר נאַבאָקאוו'ן, ראָדיטשעוו'ן, ווינאווער''ן און די אַנדערע באַריהמטעסטע פּאָרשטעהער פון דער רוסישער ליבעראַלער אינטעליגענץ. פּראָפ. מיליוקאָוו'ן, צום ביישפּיל, האָט לענין כאַראַקטעריזירט אלס אַן „אבסאָלוט האָפנונגסלאָז־אונווייסענדען מענשען", אין דער צייט, וואס מיליוקאָוו ווערט פּאררעכענט אלס איינער פון די געבילדעטסטע און געלערנטסטע מענשען, ניט נאָר פון רוסלאַנד, נאָר פון גאנץ אייראָפּא.

עס פארשטעהט זיך, אז לעניןַ האָט ניט אנגעפאנגען צו גלויבען אין דעם, וואס ער האָט גערעדט און געשריבען וועגען זיינע

---

*) קערענסקי, וועלכער האָט ארויסגעגעבן דעם באַפעהל וועגן איינפיהרען צוריק טוידט־שטראָף פאר דעזערטירען און פארברעכער אויפ'ן פראָנט, האָט פאקטיש פאר דער גאנצער צייט קיין איין טויט־אורטייל ניט אונטערגעשריבען.

גענגנער. איהם איז אין דעם מאָמענט וויכטיג געווען זיי צו דיסקרעדיטירען אין די אויגען פון דעם „מאָב" און פאר דעם צוועק זיינען אלע מיטלען געווען כשר.

אָבער אָט דער בלבול־מאכער איז אין דער זעלבער צייט געווען שטארק פארליבט אין זיך אליין. ער האָט געהערשט ווי אַן עכטער אויטאָקראַט איבער דער הונדערט־מיליאָניגער באַפעלקערונג פון רוסלאנד, פונקט ווי ער האָט פריהער געהערשט מיט אַן אייזערנער האנט איבער די עטליכע טוץ רוסישע עמיגראנטען־באָלשעוויקעס אין דער שווייץ. זיינע בעסטע פריינד און חברים האָבען איהם אימער באשולדיגט, אז ער האנדעלט ווי א דעספּאָט און אויטאָקראַט. נאָך אין יאָהר 1904 האָט ער אין זיין בראָשורע „איין שריט פאָרווערטס, צוויי — צוריק" מיט א גיפטיגער איראָניע אויסגערעכענט די צונעמענישען מיט וועלכע זיינע חברים רופען איהם: „אויטאָקראַט", „ביוראָקראַט", „פאָרמאליסט", „צענטראליסט", „איינזייטיגער מענש", „קופערנער שטערן", „שמאָל־קעפּיגער", „פאַרדעכטיגער", „איינגעשפּארטער", א. אז. וו.

טראָצקי האָט אין 1904, אין זיין בראָשורע „אונזערע פּאָליטישע אויפגאבען", כאראַקטעריזירט לענינ'ען אלס „א דעספּאָט און טעראָריסט, וועלכער זוכט צו פארוואנדלען דעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי אין אן אלמעכטיגען „קאָמיטעט פון געזעלשאפטליכער זיכערקייט" (דער באַריהמטער קאָמיטעט, וואס די טעראָריסטישע יאקאָבינער פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע האָבען געגרינדעט), כדי ער זאָל קענען שפּילען דאָרט די ראָלע פון ראָבעספּיער'ן".

לענינ'ן דעספּאָטיזם און די אבסאָלוטע אונמאָראלישקייט פון זיין פּאָליטישער טאקטיק, האָבען אָפּגעפרעמדט פון איהם אלע אונאָפּהענגיגע רוסישע סאציאליסטען, אפילו די וועלכע זיינען מיט איהם געווען באפריינדעט פאר פילע יאהרען. אזוי איז לענין אין א משך פון יאהרען געווען באפריינדעט מיט פּלעכאנאָוו'ן, וועלכער איז דערנאָך געוואָרען זיין גרעסטער שונא. אויך פּאוועל אקסעלראָד, ווערא זאַסוליטש, פּאָטרעסאָוו, מארטאָוו, זיי־

נען יאהרען לאנג געווען אינטים באפריינדעט מיט איהם, אָבער נאָך לאנג פאר דער רעוואלוציע, האָבען זיי אלע איהם פארלאָזען. שפעטער האָבען איהם פארלאָזען פּראָפעסאר ניקאָלאי ראָזשקאָוו, א. באָגדאנאָוו, י. גאָלדענבערג, וו. באזאראָוו און פילע אנדערע וואס זיינען געווען די פיהרער פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי פאר א משך פון יאהרען.

לענין האָט זיינע מיטארבייטער באהאנדעלט ווי שיק־אינג־לאָך און דערפאר האָט ער שטענדיג געדולדעט ארום זיך די ערגסטע מענשען. ער איז שטענדיג געווען ארומגערינגעלט מיט גע־וועזענע פארברעכער מכל המינים. זיין שוואכקייט צו אָט־די אוואנטוריסטען און פשוט׳ען זשוליקעס, ערקלערט זיך מיט פאל־גענדעס:

לענינ׳ס גאנצע קראַפט, וואס האָט איהם געמאכט פאר דעם „נביא" פון דער רוסישער רעוואלוציע, איז געלעגען אין זיין פעהיגקייט צו אפּעלירען צו די נידריגסטע אינסטינקטען פון דער מענשליכער נאטור. פאר דער צושטערונגס ארבייט, וואס דער באָלשעוויסטישער רעזשים האָט מיט זיך געבראכט, האָט ער אויס־גענוצט מיט א מייסטער־האנד דעם מעכטיגען סאָציאלען וואפען פון האס. ער האָט אויסגענוצט יעדען פיינדליכען געפיהל, וואס האָט געלעבט אין די הערצער פון די פאלקס־מאסען אלס רעזול־טאַט פון זייער שווערען לעבען אין נאָרמאלע צייטען און די שרעקליכע ערפאהרונג, וואס די מלחמה האָט מיט זיך געבראכט. ער האָט אויסגענוצט דעם האס פון דעם ארבייטער צום קאַ־פּיטאליסט, דעם האס פון דעם פויער צום רייכען פּאָמעשטשיק, דעם האס פונ׳ם כינעזישען „קולי" צום לאנד, וואס האָט איהם שלעכט באהאנדעלט; דעם האס פון דעם אונטערדריקטען אידען צו דעם רוסישען אונטערדריקער, און מעהר פון אלץ — דעם האס פון סאָלדאט און מאטראָז צום אָפיצער, וואס האָט מיט א שטארקער האנט אייגגעהאלטען די דיסציפּלין אין דער ארמיי.

לענין איז געווען א פּובליציסט און א רעדנער, אָבער ווייט ניט קיין ערשט־קלאסיגער. ער האָט אָנגעפאנגען זיין ליטערא־

רישע קאריער אין די 90־ער יאהרען פון פאָריגען יאָהר־הונדערט מיט א בראָשורע: „ווער זיינען דאָס אזעל־כע די פאָלקס־פריינד און ווי אזוי האלטען זיי מלחמה מיט די סאציאל־דעמאָקראטען". די דאָזיגע בראָשורע האָט שטארק שאָקירט מיט איהר וואולגארען טאָן אפילו זיינע נאָהענטסטע חברים. דאס איינציג גרויסע ווערק, וואס ער האָט אָנגעשריבען, „די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוס־לאנד", איז אפילו אויף דעם געביט א דריט־קלאַסיגעס ווערק. די מעהרסטע פון זיינע בראָשורען זיינען שלעכט געשריבען און פול מיט וואולגארע אויסדרוקען און ווערטלאך, וואס קענען אויף אן אינטעליגענטען לעזער קיין באזונדערען איינדרוק ניט מאכען. ווען ניט לענינ'ס שפעטערדיגע ראָלע אלס דיקטאטאָר פון רוס־לאנד, וואָלטען אפילו זעהר ווייניג סאציאליסטען געלעזען זיינע ווערק.

אלע וואס האבען גוט געקענט לענינ'ען דערצעהלען, אז ער האָט זיך מיט קיינע אַנדערע פראגען, אויסער פאָליטישע עקאָ־נאָמיע, קיינמאָל ערנסט ניט אינטערעסירט. דעם בוך, וואס ער האָט אָנגעשריבען איבער פילאָזאָפיע, האבען אלע מבינים פשוט אויסגעלאכט. פלעכאנאָוו, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען באפריינדעט מיט לענינ'ען, האָט זיך אין א שפאס אויסגע־דריקט, אז לענין האָט מיט זיין ביכעל באוויזען, אז ער איז אן ע ר ש ט ע ר־ק ל א ס י ג ע ר פילאָזאָף, ד. ה. אז ער געפינט זיך נאָך אין ערשטען קלאס פון פילאָזאָפיע.

קיין אָראטאָר איז לענין אויך ניט געווען. טראָצקי און לו־נאטשארסקי זיינען א סך שעהנערע און בעסערע רעדנער פון לע־נינ'ען. לענין אָבער האָט גערעדט מיט היץ, ער האָט שטענדיג געברויכט די שטארקסטע ווערטער און האָט אָהן צווייפעל פאר־מאָגט א געוויסע היפנאָטישע קראַפט אין זיך. ער האָט אויס־געצייכענט געקענט די פסיכאָלאָגיע פון דער אונוויסענדער רוסי־שער מאסע. אָבער ניט פון די איינצעלנע מענשען.

ווי אלדאנאָוו באמערקט זעהר ריכטיג אין זיין בוך וועגען

לענינ׳ען, האָט לענינ׳ס כאַראַקטער מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קאָמבינאַציע פון עלעמענטאַרע, איינפאַכע אייגנשאַפטן: עלע־מענטאַרער פאַנאַטיזם, עלעמענטאַרע אינטעליגענץ, עלעמענטאַרע משוגעת, דאָס איז פּילייכט געווען די אורזאַכע פון זיין מאַכט, וואָרים וואָס קען נאָך זיין עלעמענטאַרער ווי די האַלב־ציוויליזירטע אונגליקליכע באַשעפענישען, פון וועלכע עס איז אין יאהר 1917 באַשטאַנען די גרויסע מאַסע פון די רוסישע פּויערים און אַרבייטער?

לענינ׳ס רעדעס האָבען געקענט מאַכען אַן איינדרוק נאָר אויף יונגע פּאָעטען אַדער אויף אונוויסענדע אַרבייטער, אָבער ניט אויף אַ געבילדעטען מענשען. אַלדאַנאָוו ברענגט די ווער־טער פון אַ סאָציאַליסטישען שרייבער, וועלכער דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז געווען ענטוישט פון לענינ׳ס אַ רעדע, וואָס ער האָט געהערט אין פּעטראָגראַד מיט אַ קורצער צייט פאַר דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. דער שרייבער האָט ער־וואַרטעט פון לענינ׳ען אַ צוגלידערונג פון דער לאַגע אין רוס־לאַנד, אָבער אנשטאָט דעם האָט ער געהערט בלויז אויסגעשרייען: „אַרעסטירט די קאַפּיטאַליסטען”. „גיט זיי אַלעמען אין קאַרק!” „נידער מיט דער מלחמה!” א. ז. וו.

„איך האָב קוים געגלויבט מיינע אויגען און אויערען, שרייבט ער, אַז אַט־דער מאַניאַק איז ווירקליך לענין. די מאַסע אָבער האָט איהם געמאַכט אַן אָוואַציע נאָך דער רעדע”.

לענין איז געווען אַ טיפּישער רוס אין זיין כאַראַקטער, זאָגט אַלדאַנאָוו, און דאָך איז ער אין פילע פּרטים געווען דער היפּך פונ׳ם סלאַוו, אין דעם זין ווי דאָס וואָרט ווערט גע־ברויכט פון ספּעציאַליסטען אין נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע. סלאַ־ווען, זאָגט מען, האָבען שוואַכע כאַראַקטערס, לענין אָבער האָט באַזעסען אַן אייזערנע ווילענס־קראַפט. סלאַווען זיינען ראָמאַנ־טיקער, לענין אָבער איז געווען די טרוקענקייט אַליין. סלאַווען זיינען פאַנטאַזיאָרען, בעלי־חלומות, לענין האָט ניט פאַרמאָגט קיין סימן דערפון.

געאָרג פּלעכאַנאָוו האָט נאָך מיט פילע יאהרען פאַר דער

באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געשריבען וועגען לענינ'ען, אז ער איז „א גרויסער אוטאָפּיסט מיט א קליינטשינקער אוטאָפּיע אין קעשענע". אויסער זיין אייגענער אוטאָפּיע האָט פאר לענינ'ען קיין זאך ניט עקזיסטירט.

לענין איז ניט געוועזן קיין סאָציאַלער טרוימער, ווי מאנכע זוכען איהם פאַרצושטעלען. דער גליק פון די לעבעדיגע מענשען האָט איהם פונקט אזוי ווייניג אינטערעסירט ווי דער שיקזאַל פון זיין פאטערלאַנד. רוסלאַנד איז פאר איהם געוועזן ניט מעהר ווי א לאבאָראטאָריע, וואו ער האָט געוואָלט מאכען אן עקספּערימענט דורכצופיהרען אין לעבען ז י י ן אוטאָפּיע. וואָלט ער עס געקענט טאָן אין אן אנדער לאנד, וואָלט ער אויך געווען צופרידען. דאָס רוסישע פאָלק איז פאר איהם געוועזן ניט מעהר ווי מאַטעריאַל פאר זיינע עקספּערימענטען. פונקט ווי דער פיזיאָלאָג מאכט אין זיין לאבאָראטאריע עקספּערימענ־טען איבער לעבעדיגע קראָליקעס, אזוי האָט לענין געמאכט זיינע עקספּערימענטען איבער די לעבעדיגע מיליאָנען מענשען פון רוס־לאנד. דערביי האָט ער זיך פונקט ווי דער קאַלטער פיזיאָלאָג ווייניג געקימערט איבער דעם, וואס דעם קראָליק טוט וועה ווען מען שניידט איהם לעבעדיגערהייט, און וואָס ער געהט אָפּ מיט בלוט. לענין איז געוועזן גרייט אויפצואָפּפערען מיט גאַנץ רוסלאנד, אויב נאָר ער וואָלט געדענקט, אז דאָס איז נויטיג, אום צו פארווירקליכען זיין טרוקענע אוטאָפּיע, וועלכע ער האָט א נאָמען געגעבען „קאָמוניזם".

און לענין איז געוועזן דער טרוקענסטער אוטאָפּיסט, וואס האָט נאָר ווען געלעבט אויף דער וועלט. א מענש כמעט גאָר אָהן סענטי־מענטען. זיין טרוקענקייט האָט מען געפיהלט סיי אין זיין שרייבען, סיי אין זיין ריידען, סיי אין זיין פּאָליטיק. דער לעבעדיגער מענש, מיט זיינע פילפאכע ליידען, פריידען און שטרעבונגען האָט פאר איהם קיינמאָל ניט עקזיסטירט. אפילו פאר דעם שיקזאַל פון דער גאנצער מענשהייט האָט ער זיך אויך ווייניג גע־קימערט. ער איז געוועזן פארליבט אין זיין אוטאָפּיע און איז גע־ווען גרייט די גאנצע וועלט און אויך זיין אייגענעם לעבען מקריב

צו זיין פאר דער דאָזיגער אוטאָפּיע. נאָר אין דעם באַגרעניצטען זינען קען מען ריידען וועגען לענינ'ען ווי וועגען א גרויסען אי־רעאליסט. אויסער זיין אידעע האָט פאר איהם ווירקליך קיין זאך אויף דער וועלט ניט עקזיסטירט.

ווען ניט דער בלינדער צופאל פון דער וועלט־מלחמה און די אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען, וואס די רעוואלוציע האָט אין 1917 געשאפען אין רוסלאנד, וואלט לענין אויסגעלעבט זיינע יאהרען ערגעץ אין אויסלאנד אדער אין רוסלאנד און די ברייטע וועלט וואלט פון איהם אפילו קיינמאָל ניט געהערט. ביז'ן יאָהר 1917 איז זיין נאָמען געווען באקאנט נאָר אין די ענגע קרייזען פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג, טראָץ דעם וואס ער האָט שוין געהאט אָנגעשריבען א רייהע ביכער און איז אין א משך פון 14 יאהר צייט געווען דער פיהרער פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי. זשורנאליסטען און פובלי־ציסטען האָט רוסלאנד פארמאָגט א סך בעסערע ווי לענין, רעד־נער אויך און וויסענשאפטסלייט אודאי און אודאי. אפילו אין די מארקסיסטישע זשורנאלען איז לענין אויך קיינמאָל ניט פאררעכענט געווען פאר א „סטאר". מיט זיינע עקאָנאָמישע, פי־לאָזאָפישע אדער ליטעראַרישע ארטיקלען האָט מען זיך קיינ־מאָל ניט גערעכענט ווי מען האָט זיך גערעכענט מיט די ארטיקלען פון א פלעכאנאָוו, א פיאָטר מאסלאָוו, א באָגדאנאָוו אדער אנ־דערע מארקסיסטישע טעאָרעטיקער און פובליציסטען. אלס זשור־נאליסט איז אפילו טראָצקי געווען פיל פאָפולערער ווי לענין. זיינע ווערק ענטהאלטען זעהר ווייניג אָריגינעלע געדאנקען. אפילו זיין „באָלשעוויזם" איז דאָך אויך ניט אינגאנצען קיין אָריגי־נעלער. ווי מיר האָבען געזעהן אין א פריהערדיגען קאפיטעל, האָט לענין זיין גאנצע טעאָריע וועגען פיהרער און מאסען און וועגען דער ראָלע פון דער רעוואלוציאנערער מינאָריטעט אין דער געזעלשאפט געבאָרגט ביי טקאטשאָוו'ען, וועלכער האָט אין די 70ער יאהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט געפּרעדיגט אין זיין זשורנאל „נאבאט" די זעלבע אידעען, וועלכע לענין האָט מיט 35 יאהר שפּעטער ענטוויקעלט אין זיין בוך

„טשטאָ דיעלאט?" דער אונטערשייד איז נאָר דער, וואס טקאטשאָוו האָט גערעדט פון „רעוואָלוציאנערען פאָלק" און לענין פון „רעוואָלוציאנערען פראָלעטאַריאט". דאָס איבע־ריגע אין לענינ'ס „באָלשעוויזם" איז א געמישאכץ פון באַקונינ'ס עכט־רוסישען „קאָמוניזם" באַפּארבט מיט ציטאַטען און פראַזען פון קארל מארקס. אויף דעם האָבען אָנגעצייגט נאָך מיט יאהרען צוריק איידער לענין איז געווארען דער דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד, אלע רוסישע טעאָרעטיקער פון סאציאליזם.

לענינ'ס פארעהרער צייגען אָן, אז ער האָט געהאַט א גע־ניאַלען חוש צו קאָנען פאָראויסזעהן זאכען און פּאסירונגען. אָבער דאָס קענען נאָר זאגען מענשען, וואס זיינען לחלוטין ניט באַקאַנט מיט לענינ'ס שריפטען און מיט זיין גאנצער טעטיגקייט. קיין איינציגע פון לענינ'ס נבואות איז קיינמאָל ניט מקוים גע־ווארען. עס איז געווען נאָר דורכצובלעטערען זיינע ווערק אום צו זעהן, ווי אזוי ער האָט יעדען האַלב יאָהר אפּגעזאָגט זיך פון דעם, וואס ער האָט געהאַלטען פאר דעם אבסאָלוטען אמת מיט א האַלב יאָהר פריהער. אמת, ניט אלע מאָל האָט ער גע־האַט דעם מוט מודה צו זיין, אז ער האָט פריהער געמאַכט א טעות אין זיינע חשבונות. ער האָט זעהר גוט געקענט דעם קונץ פון אויסטייטשען יעדען ריקצוג זיינעם כלומר'שט אלס א ווייטע־רען שריט פאָרווערטס, אָבער דאָס ענדערט דאָך ניט דעם פאַקט גופא, אז פון אלע זיינע נביאות האָט זיך שטענדיג אויסגעלאָזען א בוידים. ער האָט, צום ביישפּיל, פאָראויסגעזאָגט, אז די ערשטע דומא וואס דער צאַר האָט אין 1906 איינבארופען, וועט זיין א שווארץ מאה'דיגע און דערפאר האָט ער געפּרעדיגט, אז אלע פּראָגרעסיווע עלעמענטען פון לאנד מוזען באָיקאָטירען די וואהלען צו דער דומא. אויסגעלאָזען האָט זיך, אז די ערשטע דומא איז געווען דער ראַדיקאַלסטער פּארלאַמענט אין דער וועלט און לענין אליין האָט שוין צו די וואהלען אין דער צוויי־טער דומא ארויסגעשטעלט זיין אייגענע קאנדידאַטור. אין 1906 האָט ער פאָראויסגעזאָגט א באוואפּענטען אויפשטאַנד אין הערבסט, ווי נאָר די פויערים וועלען ארונטערנעמען די תבואה

פון די פעלדער און ער האָט זאָגאר באַשטימט דעם דאטום פאר דעם. אויסגעלאָזען האָט זיך, אז אין לאנד איז גאָר אָנגע־קומען א פינסטערע רעאקציע. אין 1917 האָט ער פאראויס־געזאָגט, אז ווי נאָר די רוסישע סאָלדאטען וועלען אוועקלייגען די וואפען און וועלען זיך אָנפאנגען „ברידערען" מיט די דייטשען, וועלען אין דייטשלאנד און אין אלע אנדערע לענדער גלייך אויס־ברעכען רעוואָלוציעס. אויסגעלאָזען האָט זיך, אז ווי נאָר לענין האָט אָפגעשטעלט די מלחמה מיט דייטשלאנד, האָבען די דייטשע ארמייען פארנומען באלד א העלפט פון רוסלאנד און ווען די עלאַים וואלטען מיט דער הילף פון אמעריקא, ניט צוקלאפט די דייטשען אויפ'ן מערב־פראָנט, וואָלט ווילהעלם געבליבען דער הערשער ניט נאָר איבער דייטשלאנד, נאָר אויך איבער דעם גרעס־טען טייל פון רוסלאנד.

לענינ'ען האָט זיך איינגעגעבען צו פארכאפען די מאכט אין רוסלאנד און אָנהאלטען זי פיל לענגער, ווי ער אליין האָט ערוואַרטעט. אָבער האָט ער פארווירקליכט דעם אידעאל, אין נאָ־מען פון וועלכען ער האָט די מאכט פארכאפט? ניין. אין דאָרף איז קיינמאָל קיין סימן ניט געווען פון קאָמוניזם און די „קאָמוניס־טישע" אָרדנונג, וואָס לענין האָט אין 1918 איינגעפירט אין די רוסישע שטעדט, האָט ער מיט דריי יאָהר שפעטער אליין געמוזט אָפשאפען. אָנשטאָט קאָמוניזם האָט ער איינגעפיהרט דעם „נעפ". אָנשטאָט די אלטע ארמיי האָט ער געשאפען א נייע ארמיי. אָנשטאָט די צארישע אָכראַנקע האָט ער איינגעפיהרט א טשעקא.

לענין האָט אָפגעשאפט די אלע פרייהייטען, וואָס דאָס רוסי־שע פאָלק האָט מיט אזוי פיל אָפּפער ערוואָרבען דורך דער מערץ־רעוואָלוציע פון 1917. דאָס וועט איהם די געשיכטע קיינמאָל ניט מוחל זיין. די פאָליטישע אָרדנונג, וועלכע ער האָט איינ־געפיהרט אין רוסלאנד אונטערשיידעט זיך ניט פיל פון דער אלטער צארישער סיסיטעם: די זעלבע אונטערדריקונג פון יעדען פרייען געדאנק, דער זעלבער צאָם אויפ'ן מויל, דער זעלבער ווילקיר און א פיל שרעקליכערער טעראָר ווי אין די ערגסטע צייטען פון די ראָמאנאָווס. אזא „רעוואָלוציע" ווי לענין האָט אין נאָ־

וועמבער, 1917, געמאכט אין רוסלאנד איז אלע מאָל פון אלע היסטאָריקער און פּאָליטיקער באצייכענט געווארען מיט'ן נאָמען „קאָנטר־רעוואלוציע". און אויף צו דערגרייכען אָט די רעזול־טאַטען האָט לענין אויפגעאָפּפערט מיט מיליאָנען מענשליכע לעבענס, האָט חרוב געמאכט דאָס לאנד און האָט אין פילע הינ־זיכטען צוריקגעשליידערט רוסלאנד וויינינגסטענס אויף 50 יאהר צוריק.

לענין האָט אפילו ניט געקענט פארענטפערען זיך פאר דער געשיכטע מיט דעם תירוץ, אז ער האָט ניט געקענט פאר־אויסזעהן צו וואס זיין „רעוואלוציע" וועט אין דער אמת'ן פיהרען. די גאנצע ראַדיקאלע און סאָציאליסטישע רוסלאנד האָט איהם געהאלטען אין איין וואָרענען, אז ער זאָל ניט מאכען זיין עקס־פּערימענט איבער דעם לעבעדיגען קערפּער פון דעם רוסישען פאָלק.

באלד נאָך דער מערץ־רעוואלוציע, ווי לענין איז נאָר גע־קומען פון דער שווייץ קיין פּעטערבורג און האָט אָנגעהויבען אגיטירען פאר א נייע סאָציאליסטישע רעוואלוציע, האָט פּ ל ע־כ א נ אָ ו געשריבען אין זיין צייטונג „יעדינסטוואָ":

„ווער דארף האָבען דעם קאַפּיטאַליזם אויסער די קאַפּי־טאַליסטען אליין? ווארום ניט פארניכטען דעם קאַפּיטאַליזם און איבערבויען די געזעלשאַפט אויף סאציאליסטישע יסודות? — אָט אזוינע רייד הערט מען איצט ניט זעלטען פון מאנכע אגי־טאַטאָרס. די דאָזיגע רייד האָבען אָבער קיין זינען ניט.

„ניט צו יעדער צייט קען מען איבערבויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאליסטישע יסודות. פאר א סאָציאליסטישער אָרד־נונג זיינען נויטיג וויינינגסטענס צוויי באדינגונגען: 1) א הויך־ענטוויקעלטע טעכניק און 2) די ארבייטער מאסען זאָלען זיך געפינען אויף א זעהר הויכער שטופע פון ענטוויקלונג און באַ־וואוסטזיניגקייט. דאָרט, וואו עס פעהלען אָט די דורכאויס נויטיגע צוויי באדינגונגען קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגען איינ־פיהרען א סאָציאליסטישע אָרגאַניזאציע פון דער פּראָדוקציע. ווען די ארבייטער וואלטען געמאכט א פארזוך איינצופיהרען דעם סאָ־

ציאַליזם בעת דיזע צוויי באַדינגונגען פעהלען, וואָלט פון זייער פאַרזוך קיין גוטעס ניט אַרויסקומען. זיי וואָלט בלויז געלונגען צו אָ ר ג אַ נ י ז י ר ע ן אַ ה ו נ ג ע ר אין לאַנד, אום צו געברויכען דאָ דעם שטאַרקען אויסדרוק פון איינעם פון די ערש־טע פראַנצויזישע סאָציאַליסטען (סען־סימאָן). דער אונפאַרמייד־לאַכער רעזולטאַט פון „אָרגאַניזירען דעם הונגער" וואָלט געווען אַ שרעקליכער עקאָנאָמישער קריזיס, נאָך וועלכען די ארבייטער וואָלטען זיך געפונען אין אַ סך אַן ערגערע לאַגע, ווי זיי האָבען זיך געפונען, איידער זיי האָבען געמאַכט דעם דאָזיגען פאַר־זוך. אונזערע באַוואוסטזיניגע ארבייטער דאַרפען עס נעמען גוט אין אכט איצט, ווען אייניגע רופען זיי גלייך צו אַ סאָציאַליס־טישער אָרדנונג און אַנדערע ריידען זיי איין צו שטעלען אליין העכערע און העכערע פאָדערונגען צו די קאַפּיטאַליסטען. ריידען וועגען אָרגאַניזירען אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג אין דער איצטיגער רוסלאַנד הייסט אריינלאָזען זיך אין אַ זיכערער און דערצו נאָך אין אַ זעהר שעדליכער אוטאָפּיע".*

אין יולי, 1917, נאָך דעם ערשטען ניט געלונגענעם באָל־שעוויסטישען אויפשטאַנד אין פעטראָגראַד, האָט דער זעלבער פּלעכאַנאָוו געשריבען אין זיין צייטונג „יעדינסטוואָ":

„לענין איז אַ דעמאַגאָג פון קאָפּ ביז די פיס. ער איז אַ זעלטענער מייסטער אויף צוזאַמענקלייבען אונטער זיין פאָהן „דעם צעיושעטען ארבייטער־מאָב", (אויף וועלכען באַקונין האָט אמאָל געלייגט האָפענונגען). אַלע זיינע כלומר'שט „רעוואָלו־ציאָנערע" פּלענער בויט ער אויף דער אונוויסענהייט פון דעם „ווילדען, הונגעריגען פּראָלעטאַריאַט". ארבייטען צוזאַמען מיט איהם קען מען נאָר אויף חרוב צו מאַכען די רוסישע מלוכה און די רוסישע רעוואָלוציע".

דעם 28טען אָקטאָבער (10טען נאָוועמבער לויט דעם נייעם סטיל) 1917, אין דריי טעג ארום נאָך דער באָלשעוויסטישער אי־

*) Г. В. Плеханов. Год на родине. Париж, 1920 г. Том 1-ый, стр. 129.

בערקעהרעניש, האָט פּלעכאַנאָוו שוין ליגענדיג אויפ׳ן קראַנקען־בעט געשריבען אין זיין „אָפענעם בריף צו די פּעטראָגראַדער ארבייטער“:

ניט דערפאַר פאַרשאַפען מיר עגמת נפש די געשעהענישען פון די לעצטע טעג (די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש) ווייל איך וויל ניט אַז דער ארבייטער קלאַס זאָל טריאומפירען, נאָר פאַרקערט, ווייל מיט אַלע קרעפטען פון מיין נשמה ווינש איך דעם טריאומף פון ארבייטער קלאַס. די באוואוסטזיניגע עלע־מענטען פון אונזער פּראָלעטאַריאַט זיינען מחויב צו שטעלען די פראַגע: איז אונזער פּראָלעטאַריאַט גרייט דערצו אַז ער זאָל שוין איצט פּראָקלאַמירען זיין דיקטאַטור? איטליכער, וואָס פאַרשטעהט כאָטש טיילווייז וואָסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען עס זיינען נויטיג פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועט אויף דער דאָזיגער פראַגע ענטפערען אָהן וואַקלעניש מיט אַן ענטשידענעם — ניין!

„ניין, אונזער ארבייטער קלאַס קאָן נאָך וויט ניט, מיט נוצען פאַר זיך און פאַר׳ן גאַנצען לאַנד נעמען אין זיינע הענד די פּאָליטישע מאַכט. איהם אָנוואַרפען אַזאַ מאַכט הייסט שטויסען איהם אויפ׳ן וועג פון גרעסטען היס־טאָרישען אומגליק, וואָס וואָלט געווען אין דער זעלבער צייט דאָס גרעס־טע אומגליק אויך פאַר גאַנץ רוס־לאַנד.

„אין דער באַפעלקערונג פון אונזער לאַנד בילדעט דער פּראָלעטאַריאַט ניט אַ מערהייט, נאָר אַ מינדערהייט. אמת, דער ארבייטער קלאַס קען רעכענען אויף דער שטיצע פון די פּויערים, פון וועלכע עס באַשטעהט ביז היינט צוטאָג דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג, אָבער די פּויערים דאַרפען ערד, זיי נויטיגען זיך אָבער ניט אין דעם, אַז די קאַפּיטאַ־

ליסטישע אָרדנונג זאָל פאַרביטען ווערען אויף אַ סאָציאַליסטישע. נאָך מעהר:

„די ווירטשאַפטליכע טעטיגקייט פון די פויערים, וואס אין זייערע הענד וועט אריבערגעהן די ערד פון די פריצים, וועט געהן ניט אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם, נאָר אין דער ריכטונג פון קאַפּיטאַליזם. הייסט עס, אז דאָס פויערטום איז גאָר ניט קיין צופערלעסיגער בונדעס־גענאָסע פון דעם ארבייטער אין דעם ענין פון איינאָרדנען אַ סאָציאַליסטישען מיטעל פון באַטריב. און אויב דער ארבייטער קאָן ניט רעכענען אין דעם דאָזיגען ענין אויפ'ן פויערטום, טאָ אויף וועמען דען קען ער רעכענען? נאָר אויף זיך אליין. אָבער ער איז, ווי געזאָגט, אין דער מינדערהייט, בעת אויף צו בויען אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג איז נויטיג אַ מערהייט. דערפון קומט אויס, אז ווען אונזער פּראָלעטאַריאַט וואָלט, פאַרכאַפּענדיג די פּאָליטישע מאַכט, געוואָלט דורכפיהרען אַ „סאָציאַלע רעוואָלוציע” וואָלט די עקאָנאָמיע אליין פון אונזער לאַנד איהם פאַראורטיילט אויף אַ שווערע נידערלאַגע.

„מען זאָגט: דאָס וואָס דער רוסישער ארבייטער וועט אָנפאַנגען, וועט פאַרענדיגען דער דייטשער ארבייטער. דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות. עס איז קיין ספק ניט, אז אין עקאָנאָמישען זין איז דייטשלאַנד אַ סך מעהר ענטוויקעלט ווי רוסלאַנד. די „סאָציאַלע רעוואָלוציע” איז נעהענטער ביי די דייטשען, ווי ביי די רוסען. אָבער אויך ביי די דייטשען קומט זי נאָך ניט פאַר אַלס אַ פראַגע פון טאָג. דאָס האָבען זעהר גוט אנערקענט אַלע פאַרשטענדיגע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, פון רעכטען אזוי גוט ווי פון לינקען פליגעל, נאָך פאַר דער מלחמה, און די מלחמה האָט נאָך מעהר פאַרקלענערט די שאַנסען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

„הייסט עס, אז דער דייטש קען ניט ענדיגען דאָס, וואס דער רוס וועט אָנהויבען. דאָס קען ניט פאַרענדיגען דער פראַנצויז, ניט דער ענגלענדער, ניט דער איינוואוינער פון די פאַראייניגטע שטאַטען. פאַרכאַפּענדיג די פּאָליטישע מאַכט ניט

אין דער געהעריגער צייט, וועט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט ניט מאַכען קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע, ער וועט נאָר אַרויסרופען אַבירנער־קריג, וואָס וועט איהם סוף כל סוף צווינגען אָפּצוטרעטען ווייט צוריק פון די פּאָזיציעס, וואָס זיינען ערוואָרבען געוואָרען אין פעברואַר און מערץ פון היינטיגען יאָהר (1917).

„אָט דערפאַר, טייערע חברים, פאַרשאַפען מיר עגמת נפש די געשעהענישען אין פּעטראָגראַד. איך ווידערהאָל נאָך אַמאָל, זיי פאַרשאַפען מיר עגמת נפש ניט דערפאַר, ווייל איך וויל ניט, אַז דער ארבייטער קלאַס זאָל טריאומפירען, נאָר פאַרקערט, ווייל מיט אלע קרעפטען פון מיין נשמה וויל איך זעהן דעם טריאומף פון ארבייטער קלאַס און צוזאמען דערמיט זעה איך, ווי ווייט עס שטויסען איהם אָפּ פון דעם אָט די דערמאָנטע געשעהענישען.

„די באוואוסטזיניגע עלעמענטען פון אונזער פּראָלעטאַריאַט מוזען איהם ווארענען און פאַרהיטען פון גרעסטען אומגליק, וואס קען נאָר מיט איהם טרעפען".*)

פונקט דאָס זעלבע האָבען לענינ'ען פאָראויסגעזאָגט אלע אנדערע אָנגעזעהענע רוסישע סאציאליסטען פון אלע פּאַרטייען. דעם 25טען אָקטאָבער, 1917, אין דעם טאָג פון באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד, האָט די „איזוועסטיאַ", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אַלרוסישער צענטראַלער עקזעקוטיווע פון די סאָוועטען, וועלכע איז דעמאָלט רעדאַקטירט געווארען פון אַ קאָלעגיום, צוזאמענגעשטעלט פון מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, אין אַ לייט־ארטיקעל בוכשטעבליך פאָראויסגעזאָגט אלץ, וואס האָט שפּעטער פאַסירט אין רוסלאַנד.

אַלע האָבען געוואָרענט לענינ'ען, אַז ער זאָל ניט מאַכען זיין בלוטיגען עקספּערימענט איבער דעם לעבעדיגען קערפּער פון

---

*) Г. В. Плеханов. Год на родине. Том второй, стр. 244.

רוסישען פאָלק. ער האָט זיך אָבער אויסגעלאכט פון די אלע ווארנונגען און האָט זיך געטאָן דאָס זייניגע, ניט קימערענדיג זיך אויף א האָר וועגען די רעזולטאַטען, וואס וועלען ארויסקומען פון זיינע עקספּערימענטען. פאר איהם זיינען געווען וויכטיג ניט די רעזולטאַטען, נאָר די עקספּערימענטען גופא.

לענין איז געווען אַן עקספּערימענטאַטאָר, וועלכער איז אין זיינע עקספּערימענטען דערגאנגען איינפאך ביז צו משוגעת. אָבער צי ער האָט ביי זיין גאנצען גלויבען אין זיך און אין זיינע אידעען ווירקליך ערנסט ערווארט, אז פון זיין עקספּערימענט זאל וואָס ניט איז גוטעס ארויסקומען איז שווער צו זאגען. איינמאָל, דערצעהלט מאקסים גאָרקי, האָט איהם לענין אָפענהארציג א זאָג געטאָן: „די וואונדערלאכסטע זאך פון אָט דעם גאנצען עסק איז, וואס קיינער האָט אונז נאָך ביז איצט ניט ארונטערגעווארפען"...

מיר האָבען געזעהן, ווי אזוי ער האָט „אלעם פאָראויסגעזעהן" און ווי אזוי ער האָט זיך אויף שריט און טריט ווידערשפּראָכען, באזונדערס זייט ער איז געווארען דער דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד. די אורזאכע פון דעם איז געווען א גאנץ פשוט'ע: ער האָט אליין ניט געגלויבט אין דעם, וואס ער האָט געשריבען אין די לעצטע 10-12 יאהר פון זיין לעבען. זיין ציל איז געווען צו פארכאפּען די מאכט, כדי צו קענען מאכען עקספּערימענטען איבער'ן לעבעדיגען קערפּער פון א גרויסען פאָלק און זעהן וואס עס וועט דערפון ארויסקומען. שפּעטער, ווען ער האָט שוין די מאכט אריינגעקראָגען, איז זיין צוועק געווען אָנצוהאלטען די פארכאפּטע מאכט אום יעדען פּ ר י י ז. כדי צו דערגרייכען אָט דעם צוועק האָט ער געהאלטען פאר מעגליך באוואוסטזיניג אָפּצונארען די מאַסען, אָפּלייקענען היינט דאָס, וואס ער האָט נעכטען געשריבען און גערעדט, אויסטראכטען בלבולים און ליגענס אויף אלע זיינע געגנער, פארדרעהען און באהאלטען דעם אמת דאָרט, וואו דאָס האָט זיך איהם נאָר געלוינט.

אָט וואָס מאַקסים גאָרקי דערצעהלט אין אנאַנדער אָרט אין זיינע ערמאינערונגען וועגען לענינ'ען:

„לענין האָט זיך פאַר מיר איינמאָל באַקלאָגט (דאָס איז געווען מיט אַ פאָר יאָהר פאַר לענינ'ן טויט):

— אַ גרויסער שאָד וואָס מאַרטאָוו איז ניט מיט אונז. וואָס פאַרא זעלטענער חבר ער איז, וואס פאַר אַ ריינער מענש ער איז!

„איך געדענק, ווי ער האָט זיך געקייכט פון געלעכטער, ווען ער האָט איבערגעלעזען ערגעץ מאַרטאָוו'ס ווערטער:

„אין רוסלאַנד זיינען פאַראַנען נאָר צוויי קאָמוניסטען: לענין און קאָלאָנטאַי.*)

ווען לענין האָט געענדיגט לאַכען, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ:

— אַך, סאַראַ קלוגער מענש ער איז!**)

דאָס צייגט וואס לענין האָט אין דער אמת'ען געדענקט וועגען זיינע אייגענע חברים און נאָכפאָלגער, וואָס שווערען זיך אין טרייהייט צום „לעניניזם"...

ער האָט געזוכט איינצורײדען זיינע בלינדע נאָכפאָלגער, אַז די בלוטיגע טשעקאַ פאַרווירקליכט כלומר'שט די „דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט", אין דער אמת'ען אָבער האָט ער געשאַפען די טשעקאַ, כדי אָנצוהאַלטען די דיקטאַטור פון דער פּאָליט־ביוראָ פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איבער די 145 מיליאָן איינוואוינער פון רוסלאַנד. אָהן דער טשעקאַ וואָלט זיך דיזע דיקטאַטור ניט געקענט האַלטען. דעריבער מאַכט ניט אויס, וואס מען שיסט אוים אפילו טויזענטער אַבסאָלוט אומשולדיגע מענשען. דאָס, האָט ער געזאָגט, זיינען „טעות'ן", וואָס זיינען אונפאַרמיידליך. פון די „טעות'ן" לערנען „מיר" זיך ווי אזוי ווייטער צו מאַכען אונזערע „עקספּערימענטען". די בלוטיגע טשעקאַ איז ניט מעהר ווי איינער

*) די שעהנע און טעמפּעראַמענטפולע מאַדאַם קאָלאָנטאַי האָט זיך באַריהמט געמאַכט מיט דעם, וואס זי איז אַ גרויסע אָנהענגערין פון „פרייע ליבע". — ד. ש.

*) М. Горький. Владимир Ленин. Ленинград, 1924 г., стр. 21.

פון די פילע „עקספּערימענטען“, וואס לענין האָט אויסגעפּרובירט איבער דעם אומגליקליכען רוסישען פאָלק.

ניט איין צעהנדליג טויזענטער מענשען זיינען אין די ערשטע יאהרען פון באָלשעוויזם דערשאָסען געוואָרען פון דער טשעקא דערפאר, וואס זיי האָבען אין געהיים אביסעל אונטערגעהאנדעלט, כדי ניט צו שטאַרבען פון הונגער. אין א פּאָר יאהר ארום אָבער האָט לענין אליין זיך ארומגעזעהן, אז דער פארבאָט פון פרייען האנדעל איז געווען א „טעות“ און ער האָט איינגעפיהרט דעם „נעפּ“. דער קאפּיטאליזם לעבט צוריק אויף אין רוסלאַנד, די צעהנדליגער טויזענטער מענשען אָבער, וואס מען האָט דערשאָסען אין נאָמען פון קאָמוניזם, קען מען שוין צוריק ניט לעבעדיג מאכען.

נאָר אין דעם קראנקען קאָפּ פון א ווילדען מאניאק האָט געקאָנט געבוירען ווערען אזא באַרבאַרישע טעאָריע פון טשעקאָ־„קאָמוניזם“, פון אויסשיסען רעכטס און לינקס מאסען אומשולדיגע מענשען אין נאָמען פון אן „עקספּערימענט“...

לענין איז געשטאָרבען דעם 21טען יאנואר, 1924, פון א מארך־פּאַראַליז. נאָך מיט אנדערהאלבען יאהר פאר׳ן טויט האָט ער פארלאָרען דעם לשון און טיילווייז אויך דעם פארשטאנד. די לעצטע מאָנאטען פון זיין לעבען איז ער ניט געווען ביים זינען. עס איז אבער זעהר מעגליך, אז ער האָט געליטען פון אָט דער משוגעת־קראנקהייט פילע יאהרען. ד ר. נ. ס ע מ אַ ש ק אָ, דער קאָמיסאר פון פאָלקס־געזונדהייט און לענינ׳ס אן אינטימער פריינד פאר פילע יאהרען, האָט אין זיין ארטיקעל „פון וואס איז געשטארבען דער חבר לענין?“, וועלכען ער האָט פארעפענטליכט אין דער מאסקווער „פּראַוודאַ“ אין א פּאָר יאָהר ארום נאָך לענינ׳ס טויט, געשריבען:

„ווען מיר האָבען געעפענט וולאדימיר איליטש׳עס (לענינ׳ס) מארך, האָבען מיר זיך געוואונדערט־דארויף, וואס ער האָט געלעבט: א גרויסער טייל פון זיין מארך איז שוין פ ו ן לאַ נ ג ג ע ו ו ע ן ר ו א י נ י ר ט“. עס איז קלאָר, האָט סעמאשקא געשריבען, אז לענין „האָט געליטען פון דער דאָ־

זיגער קראנקהייט ניט איין יאהר און ניט צוויי יאהר, נאָר פילע יאהרען״*).

דעם אמת וועגען לעניג׳ס קראנקהייט ווייס מען נאָך עד היום ניט. אָבער צי ער האָט געליטען פון משוגעת נאָר דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען אדער אויך פון פילע יאהרען פריהער, — זיכער איז, אז קיין זשעני איז ער ניט געווען. זיין גרויס־קייט איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואס ער האָט געהאַט אַן אייזערנעם ווילען און איז געווען גלייכצייטיג אי א גרויסער דע־מאגאָג, אי א שרעקליכער אָפּאָרטוניסט, וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר קיין זאך אין דער וועלט, אַבי נאָר צו דער־גרייכען זיין ציל.

אָט די דאָזיגע אייגענשאַפטען זיינע האָבען מעגליך גע־מאכט פאר איהם, אז ער זאָל אין דער קריטישער צייט וואס רוס־לאנד האָט אין יאָהר 1917 איבערגעלעבט, אריבערגעוואונען אויף זיין זייט אַ גרויסע צאָהל אומוויסענדע סאָלדאטען און פויערים און ווערען דער דיקטאַטאָר איבער׳ן לאנד. און צי ער איז אין זיינע האנדלונגען געטריבען געווארען פון א דורשט נאָך פשוט׳ער מאַכט אדער ער האָט דערביי געהאט העכערע כונות פון א סאציאלען עקספּערימענטאַטאָר — אורטיילען איהם דארף מען נאָר לויט די רעזולטאַטען פון זיין ארבייט. לענין האָט זיך ארויסגעוויזען שטארקער פון זיינע געגנער און האָט „אלעמען בא־זיגט״, ניט דערפאר וואס ער איז געווען א זשעני, נאָר דער־פאר, וואָס ער האָט זיך פאר קיין זאך ניט אפּגעשטעלט אום צו דערגרייכען זיין ציל און דער ציל זיינער איז ניט געווען דער גליק פון רוסלאנד אדער דער גליק פון די לעבעדיגע מענשען, נאָר פארכאפּען און אָנהאַלטען די מאכט אין זיינע הענד, כדי צו מאַכען „עקספּערימענטען״. די ד ע נ ק ע נ ד ע אידעאליס־

---

*) אינטערעסאנט, אז דעםזעלבען אַרטיקעל האָט סעמאשקא איבער־געדרוקט נאָכדעם עטליכע מאָל צו לעניג׳ס יאהר־צייט. ער האָט אבער שפּעטער אויסגעלאָזען די לעצטע פראזע וועגען דעם, אַז לענין האָט געליטען אויף דיזער מארך־קראנקהייט פון פילע יאהרען.

טישע רוסלאַנד וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסען, אַז לענין האָט דערשטיקט אין זיינע אָרעמס די פרייהייט, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט פאַר זיך אויסגעקעמפט דורך דער מערץ־רעוואָלוציע פון 1917; אַז ער האָט אויסגעלאָשען דעם פרייען געדאַנק אין לאַנד, אונטערדריקענדיג די פרייהייט פון וואָרט, פון פרעסע און פון געוויסען און אומבּרענגענדיג דירעקט און אינדירעקט דעם גרעסטען טייל פון דער הויך־אידעאַליסטישער רוסישער אינטעליגענץ, — דעם מאַרך און דעם געוויסען פון לאַנד. די דענקענדע רוסלאַנד וועט אויך אייביג געדענקען, אַז דער לע־ניניזם האָט געבּראַכט הונגער, טויט און פאַרוויסטונג פאַר די מיליאָנען פון רוסישען פאָלק און האָט אין פילע הינזיכטען אָפּגעשטויסען רוסלאַנד אויף צעהנדליגער יאָהרען צוריק.

אויך די ליבּעראַלע און סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע פון דער גאַנצער וועלט וועט ניט פאַרגעסען, אַז לענין האָט פאַר'מיאוס'ט די הויכע אידעאַלען פון דער רעוואָלוציע און האָט שטאַרק דיסקרע־דיטירט דעם סאָציאַליזם; אַז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, וועל־כען לענין האָט געשאַפען, האָט אויף זיין באַפעהל און אונטער זיין פערזענליכער לייטונג געשפּאָלטען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און די יוניאָנס אין אַלע לענדער און אַז דער דריטער אינטער־נאַציאָנאַל און דער רויטער מיליטאַריזם, וואָס לענין האָט באַ־שאַפען אין רוסלאַנד, האָבען גוואַלדיג פאַרשטאַרקט די רעאַקציע אויף דער גאַנצער וועלט.

דער באָלשעוויזם האָט פולשטענדיג באַנקראָטירט נאָך בשעת לענין האָט געלעבּט. לענין האָט אָבער איבּערגעלאָזען נאָך זיך אַ שרעקליכע ירושה: די טעראָריסטישע דיקטאַטור אין רוסלאַנד און דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. ביידע טראָגען אין זיך אַלע גרונד־שטריכען פון לענינ'ס כאַראַקטער: די פאַנאַטישע איינגעשפּאַרטקייט און ענגהערציגקייט, די יעזואיטישע גרייט־קייט צו באַנוצען זיך מיט די ערגסטע און עקעלהאַפטסטע מיט־לען, אַבּי נאָר צו דערגרייכען וואָס מען וויל און די פאָלשטענ־דיגע גלייכגילטיגקייט אין פראַגען פון מאָראַל. וואָס כאַראַקטע־ריזירט לענינ'ען און דעם „לעניניזם" מעהר ווי אַלע איז די

דעמאגאָגיע און יעזואיטסטוואָ, די ארט, ווי אזוי לענין און זיינע נאָכפאָלגער האָבען געפיהרט און פיהרען עד היום דעם קאמף מיט געגנער און סתם מיט מענשען, וואס זיינען ניט „מיט אונז", די אייביגע אינטריגעס רכילות, ליגענס און בלבולים און די שטענדיגע גרייטקייט אויפצואפפערן אונצעהליגע מענשליכע לעבענס.

דאָס איז געווען לענין, און אָט די הויפט־שטריכען פון לענינ'ס כאראקטער זיינען פארקערפערט אין דער קאָמוניסטישער דיקטאטור פון רוסלאנד און אין דעם קאָמוניסטישען אינטערנאציאנאל, וואס דעמאָראליזירען און צופרעסען די ארבייטער באוועגונג איבער דער גאנצער וועלט און וואס דינען אָביעקטיוו די אינטערעסען פון דער אלוועלטליכער רעאקציע.